STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00886

MAYNE SHTURMISHE YORN

Joel Mastbaum

Permanent preservation of this book was made possible by
Wolf Wittenberg
in memory of
Gloria Wittenberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יואל מאסטבוים

מײַנע שטורמישע יאָרן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

68

רעדאקטאָר:

מארק טורקאָוו

פארלאגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

יואל מאסטבוים

מיינע טרויעריקע יאָרן

I

שמחה גלעזער

★

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

"Año del Libertador General San Martín"

בוענאָס-איירעס, 1950

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright By
Joel Mastbaum, Tel Aviv

JOEL MASTBAUM

Maine shturmishe iorn

(LOS AÑOS DE TORMENTA)

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires

אינהאַלט

שמחה גלעזער און זיינע אייניקלעך — 9

דער לויכטנדיקער דימענט שמחהס — 18

צווישן צוויי שוועסטער — 20

איצעלע מעזריטשער און זיין סביבה — 29

צום יאָר פון הוספות.. — 37

די רעכטע האַנט האָט אויך אַ לינקע — 42

שמחהס קאָנקורענטן און זיינע אַריינגייער — 47

דער עיקר זענען די חול־המועדן... — 54

אויך מיין פאָטער נעמט אויף זיך דאָס קעסטל... — 61

„שוואַלבן"... — 68

די אַמאָליקע ערשטע מאיען — 76

„לייכטע אַטענטאַטן"... — 82

דער איבערפאַל אויף דעם סטאַטסקי סאָוויעטניק זאַשטשענסקאָ — 89

שמחהס דאגות זענען אַנדערע — 94

דער שטרייק פון גלעזערס — 97

מיינע מאַלערישע יאָרן — 100

שמחה גיט מיר אַ דימענט אין וועג אַריין — 105

דער טשעליאַבינסקער שוחט וויל מיך פאַר אַן איידעם — 109

די געהיימנישפולע רעצעפּטן פון סטאַרשי וואַטש טשערדעלי און זיינע שוועסטערן — 119

„אַלטע באַקאַנטע" — 126

וואָס האָב איך פאַרלאַנגט? — 136

צוריק אין דער אַלטער היים — 143

עס גייט ווייטער אוים צו שויבן — — — — — — — — — — — 147
דאָס פייער פאַרשפּרייט זיך... — — — — — — — — — — — 156
די ליקווידאַציע פון געצלם שענק — — — — — — — — — — 160
אויך דאָ איז מיין באָדן צוווייפלהאפט — — — — — — — — — 163
שמחה שרייבט זיין צוואה אויפן לאָקשן ברעט און ענדיקט — — — 166

חעלעמאן

אַ מתּנה

שמחה גלעזער און זיינע איינִיקלעך

אין אַ ברייטן פירעקעדיקן הויף איז געשטאַנען אַ ברונעם פירעקעדיק אין מיניאַטור ווי דער הויף, נאָר דער ברונעם, צו וועלכן מען איז געקומען נעמען וואַסער, איז געווען פֿאַרשלאָסן איבער איין סיבה. אויפֿן הויף איז געווען אַ שפּייכלער פון גלאָז און קינדער, וואָס זענען געקומען אַהער זיך שפּילן, פלעגן אַרייַנוואַרפן שטיקער גלאָז אין ברונעם. אָבער איבער נאָך אַ סיבה איז געווען פֿאַרשלאָסן דער ברונעם. אַהער פלעגן קומען מענטשן פון דער גאַנצער סביבה קויפן גלאָזוואַרג פון מיין זיידנס גלאָז־הוטע, ס׳רוב פּויערים מיט פערד, פלעג מען אין אַ פּאָר שעה פון קליינעם ברונעלע אַרויסשעפּן דאָס וואַסער, אַזוי אַז עס איז געבליבן בלויז זאַמד פון אונטן, מוטנע וואַסער וועלכע מען האָט נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. האָט עס שטענדיק אויסגעזען ביי אונדז ווי אַ טאָרג. פערד און וועגענער, פּויערטעס און פּויערים און ווייבער און יידענעס, אַלץ איז געקומען אַהער, ס׳רוב סוף זומער, ווייל דאַן ווערן צייטיק די באָרן און עפּל וועלכע מען דאַרף איינזויערן אין טעפּ אויף ווינטער. סוף זומער ווערן רייף די געפּאַשעטע גענז און מען דאַרף פרעגלען טעפּ שמאַלץ אויף ווינטער. פלוימען און קאַרשן און אַגרעס און ווייַנפערלעך ווערן געפּרעגלט און מען דאַרף גאַנשערס און פּונקט אין דער צייט הייבט מען אָן זיך אומקוקן וווּ עס פעלט אַ שויב אין אַ פענצטער. האַרבסט קומען ווינטן און רעגנס, ווער וויל עס זיצן אָן אַ שויב. הכלל, אין דער צייט פון יאָר איז מיין זיידנס הויף געווען ממש אַ יאַריד און מענטשן פון שטאָט זענען מיין זיידן מקנא געווען מיט וואָס עס איז אים געווען מקנא

צו זיין, מיט דער גרויסער פאַרבן־רייכער פון כל מיני גלאָזן הוטע אין נאָענטן דאָרף זשעליאַנקע — אַ דאָרף מיט צען סך־הכּל פּויערשע כאַט־קעס, קליינע, ווייסע הילצערנע כאַטקעס מיט געל שטרוי — דעכער ווי ברייטע היטלען אָנגעטוענע. קיינמאָל איז דאָס שטרוי נישט אַלט געוואָרן און עס האָבן עס נישט אַלט געמאַכט קיין רעגנס האַרבסטיקע, וואָס האָבן גענאָסן טאָג און נאַכט, אַזעלכע פרישע און געזונטע שטרויען האָבן פאַר־מאָגט די תבואות פון זשעליאַנקע, אַ דערפל מיט דיקע סאָסנאָוועביימער אויף מײלן ווייט, מיט אַ פרישן גוטן ריח פון נאָדל־ביימער און פעטער זשיווויעצע. דאָרט האָבן אייביק געשפּילט קוקאַווקעס און עס זענען גע־פלויגן ממש פון בוים צו בוים רויטע וויעוויאָרקעס מיט צעלאָזטע וויידלען פרייליכע, לוסטיקע נישט צו כאַפּן זיי קיינמאָל.

נישט ווייט פון זשעליאַנקע האָט זיך געשלענגלט דאָס טייכל זשעליענקע, אַ וואַסערל אַ שטורעמדיקס און לויפנדיקס וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט אָנטפּלעקט מיט פאַרבן וויאָלעט־בלויע, פאַרבן וועלכע מען זעט אָפּטמאָל נאָך אַ רעגן אָנטפּלעקט דאָ און דאָרט און דאָ און דאָרט באַ־האַלטן און צוריק אָנטפּלעקט. געווען אין זשעליאַנקע אַ וואַסער, אין וועלכן הוטניקעס האָבן זיך אָפּגעוואַשן פון שמוץ, אָבער זשעליאַנקע דאָס טייכל האָט געשטראָמט מיט ריינע וואַסער, דאָרט האָט מען געכאַפּט פישעלעך, ציטערדיקע, פון דאָרט האָט מען אויף שבועות געברענגט טאַטריק אין די שטעט. אין אַ שבת, יום־טוב און אַ זונטיק האָבן זיך יידן און קריסטן דאָ אָפּגעטובלט.

אין מיטן דאָרף איז געשטאַנען ווי אַ רונדיק ברויט די הוטע, זי האָט פאַרמאָגט פינף און צוואַנציק אויוונס מיט בערך זיבעציק אַרבעטער, העלפט פּאָליאַקן, העלפט ציגיינער, נאָר סיי די פּאָליאַקן סיי די ציגיי־נער האָבן גערעדט יידיש ווי אַ וואַסער. די סיבה איז געווען די יידישע דורות וואָס האָבן געהאַלטן די הוטע אין זייערע הענט, דער ערשטער איז געווען מיין זיידנס זיידע דוד לוקאווער, וואָס האָט זי אָפּגעקויפט ביים שוואַב טולפע. דוד לוקאווער האָט זי איבערגעגעבן זיין זון אליקימען, אַ האַלבן טעפּער, אַ האַלבן גלעזער, און מיין זיידע שמחה דער דריטער האָט זי איבערגענומען אין אַ שלעכטן צושטאַנד, ער האָט זי געמוזט פון זיינע

אייגענע ציגל אויפסניי איבערבויען, ממש ווי אַ ברויט איבערצובאַקן פינף און צוואַנציק אויוונס און יעדער אויוון האָט געהאַט אַנדערע מענטשן, אַנדערע פאָרמעס, אַנדערע גלאָזן און אַנדערע פאַרבן, און דער עיקר אַנדערע ספּעציאַליסטן.

איך געדענק נאָך אין מיינע קינדערשע יאָרן, ווען מיר פלעגן אויפזיצן אויפן זיידנס וואָגן מיט די צוויי רויטע פערד און אַריינקומען אין הוטע, האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ וועלט פון קאָלירן, יעדער אויוון אין אַנדערע קאָלירן און אַן אַנדער מין גלאָז וואָס באַקומט זיין רייץ אין די פאַרנאַכטן, ווען די אויוונס פלאַקערן ווי אַ פייער פון ששת ימי בראשית.

אָט זיץ איך אין די שטובן פון מיין זיידנס שותּף און בוכהאַלטער הערשעלע האַלבערשטאַט, אַ יידעלע מיט אַ גאָלדן קייטעלע פון אַ זייגער אויף אַ פּליושענער וועסט. איך זיץ און קוק אין דעם ערשטן אויוון, דאָרט שטייט דער גוי מיט די פייערדיקע האָר אַלברעכט גזשיבאַווסקי, ער האָט אין האַנט אַ בלאָז־גילזע, כאַפּט אַ שטיק פייער, בלאָזט אויס אַ רויטן פענכער און באַלד לאָזט ער דעם פענכער אַריין אין אַ פאָרם. ניין. ער האָט פינף אָדער זעקס פאָרמעס און יעדער פאָרם שאַפט אַן אַנדער נאָמען פון אַ פלאַש, אַלזאָ: „פאַניענקעס", „שאַמפּאַניער", „האָלענדערינס", „גרעטשאַנקעס", ווער קען געדענקען די נעמען פון גזשיבאָווסקים פלעשער?

ביים צווייטן אויוון שטייט טאַלמאַ, דער יונג מיט די בלאָנדע געדרייטע האָר און מיט דער פלאַטשיקער נאָז. זיין ספּעציאַליטעט איז שיסלען ברייטע, גרינע, רויטע, בלויע שיסלען. פאַדגורסקי פאָרעמט גאַנשאַרס און זיי האָבן אויך אַ סך נעמען, ווי למשל, „טשערעשניאַק" אַריינצולאָזן קאַרשן, „פיווניאַק" אַ גאַנשאַר צו האַלטן ווייַן אָדער איינלייגן ראָזשינקעס. און אַ מייסטער איז פּאָדגורסקי אויף בראָנפן־פלעשער. ווייטער געדענק איך דעם שוואַב גינטער, זיין קענטעניש איז געווען שויבן־גלאָז און נאָך איינער אַ ציגיינער, עפּעס אַ קורצער מיט דיקע וואָנצן וואָס האָט אויסגעאַרבעט כל מיני גלעזערנע פעסעלעך, גראַפינקעס, גלעזערנע ליולקעס און גלעזערנע הינט. ער איז געווען דער בעסט־געצאָלטער אַרבעטער, און אויסער דעם אַרבעטן מענטשן אַרום אויוון. אייניקע וואָס כאַפּן אויף

די „גאַפּלען" זייערע די פּאַרטיקע זאַכן אין קיכן אויוון אַריין, אייניקע וואָס הייצן אונטער די אויוונס, אייניקע וואָס קערן אויס דאָס בראַכוואַרג און אייניקע וואָס גיסן וואַסער צו לעשן פייער. אַזוי גייט די אַרבעט אַ גאַנץ יאָר. דער הויף פון דער הוטע און זיינע ברייטע שטחים ווערן באַלייגט מיט גלאָז־קאַסטנס, מיט קוישן פלעשער, ביז עס קומט דער האַרבסט, הייבט מען עס אָן אַריבערצופירן צו מיין זיידנס שפּייכלערס. ווערט אויפן הויף דער מאַרק און עס קומען זיך אָן פּויערים, פּריצים פון הייף, גלחים און פאַרשטייט זיך מיין זיידנס גלעזערס קויפן אָן גלאָז, שטעלן עס אָן אין די קעסטלעך און לאָזן זיך אין גאַנצן וועלט אַריין גלעזן.

אויסער דעם רכוש זיינעם פון גלאָז איז מיין זיידע אויך געווען בפּועל ממש אַ גלעזער, ווייל אַזוי פלעגט מיין זיידע זאָגן איבער זיין גלעזעריי: „ווען גאָט האָט געבויט נחס תיבה, האָט ער אים געמאַכט אַ פענצטערל צו קענען אַראָפּקוקן צו דער וועלט, איז מה דאָך אַז גאָט האָט געמאַכט אַ פענצטערל, פאַרוואָס זאָל איך, שמחה, עס נישט מאַכן?" און ער האָט טאַקע געאַרבעט ביי די פענצטער, זומער און ווינטער, ווען עס רעגנט און עס שנייט און עס ברענט אַ זון, געדינט פאַרשטייט זיך דערצו האָבן אים זיינע ריזיקע כוחות. שמחה, ווי איך געדענק אים היינט, איז געווען אַ גוף, אויף וועלכן מענטשן פלעגן זאָגן „פון מעש און קופּער געבויט". קודם־כל די פּלייצעס רונדיקע, געטאָקטע, מיט אַ סך געלע האָר באַוואַקסן, זיי האָבן באמת אויסגעזען פון מעש און געקאָנט האָט ער אויף זיך טראָגן אַ גאַנצע מויער. און פּונקט ווי ער איז באַוואַקסן געווען מיט האָר אויפן לייב, האָט ער געהאַט אַ סך האָר אין דער באָרד, אויפן קאָפּ, אויפן האַלדז, אויף די פינגער, אַפילו די ברעמען זיינע האָבן געהאַט אָן איבערפלוס פון האָר, זיי זענען אַריבערגעוואַקסן איבער די יונגע בלויע אויגן זיינע, די באַקן ביי אים זענען געווען תמיד בליענדע, רויטע, רויטער נאָך ווי די באַקן איז די נאָז. די סיבה איז געווען דאָס, וואָס איידער מיין זיידע פלעגט אַרויסגיין באַגינען מיטן קאַסטן, האָט ער געמוזט אַריינוואַרפן אַ פיר־פינף גלעזלעך ספּירט ריינעם, דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער קופּערנער נאָז, אַ בעל־כוח איינער און אַז ער האָט געטראָגן דעם קאַסטן אויף זיך, האָט די ערד אַזש געציטערט.

און אַ בעל חשבון איבער זיינע גלאָזן איז געווען שמחה, אַלץ איז גע־ווען ביי אים פאַרשריבן, אויסגעשטעלט אין באַזונדערע קעסטעלעך, גאַנ־צע שויבן באַזונדער, האַלבע באַזונדער, קאַלירטע און מאַטע, קליינע און גרויסע. האָט ער געהאַט זיינע צוגעשניטענע גלאָזן פאַר שולן אַנדערע — קאַלירטע פענצטערלעך מיט אַ מגן דוד און להבדיל פאַר אַ קלויסטער הויכע, לאַנגע און שמאָלע שייבלעך. ווייל מיין זיידע איז געווען אַ ספּע־ציאַליסט אין שניידן גלאָז, ער האָט געטראָגן אין קעשענע אַ ספּעציעלן דימענט, אַ בעלגישן, קיינער האָט נישט געטאָרט זען נישט דעם דימענט, נישט ווי ער שניידט, מען זאָל אים נישט אויסכאַפּן די מלאכה.

**
*

מיר אַלע האָבן געלעבט אין זיידנס הויף, אויסער די טאָכטער, מיין זיידנס טויבע גיטל, פון ערשטן ווייב, אַ פרוי אַן אַלמנה מיט אַ סך קינ־דער, וואָס האָט געזאָגט אַז ווען אַ טאַטע האָט קינדער פון צוויי ווייבער, דזשאַבען זיי זיך ווי די הינער. האָבן געלעבט צוזאַמען, מיר, די קינדער פון זיידן און באָבען דאָ. קעגנאיבער אונדז וווינט שמחה אין אַ באַזונדער הילצערן הייזל, שטובן נידעריקע מיט טאַפּעטן גרינע, שוין לאַנג לאַנג אויסגעקלעפּטע. אַ סברה אַז דאָרט האָבן זיך געהאַלטן דורות פון וואַנצן; נאָר מען האָט זיי נישט געזען. האָט מיין זיידע נישט געוואָלט קלעפּן קיין נייע, כאָטש אויבן אויפן סופיט האָבן זיי געהאַט גניאַזדעס, און אַזוי אויך מיט די הילצערנע דעמבענע בעטן. פון איין פּסח ביזן צווייטן האָט דער זיידע צוגענומען די בעטן, געגאָסן מיט הייס וואַסער אין די ווינקלען, אין די שפּאַרעס און זיי צוריק צוזאַמענגעשטעלט. אַ בעט מוז אַזוי לאַנג לעבן, ווי לאַנג דער מענטש לעבט — זאָגט שמחה — און אַ וואַנץ מוז אויך לעבן, זאָגט שמחה, כאָטש אַ יאָר. שטולן זענען געשטאַנען סך־הכל צוויי אויף ספּרוזשינעס ווי די סאָפע, נאָר אויך זיי האָבן שוין לאַנג גע־דינט. אויב איך האָב קיין טעות נישט, פון מיין זיידנס פאָטער אַליקימען, נאָר די קופּערנע ספּרוזשינעס האָבן געשטאָכן דאָס לייב, אַזוי שאַרף זע־נען זיי געווען, סיי אויף דער סאָפע, סיי אויף די שטולן.

א זייגער איז געהאנגען, איז ער געווען איינגעהילט אין שפּינוועבס תמיד. די צונג פון זייגער א גלעז איז געשטאנען באזונדער, די וואגעס באזונדער, א קוקעווקע האָט געהאַט דער זייגער, נאָר זי איז געשטאנען אויפן קאָפּ פון זייגער טויט, ווייל מיין זיידע פלעג זאָגן אַז קוקעווקעס האָט ער אין וואלד און א זייגער פאר אים איז די זון.

ערגעץ אין דער גרויסער פירעקעדיקער קיך ווו עס שטייט א מול־טער מיט א לאָקשן־ברעט פאר חלות, שטייט נאָך אזא מולטער מיט א לאָקשן־ברעט צו קנעטן קיט, צוויי עמערס מיט קרייד און צוויי בונקעס מיט אייל זענען גרייט צו מאַכן קיט, און צווישן די פערצן פייערסעס פון קיך זענען דאָ זעקס אזעלכע, ווו עס שטייט א קעסל א פארברענטער פון טאָג מיט נאַכט קאָכן אייל צו קיט. און מיין באבע פלעגט קאָכן אייל א גאנצן מעת־לעת. דאָס האָט מיין זיידע איינגעשפּאַנט די האַסמעדיקע יידענע נעבעך, זי צוזאַמען מיט דער עלטסטער שוועסטער עטל, אייל קאָכן און קיט מאַכן.

פּאַרטיק געמאַכט דאָס, האָט מיין באבע געמוזט אָנהאַקן מיט דער גרויסער שער פון דראָט שטיפטן צו דערהאַלטן די שויב און רייניקן די העמערלעך פון קיט, און ווייל איך היינט טראַכטן, וואָס איז געווען מיין באבעס לעבן, ענטפער איך: קנעטן קיט און רייניקן העמערלעך, בלויז שבת, איין טאָג אין דער וואָך, האָט זי צייט זיך אָנצולענען אויף דער שטעכיקער פון די ספּרוזשינעס סאָפע מיטן געלן צאינה וראינה סידור, אָנטון די ברילן אויף דער פלאַטשיקער נאָז און האַלטן דעם סידור אין האַנט ביז זי שלאָפט איין. פאַלן אראָפּ די ברילן פון דער פלאַטשיקער נאָז אין איין זייט און פון דער צווייטער דער סידור, שנאָרכט זי נעבעך ביז פאַרנאַכט. דער זיידע איז אויפגעשטאַנען פון בינטל היי געשמאַקן פון הויף, אויפגעשטאַנען און געזאָגט א גוט־וואָך מיט א שפּעטערישן קול אויף דער באבעס בראָפּען. דאַן איז זי אויפגעשטאנען און גענומען זיך צוגרייטן די מלוה־מלכה, א גריץ מיט קאַרטאָפל און מיט פערפל, די מלוה־מלכה איז געמאַכט געוואָרן פאר מיין זיידנס גלעזערס. איך געדענק זיי אַלע. קודם־כל איז עס געווען יוסל גלעזער, שמחהס ברודער, א ייד אַן אביון, וואָס האָט פון שמחהן מער נישט פאַרלאַנגט און נישט גע־

נאָסן ווי דאָס אויסבאָרגן גלאָז אויף איבער דער וואָך און אוועקגעבן געלט שבת צו נאַכטס, צו דער מלוה־מלכּה. יוסל האָט געהאַט צוויי זין: איינער אַלטער, דער צווייטער מאירל. אַלטער איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ סך בראָדאַוווקעס אויפן פּנים און צוויי שוואַרצע לויפנדיקע אויגן, אַ פלוט אין כאַראַקטער, דאָס היטל איז ביי אים שטענדיק געווען פאַר־דרייט אויף אַ זייט און דאָס קעסטל האָט ער געטראָגן אויף דער צוויי־טער זייט. שמחה פלעגט זאָגן אויף אַלטערן, אַז יוסלס ווייב האָט באַ־דאַרפט האָבן אַ ציגיינער, האָט ער אים געגעבן אַלטערן. יאָ אַ גלעזער און נישט אַ גלעזער. האָט שמחה פאַרשטאַנען, ערשטנס, אַלטערן נישט צו געבן מער קרעדיט ווי גלאָז אויף איין פענצטער שויבן, און אויך נישט צוצולאָזן צו קיין גוט שטיקל אַרבעט. ער איז געווען ביי אים דער פאַר־טאַטש. דערפאַר איז מאירל געווען דער יחסן. אַ יונגערמאַן מיט שטאָלץ, אַרבעטן האָט ער געקענט, און קרעדיטן האָט ער באַקומען פון שמחהן. נאָר ער איז געווען בטבע אַ שוויצער; ער האָט נישט געוואָלט אַרבעטן.

דער פערטער פון דער גרופּע איז געווען מענדעלע, דער איידעם פון יוסל גלעזער. דער איז גאָר געווען אַ צאַצקע. אַ געפּוצט יונגערמאַנטשיקל מיט אַ געקעמט בערדל, עס האָט געשמעקט פון אים און צו דער אַרבעט האָט ער געהאַט גאָלדענע הענט. נאָר וואָס? אַנשטאָט אַרבעטן האָט ער אויך ליב געהאַט צו זיצן מיט ווייבלעך און דערציילן מעשיות...

און פרעמדע גלעזער האָט שמחה געהאַט. איינער איז געווען אַ יידל אַ צלאַפּ, ער האָט געהייסן יחיאל־לייב. נאָר ס'רוב האָט מען אים נישט גערופן מיטן נאָמען נאָר מיטן צונאָמען „צלאַפּ", ווייל ער האָט זיך שטענדיק געפּלאָנטערט צווישן די פיס, און ווען נאָר מ'האָט אים נישט באַדאַרפט, איז ער געקומען. יחיאל־לייב איז געווען אַ האַלבער גלעזער און אַ האַלבער מאַליער, האָט מען אים גענומען נאָר אויף ווינטער, דע־מאָלט ווען די אַרבעט האָט געברענט, ווייל זומער איז ער געגאַנגען אַר־בעטן צו דער באַן־מאַלעריי, איז ער דאָ נישט געווען קיין מומחה און דאָרט נישט קיין מומחה. ביי שמחהן איז ער געווען דער, מיט וועמען מען פאַרשטאָפּט אַ לאָך אין אַ בוידעם־פענצטער...

דער, וועלכן שמחה האָט אַממערסטן נויטיק געהאַט, איז געווען

„שלמה גוי". דאָס איז געווען אַ פּאַרשוין זייער הויך, זייער שטאַרק און אינגאַנצן רויט ווי פייער: די האָר, די באָרד, די פּאַרוואַקסענע הענט, די ברעמען. האָבן אַלע געציטערט פאַר אים, אַפילו די גויים, וואָרום פון אים ביז אַ גוי איז נישט געווען קיין גרויסער אונטערשיד. ערשטנס, האָט ער געטראָגן אַ היטל מיט אַ גלאַנצוואַטן דאַשעק אַ לאַנגן. מיט פּויערים האָט ער שטענדיק געפּרעסן און געטרונקען און יידן פלעגן זאָגן, אַז שלמה פרעסט קאַלבאַס. דעריבער איז ער געווען צו דער אַרבעט שטאַרק אייזן און קריכן אויף דעכער און לייטערס ביי דער אַרבעט אין אַ קלויס־טער האָט קיינער נישט געקאָנט ווי ער. האָט אים טאַקע שמחה געהאַלטן צו די קלויסטערס, ווי ער פלעגט מענדלען שיקן צו די שולן און בתי־מדרשים.

און איז געקומען דער שבת צו נאַכטס, האָט זיך שמחה צעזעצט מיט זיינע גלעזערס אַרום טיש און מיט יעדן געהאַט אַן אַנדער חשבון; מיט איינעם איבער די אַרבעטן אין קלויסטער, מיטן צווייטן פון די אַר־בעטן אין שול. דאָס שטיק קרייד אין האַנט האָט געהאַלטן שמחה, וואָס האָט מיט זיין קופּערנער האַנט באַשריבן דעם טיש מיט כל מיני ציפערן פון געלטער און פון גלאָז־מאָסן. און אַז דער טיש איז שוין געווען פאַר־שריבן מיט כל מיני חשבונות, צו וועלכע איך פלעג צופּאַטשקען מיט מענטשעלעך קרומע און לאָמע, האָט די באָבע גענומען אַ נאַסע שמאַטע, אָפּגעווישט דאָס קרייד און אָנגעהויבן אַרויפשטעלן די גרויסע שיסלעך מיט די קאַרטאָפליעס און פערפל — אַן עסן מלא טעם. נאָר וואָס, אין די פערפל און קליוסקעלעך האָבן זיך די ציין אָנגעטראָפן אויף פּיצלעך גלאָז ווי אויף זאַמד. בכלל איז דער שטויב פון גלאָז געלעגן אויף אונדז אַלעמען: אין די טשופּרינעס פון די האָר, אונטער די נעגל און ברעמען, מאַנכע מאָל אין די טעפּ. נאָר עס האָט נישט אויסגעמאַכט.

אָפּגעגעסן, אַוועק פון די טישן, נעמט שמחה די גרויסע אָנגעצונ־דענע לאַמטערנע אין דער האַנט אַריין און גייט אַרום אין שפּייכלער פאָרצובערייטן גלאָז פאַר די מענטשן אויף דער וואָך. דאָס בינטל גלע־זער ציען זיך נאָך אים נאָך ווי הענדלעך נאָך אַ גרויסן האָן און דאָרט אין שפּייכלער הייבט זיך אָן עפּעס אָפּטון. גלעזערס נעמען אַרום די די־

מענטן פון די קעשענעס און פּרובירן זיי אויס. עס שיינט זיי, אַז דאָס איז נישט דער דימענט, צו וועלכן מען איז צוגעוווינט... זאָגן דעם אמת, האָט קיינמאָל שמחה נישט געוואָלט, אַז ווער זאָל זיך צוגעוווינען צו אַ דימענט. עס האָט בײַ אים געהייסן, אַז דער, וואָס נעמט אַ זאַך אין דער האַנט אַריין, דעמס וועט עס שוין בלײַבן — און דאָס האָט שמחה נישט געוואָלט. פלעג ער צוזאַמענמישן די דימענטן קיינער זאָל נישט דערקע־נעם זיינעם.

דער לויכטנדיקער דימענט שמחהס

שמחה האָט געהאַט זיין אייגענעם דימענט, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין זיין קעסטעלע פאַרשלאָסן, ווי ער האָט געהאַלטן דעם בורשטינענעם סיגאַרן־שפּיץ און די שליסלען זיינע פון דער קאָמאָדע, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די סודות פון זיינע קניפּלעך און, לויט ווי איך געדענק, די דימענטן שמחהס, זענען זיי געווען צווייערליי: יום־טובדיקע און וואָ־כעדיקע. די וואָכעדיקע האָט ער באַנוצט צו פּראָסטע, גראָבע אַרבעטן אין קעלערס און בוידעם־שטיבלעך. נאָר איין דימענט האָט ער געהאַט, וואָס איז געווען אַ יקר־המציאות. שטאַרק אין שניידן דאָס גרעבסטע גלאָז. פלעג אים שמחה באַנוצן צו די קאָמפּליצירטסטע אַרבעטן, ווי שניידן שפּיגל־גלאָז, רונדן און מאַטעווען שויבן און שפּיצן אַזעלכע. ער האָט זיך טאַקע אונטערשיידט אין דער גאַנצער קאָנסטרוקציע פון אַנ־דערע. אַ שטאַרק בלישטשענדיקער דימענט אונטער אַ האַלב־רונדיק שטיק שטאָל, ווי אַ וועגעלע פון אַ קינד. דאָס הענטל זיינס פון עלפאַנט־ביין. מחיה צו האַלטן אין האַנט. שמחה פלעג זאָגן, אַז אליקום, דער פאָטער זיינער, האָט אים געבראַנגט פון בעלגיע; און נאָך דאַן איז ער געווען אַ יקר־המציאות. פלעגט מען אים ביי אונדז דערמאָנען מיט יחוס, ווי לייביש קלעזמער זיין אַלטע פידל, אויף וועלכער מ׳פלעגט זאָגן, אַז זי איז פון דוד המלכס פידלען...

שמחה האָט זייער ליב געהאַט דעם דימענט. עס איז געווען גענוג, ער זאָל אים אָוועקלייגן אויף אַ מינוט ערגעץ און נישט געדענקען, ווו ער האָט אים אַוועקגעלייגט — אַז ער זאָל זיך נעמען טאַפּן אין די קע־שענעס, לויפן איבערן שטוב און שרייען:

— רבקה, האסטו נישט געזען דעם דימענט?!...

ער איז געווען א שטיק פון שמחה גלעזער, האט ער אים טאקע באנוצט אין א מאמענט, ווען ער איז געווען אליין בגילופין, און דאס איז נאר שבת צו נאכטס; ווען די גלעזערס זענען אוועק, נעמט זיך שמחה ארבעטן פאר זיך, ווי שניידן שפיגלען און מאטעווע גלאז; א געהילף צו דער ארבעט איז דעם גלעזערס טאכטער, מינדעלע, מיט איר צווייטן בעלגישן דימענט.

איך געדענק, אז ווי נאר מ'האט אנגעצונדן א ליכט ביי שמחהן — האט זיך שוין באוויזן שמחהס טאכטער מיט א „גוט־וואך” צו די גלעזערס, אוועקגעזעצט זיך נעבן שמחהן צוהעלפן צו די חשבונות. דערנאך, אז מען האט אלץ פארטיק געמאכט, האט מען געזען דעם טאטן מיט דער טאכטער ביי דער ארבעט. שמחה איז געווען מונטער, אויסגערוט פון א טאג שבת. האט זיך שטענדיק אויסגעדאכט, אז דער קופער־מעשענער ייד קען אפגעבן פארן שבת א סך וואכן ארבעט... אזוי קלאר זענען געווען די יונגע בלויע אויגן, אויסגערוט די אקסלען, די הענט, דאס פנים.

האט דער מוט דערהויבן שמחהס גייסט, גערופן צו נייער ארבעט אויף א פרישע וואך און שמחהס טאכטער, דעם עלעגאנטן ווייבל מיט די אויערינגלעך און פינגערלעך אויף די הענט, האט געפאסט דער רייכער בליציקער דימענט צווישן די געשניצטע פינגער. עס האט אויסגעזען, אז זי פירט אוים מיטן דימענט צייכענונגען אויפן גלאז ווי א קינסטלערין. דערביי, אבער האט זי געטון נאך אן ארבעט. נעמלעך: „אויסגעמאלקן” ביי שמחהן געלט אויף נאך א שיין קלייד און נאך א שיין היטעלע. ווייל אין דער וואכן איז שווער געווען צו רעדן מיט שמחהן, דער גלאז־מלך האט אויף קיין סעקונדע נישט איבערגעריסן זיינע מחשבות באשעפטיק־[illegible] חשבונות פון ארבעט און מיט דער ארבעט אליין.

איצט, שבת צו נאכטס. האט ער צייט געהאט צו שמועסן מיט דער טאכטער און אויך פון א זייט א בליק צו טון אויף איר. ער איז געווען ביי איר [illegible], שטענדיק נאר מיט איר און פאר איר, איבער דער [illegible] וואס מיר וועלן דא באשרייבן.

צווישן צוויי שוועסטער...

שמחה האָט נישט געהאַט קיין זין, ער האָט נאָר געהאַט דריי טעכ-טער. איינע איז געווען אויסער דער שטאָט, נאָר די צוויי האָבן גע־לעבט שטענדיק אין אַ קאָנקורענץ צווישן זיך. די סיבה איז געווען דאָס מזל, וואָס זיי האָבן געהאַט ביים זיידן. מיין מוטער איטע, אַ יאָר עלטער פון מינדלען, איז געווען ענלעך צו דער באָבען, „אַ סמוטנע יידענע", ווייל זי האָט ווייניק גערעדט, געליטן שטענדיק פון אַסטמע. מיין מוטער האָט נישט געליטן פון אַסטמע, זי האָט אָבער באַלאַנגט צו די „סמוטנע טעכטער". איך געדענק זי פון מיין פריער קינדהייט, אַ מיטל-געוואוקסי־קע פרוי מיט אַ שאַטין שייטל פריזירט מיט לעקעלעך דראבנע קליינע און גרעסערע, וואָס פאַלן אַראָפּ אויפן שטערן, און ביי ביידע אויערן האָט דאָס שייטל פאות.

זי טראָגט סיי זומער סיי ווינטער אַ שוואַרץ שטרוי היטל באַפּוצט מיט קינסטלעכע בלומען, קאַרשן אַזעלכע, באַרן און עפּל מיט בלעטער גרינע, נאָר אַז איך דערמאָן מיך, וואָס פלעג איך פילן פון איר קאַפּע־ליושל, איז ריחות פון פאַפּ, מיט וועלכן די היטן־פּוצערקע האָט צוגע-קלעפּט די באַנד מיט בלומען און בלעטער קינסטלעכע. איך האָב מיך גע־פילט ווי אין אַן איינבינדעריי.

אַן אַלטמאָדישע עטוואָס האָט מיין מוטער אויסגעזען פון איר קליי־דונג, איבערהויפּט ווען זי פלעגט אָנטון דעם לאַנגן דאַלמאַן מיט די ברייט־טע אַרבל, די שיכלעך מיט דיקע שנוראָוואַדלעס, דאָס פּנים אָבער ביי איר איז געווען דורכגעוועבט מיט צאַרטע דינינקע שטריכן, קנייטשעלעך

ביי די עקן פון די ליפּן און דינע קנייטשעלעך איבערן שטערן. די אויגן אַש־בלוילעכע, טרויעריקע, אַ נאָז אַ דינע און אין די באַקן חן־גריבעלעך, שיינע, שמאָלע הענט. זי האָט זיי אָבער שטענדיק געהאַלטן אין דער מופטע. בכלל האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּאַראָרימטע פּריצטע, איבער וועלכער עס איז אַריבער די צייט. דעפּרימירט שטענדיק, די סיבה איז גע־ווען דעם זיידנס באַציאונג צו איר, „אַ סמוטנע טאָכטער מיט אַ סמוט־נער מאַמען״ פלעגט דער זיידע זאָגן און טרויעריקע מענטשן זאָלן גיין קאַסען היי. האָט דאָך דער מוטערס טרויעריקע האַלטונג געהאַט נאָך אַנ־דערע גרונדן. מיין מוטער איז אין שטאָט געווען פון די איידעלע, מען האָט זי געהאַלטן פאַר אַ פיל באַלעזענע, אַ פאַרחלומטע האָט מען געזאָגט און ווי איך געדענק, האָט זי געהאַט צו טון שטענדיק מיט חלומות פון שלאָף אויפשטייענדיק און אַ חלומדיקע איז זי געווען אין לעבן. זי האָט געלייענט שמרס און בלווישטיינס ראָמאַנען, געזונגען אליקום צינזערס לי־דער און פאַרן בעט אירן האָט זי אויפגעהאַנגען מאַנטעפיאָרען און דאָס געוועב פון קבר רחל, וואָס זי האָט אַליין געמאַכט.

מיין זיידע האָט באמת דאָס אַלץ נישט ליב געהאַט, נישט די מעשה ביכלעך מיין מאַמעס און אויך נישט דעם קבר רחל וואָס זי האָט אַליין אויסגעהאָפטן. דערפאַר האָט ער זייער ליב געהאַט מינדלען וואָס איז געווען פונקט דער היפוך פון דער מוטער. אַ ווייבעלע פון אַ יאָר צוואַנ־ציק, אַ דראָבנע קוועק־זילבערדיקע און לאַכעדיקע צום פּלאַצן. עס איז געגנוג געווען אַ בליק צו טון אויף אירע גרויסע גרין־בלויע אויגן וואָס האָבן זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט צו קוקן תמעוואַטע כלומרשט, ווי זי וואָלט נישט פאַרשטיין וואָס מען רעדט צו איר, אַז מען זאָל אויסשיסן מיט אַ געלעכטער, און געצויגן האָט זי מיט אירע חכמהלעך און וויצן פון אונ־טער די דינע ליפּעלעך מיט אירע אַרטיסטישע באַוועגונגען פון די הענט. מיט איין וואָרט: גענוג געווען אַ בליק צו טון אויפן גאַנצן קוועק־זילבער־דיקן פיגורל פון ווייבל מינדעלע, מען זאָל זען, אַז דאָס איז שמחהס טאָכטער. דערצו זענען אויך אירע לעבנס־באַדינגונגען געווען אַנדערע. מיין מוטער איז נישט מאָדערן געקליידט, נאָר מינדעלע יאָ. דער זיידע האָט זי געקליידט שיין, אַ שיינער בלויער זשאַקעט מיט אַ בלויער מופטע

מיט בלויע הענטשקעס, מיט בלויע הויכע קאַלאָשן, מיט אַ באַראַשקן הי־טעלע אַף אַ זייט, אַזעלכעס פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאָטן אירע שווארצע זיידענע האָר. מען האָט זי גערופן „אַפּיצערקע”. זי האָט באמת אויסגעזען ווי איינע פון די רוסישע אָפיצירקעס אין שטאָט און מיין פאָטער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן נאָמען פאַר איר „די טאָכטער פון גענעראַל אדיוטאַנט שמחאָוויטש”, אָדער „דער פליגל אדיוטאַנט פון שמחה גלעזעראָוויטש”.

דער נאָמען האָט געהאַט אַ גרונט. מיין זיידע האָט גאָרנישט גע־קאַרגט פאַר איר. און ווען זי האָט גענומען פאַר אַ חתן דעם הויכן שיי־נעם בחור אשרן פון נאָוואָמינסק, האָט דער זיידע אים געגעבן אַ גאָל־דענעם זייגער מיט אַ פיינעם בריליאַנט און איר אַ פעטן נדן מיט אַ רייכער וויפראַווע. די חתונה איז געווען אין דער שענסטער סאַלע אין שטאָט. עס האָבן געשפּילט די מיוחסדיקע קלעזמאָרים. די שפּילמאַנס, דריי דורות קלעזמער: יאַנטעל, לייביש און יאַנטשע. און אַ זכיה האָט אַ חתונה געהאַט, אַז מען האָט די אַלע דריי געהאַט מיט זיך, מען האָט געזאָגט, אַ גליקלעך פאָר־פאָלק.

האָט ער זיי איינגעאָרדנט די אמתע שיינע שטוב. ער האָט דעם איידעם געקויפט ש״ס און פּוסקים, ער האָט אים געמאַכט אַ שיינע ספרים־שאַנק. ער האָט אים געגעבן אייביקע קעסט צום עסן, אַ שיינעם ים־שטעקן געקויפט צום שפּאַציר. מיט איין וואָרט, אַלץ ברייט כיד המלך. די סיבה איז געווען, וואָס צווישן די צוויי איידעמס האָט ער אויסגע־ווייַלט פאַר אַ קדיש מינדלס מאַן.

מיר אָבער זענען געווען שטאַרק הינטערשטעליק קעגן מינדלען. מיר האָבן נישט געהאַט קיין ש״ס, נישט קיין ספרים שאַנק און נישט די אַלע פּריווילעגיעס פון קעסט.

דערפאַר איז אויך די גאַנצע שטוב געווען נעבעכדיק, און דאָס מעבל זייער באַשיידן. די שראַנק, וו עס איז געלעגן די וועש, איז אויך געווען די שאַנק פאַר קליידער, פאַר ביכער, פאַר גאַנשאַרס פון יאַגאַדעס סאַק און פאַר שמרים און בלוישטיינס ראַמאַנען. אַ חוץ דעם איז געשטאַנען אַ ברייטער אויוון מיט אַ סך קאַלך ווייסן און ווען מיר זענען אַ פאָר שעה

אפגעזעסן מיט א דרימעל אפטמאל פון אנגעגעמער ווארעמקייט, האבן מיר זיך געפונען אלע אויסגעוויסטע.

ווען מיר וואלטן אויסגעשטעלט די דריי שטובן אין א ריי, וואלט מען אויך געקענט זען ווי פארשידנארטיק די מענטשן זענען. צו מיין זיידן קומען גלעזערס. צו אונדז פלעגן קומען אנדערע מענטשן, די אויפגעקלערטע פון שטאט. זיי זענען געקומען צו מיין פאטער, וועלכן די שטאט האט געהאלטן פאר א מענטש וואס האט אפיקורסישע אנשויאונגען. זיי זענען אויך געקומען צו מיין מוטער, וואס האט געהאט איר פעקל געליבטע ראמאנען פון שמר, בלווישטיינען און מיין מוטער האט זיך געלאזט לייענען פון יאנטלען דעם מוכר-ספרים אהבת ציון אויף יידיש.

גאר אנדערע מענטשן זענען געווען די וואס זענען געקומען צו מיין פעטער אשר. אט דער יונגערמאן, דער איידעם אויף אייביקע קעסט מיטן ים־שטעקן, וואס האט געהאט זיין נדן געלט און נישט געהאט וואס צו טון דערמיט, האט אפילו נישט געוואלט צולייגן א פינגער צו דער גלעזעריי, האט זיך באמיט צו מאכן הלואה געשעפטן אין גאס, עם הייסט פראצענט, האנדלען. ס'רוב האבן געגאסן דערפון וואנדערנדע טרופעס, אויף וועלכע, ער, אשר, האט אויסגעשטעלט, אז פון זיי וועט ער האבן גרויסע פראצענטער. פון די וואנדערנדע טרופעס האב איך אנגעהויבן קענען צו לערנען נישט נאר דאס טעאטער אין גרויסן סאד, דארט ווו עס זענען ארויסגעטרעטן די אקטיארן פון הינטער א פארהאנג, וואס האט געדינט אויך פאר א פלאכטע צוצודעקן די פורן פון רעקוויזיטן זייערע. איך האב זיך אויך באקענט מיט דעם טעאטער, וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביי אונדז, כ'מיין, ביי אשרן אין שטוב. כמעט אלע פאר טעג פאלן אריין אנדערע פוילישע אקטיארן, א דירעקטאר מיט דער פרימאדאנע, מיט זייער געשעפטס־פירער. דעם דירעקטארס קאפ איז אויסגעשמירט מיט שמאלץ, ער טראגט א ווייסע פיקענע וועסט, מיט ווייסע הויזן, סיי זומער, סיי ווינטער.

די פרימאדאנע, א גויע מיט געפארבטע אויגן, וואס רויכערט ביז הייזעריקייט און א „געשעפטס פירער" כמעט אן שיך און אן הויזן. די אלע שרייבן אן קאנטראקטן מיטן פעטער אויף א יאר, אויף צוויי, צו לאזן

ביי זיי דאָס געלט אויפן משכון דעם רעקוויזיט, נאָר אין דער אייגענער נאַכט אָדער גאָר אין מיטן דער פאָרשטעלונג האָבן זיי איינגעפּאַקט דעם וואָגן און אַנטלאָפן ווי רוחות, איבערלאָזנדיק מיין פעטער פּאַפּירענע מאַסקעס, בלעכענע שווערדן און הילצערנע ביקסן. מיין פעטער פאַר־שטייט זיך איז געבליבן ווי אָפּגעשמיסן, נאָר מינדעלע, דער קונדס וואָס האָט ליב געהאַט פאַר יעדן פרייז קונדסישע שטיק, האָט געטרייסט דעם אָפּגעשמיסענעם מאַן אירן:

— גיב, גיב, האָט זי אים געטרייסט, באַלד וועלן מיר האָבן שווערדן און ביקסן צו באַוואָפענען מחנות און דו אַשר וועסט זיין גענעראַל און כאַ־כאַ־כאַ. שמחה גלעזער, זאָגט זי, האָט גענוג געלט אַן איידעם אַ צווייטן נדן צו געבן.

זי האָט געקוואָלן.

מיט איין וואָרט, זיי דאָרט האָבן גאָרנישט געשפּירט דעם גלעזער־טעם, זיי זענען געזעסן ביז אין די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט, גע־שפּילט אין קאָרטן און געטרונקען טיי מיט ווישניאַק. אַלע מאָל מיט עפּעס אַן אַנדער דירעקטאָר אָדער פּרימאַדאָנע, און אָפטמאָל האָבן די דירעק־טאָרן מיט די פּרימאַדאָנעס גענומען זינגען. איך געדענק, עס זענען גע־ווען הייזעריקע קולות, קולות פון שיכורים, נאָר אַלע וואָס זענען געקומען אונטערן פענצטער האָבן געמיינט, אַז גאָט זינגט פון מיין פעטערס הויז אַרויס, בלויז נאָר דער קונדס מינדעלע איז אַריין אין קיך און זיך גענו־מען קנייפּן די באַקן פון געלעכטער אויף זייער זינגען.

איינמאָל האָב איך געהערט אַ גערואַלד, אַ געשריי. עמיץ ווער פון די אַקטיאָרן איז געשטאַנען אין שטוב מיט אַ ביקס נעבן אַשרן און גע־דראָט זיך צו דערשיסן, אויב מיין פעטער וועט אים נישט געבן קיין הלוואה אויף די צען שווערדן וואָס ער האָט געבראַנגט. אַשר איז געשטאַ־נען בלאַס ווי דער טויט, און ער האָט שוין געוואָלט געבן די הלוואה, ווי עס איז אונטערגעשפּרונגען מינדעלע, אויסגעכאַפּט די ביקס מיט אַן אויס־שיסנדיקן געלעכטער. דאָס, זאָגט זי, האָט זי די פּאַפּירענע ביקס אין האַנט פון יענער ראָמאַנטישער סצענע, ווען דער אַקטיאָר האָט זיך דערשאָסן אויף דער בינע.

אַ צווייט מאָל איז געשטאַנען פאַר אַשרן איינע אַן אַקטריסע מיט אַ מעסער אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַ רינג. זי איז געשטאַנען און געמאַכט זשעסטן פון זעלבסטמאָרד. אַשר איז געווען אומבאַוועגלעך ווי אַ סלופּ.. ער האָט אמת געגלויבט, אַז אויב ער וועט דער אַקטריסע נישט געבן די הלוואה אויף דעם „בריליאַנטענעם רינג” אירן, מאַכט זי זיך דעם טויט. האָט ווידער מינדעלע אויסגעפונען, אַז די בריליאַנטן אירע זענען גלעזלעך.

איך געדענק די סצענעס איצט ווי דורך אַ חלום. זיי האָבן אויסגע־ריסן פון מיר שטיקער געלעכטער, ווייל אַשר בטבע איז געווען אַ סענטי־מענטאַלער יונגערמאַן, נישט קיין איבעריקער חכם און הלוואות האָט ער געגעבן אויף רעכטס און אויף לינקס. זיין ספּעציעלע שוואַכקייט איז גע־ווען אַקטריסעס און אַקטיאָרן.

אַזוי איז זייער לעבן ביים זיידן געווען אַן אַנדערס, און דאָס גאַנצע ביטערע און שווערע פון שמחה גלעזער איז געפאַלן נאָר אויף אונדז. אַלע האָבן מיר געמוזט דינען דעם גרויזאַמען זיידן פאַר אַ טאָפּ לינדזן ממש, וואָס ער פלעגט אַריינשיקן צום עסן, איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך. דאָס זענען געווען דריי־פיר זעלנערישע ברייטלעך געקויפטע אין די קאַ־זאַרמעס, אַ זייטל קעלבערן פלייש פון די צוויי זייטן, געלע הירזש און זעלנערישע קאַשע. אויף צו שמעלצן האָט געמוזט געבן די באַבע, וואָס פלעגט בדקענען אין זיידנס לאַנגע קעשענעס און ס׳רוב איז זי פאַר־שאַטן געוואָרן. די רוסישע צענערלעך און פירערס און זעקסערס האָבן זיך גענומען שיטן און קאַלערן, ביז ער, שמחה, האָט עס דערהערט אין סאַמע שווערסטן שלאָף. האָט ער גענומען שרייען גנבטע, האָט די באַבע נעבעך גענומען וויינען, אַז זי האָט עס נישט געמיינט, זי האָט נאָר גע־וואָלט פאַרלאַטען דעם זיידנס הויזן. האָט עס דער זיידע נישט געגלויבט און געשריגן, אַז אַלץ, וואָס זי, די באַבע, זעט אין שטוב טראָגט זי עס אַרויס דעם איידעם און נאָר אים. בכלל האָט ער די באַבען געפּייניקט פאַר דער סימפּאַטיע צום איידעם מיט די ליימענע הענט. „איז לאָ די וואָס ער טוט אַליין גאָרנישט”, פלעגט ער זאָגן, „לאָזט ער אויך די אייניקלעך

גאַרנישט טון". פֿייניקט ער, די איינציקלעך מוזן אַלע אַרבעטן ביי אים אין שפּייכלער ווי פּרעהס קנעכט.

איינמאָל אין וואָך קומט מיין פֿאָטער פֿון הוטע מיט אַ צעטל פֿון קניות פֿאַר זיך ווי פֿאַרן שרייבערל הערשעלע האַלבערשטאַדט. מיט אים קומט מיט דער הונט מיט די גרינע גלעזערנע אויגן בוראַק און צוזאַמען מיט בוראַקן ברענגט מיט מיין פֿאָטער חשבונות איבער וועלכע מען זיצט אָפּ די שבת צו נאַכטסן מיט געוואַלדן און געשרייען, אַז דאָס אַלץ וואָס עס איז באַשטעלט געוואָרן פֿון געזעלשאַפֿטן צו ליפֿערן גלאָז פֿאַר די פֿיר־מעס איז נישט אויסגעפֿירט געוואָרן. עס האָט נישט באַקומען די פֿירמע מאַהלייד און יאַנג פֿון ברוי־הויז די פֿלעשער, עס האָבן נישט באַקומען די אונטערנעמער צו בויען הייזער, די בראַונס, דאָס שויבן גלאָז און עס האָט נישט באַקומען דער דזשעקאַן קאַפּוסטאַ די שויבן צו די אַכציק פֿענצ־טער אין קלויסטער. אַזוי זאָגט מיין זיידע און נעמט האַקן אין טיש אַריין, אַז גלעזער און טעצלעך נעמען שפּרינגען אין דער לופֿט. נאָר מיין פֿאָ־טער קען אויך די אַרבעט פֿון שרייען און קלאַפּן אין טיש אַריין, אַז גלע־זער זאָלן נעמען שפּרינגען.

הייבט זיך אויף מיין זיידע פֿון אָרט און הייבט אָן שרייען: „גע־וואַלד איך וועל די הויזן אויסטוען".

ענטפֿערט מיין פֿאָטער: „שווער, אויב איר וועט אייך אַליין נישט אויסטון די הויזן, ווער וועט זיי אייך אויסטון?"

נעמט זיך אַריינמישן דער הונט בוראַק. אָט דער גלעזערנער הונט בוראַק, וואָס איז אין הוטע שטיל ווי אַ טויב, הויבט אָן דאָ צו באַווייזן וואָס ער קען, ווייל דאָרט האָט ער מורא צו פּראָטעסטירן, פֿאַרוואָס מיין פֿאָטער לאָזט די מענטשן שלעפּן גלאָז, דאָרט באַקומט ער אַ פּלאַש אין קאָפּ, דאָ אָבער איז ער זיכער מיט זיך. דאָ נעמט ער פּשוט מסרן מיט די אויגן, דאָ נעמט ער באַפֿאַלן מיין פֿאָטער, פּראָוואָצירן מיט אים אַ מלחמה. שמחה ווייס עס גוט, נעמט ער שרייען און רופֿן צו דער באַבען.

— זע, רבקה, מיינע צרות, דער הונט איז מיין עדות.

שרייט ער צו דער מוטער:

— זע, טאָכטער, מיינע צרות, מיין הונט איז מיין עדות.

דערווייל ווערט די מלחמה צווישן מיין פאָטער און זיין הונט אַזוי גרויס, אַז מענטשן פון הויף נעמען פויקן דורך די פענצטער:

— שמחה, וואָס איז אייך צוגעקומען?

— שמחהס קינדער, וואָס איז אייך צוגעקומען?

דעמאָלט הויבט אָן מיין מוטער זיך אַוועקשטעלן צווישן פאָטער און זיידן מיט די הענט צום הימל:

— רבונו של עולם, וואָס האָט מיך געטראָפן? פאַרוואָס בין איך אַזוי זינדיק, אַז ווען עס באַגעגענען זיך אַ שווער מיט אַן איידעם ברעכט אויס אַ פייער?

ווערן שטאַרקער די קאָנפליקטן, רייסט זיך אַהין און אַהער דער הונט. מיין פאָטער ווייס אָבער אויך דאָ מיט וואָס בוראָקן צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ.

דערווייל הויבט אָן די באָבע ברענגען טיי. צעשטעלט מען די טיי אין פאָדסטאַווקעס גלעזערנע פון דער הוטע געברענגטע, די באָבע הויבט אָן רעדן איבער די פאָדסטאַווקעס ווי שיין זיי זענען, און מיין פאָטער דערווייל איז אַרויס צו דער פור אָנלאָדעווען זי, מאָרגן צו פאָרן צוריק אין הוטע. דאַן הויבט זיך אָן מיין זיידע צוצורוקן צו מיר, און אַז מיין זיידע נעמט זיך פוצן צו מיר, ווייס איך שוין וואָס ער וויל, אַז איך זאָל מיטפאָרן מיטן טאַטן, זיין אַ שומר איבער אים, אַז ער זאָל היטן אַנדערע, בעסער געזאָגט, איך זאָל פאָרן אים לאָזן אַליין טון וואָס ער וויל. דער זיידע רוקט זיך צו נענטער צו מיר און הויבט אָן מיר צוזאָגן גאָלדענע בערג:

— יונגאַטש מיינער, רעדט ער צו מיר, אויב דו פאָרסט מיטן טאַטן אים העלפן, וועל איך דיר קויפן.

— וואָס?

— אַ גאָלדענעם זייגער אויף דיין בר־מצוה.

— קויף פאַר דיין איידעם אשר זייגערס, זאָג איך צו אים מיט אַ שמייכל.

— נו וועל איך דיר לאָזן מאַכן אַ שיינעם גאַרניטור.

מאַך גאַרניטורן פאַר מינדלען.

שמחה איז דאַן אויפגעשפרונגען:

אצינד זאָג מיר, וועמען זאָל איך שיקן צו היטן דיין טאַטן זען, ווי ער באַלעבאַטעוועט.

זאָג איך:

— שיק די רויטע עטלען, זי וועט אים היטן.

זאָגט ער:

— די רויטע עטל מוז איך האָבן ביים קיט.

זאָג איך:

— שיק בת שבען.

זאָגט ער:

— בת שבען דאַרף איך אין שפּייכלער.

— שיק גיטעלען, זאָג איך.

— גיטעלען דאַרף איך שיקן צו די פּריצים זאָגט ער.

— נעם דיר אסתרקען.

— אסתרקען מוז איך האָבן ביי די גלעזערס און געצעלע איז צו קליין און באַשקע איז צו שוואַך.

— איז פאַרוואָס זאָלסטו נישט שיקן יידלען?

מיין זיידע שפּרינגט אויף:

— ווייסטו נישט, אַז יידל איז מיין רעכטע האַנט?

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער שמועס מיט מיין זיידן האָט מיר קלאָר געמאַכט ווי אַזוי, ער, דער פייערדיקער זיידע, האָט געקוקט אויף זיינע אייניקלעך. ער האָט געקוקט שטענדיק אויף זיי ווי אויף איין מענטש. אַלע זענען עטוואָס גאַנצעס פאַר אים. אַן אָרקעסטער מיט וועלכן ער פירט אָן, נאָר אין דער אמתן זענען מיינע ברידער און שוועסטער געווען סאָלאָ־מענטשן, יעדער איז געווען עפּעס אַנדערש. אָט איז עטלע, אַ רויט מיידל, זי הייסט דעם זיידנס אייניקל, היט שבת, היט יום-טוב און היט דעם זיידן. זי האַרמאָנירט נישט מיט גיטעלען, וואָס היט נישט שבת, נישט יום־טוב און האָט נישט ליב דעם זיידן און אָט איז בת שבע. די עקרת הבית וואָס לעבט גוט מיט אַלע קינדער און אסתרקע אַזעלכע, וואָס רייסט זיך אַרום מיט קינדער. באַשקע האָט שיינע קינדישע פיסלעך צום טאַנצן, נאָר געצעלע איז אַ האַרפּאַשניק ווי זיין זיידע און דאַן קומט יידל. ווער ס'איז יידל, דאַרף מען דערציילן וועגן פאָטער זיינעם.

איצעלע מעזריטשער און זיין סביבה

מיין צווייטער זיידע האָט געהאַט אַ ביר שענק אין מעזריטש, און מיין פאָטער איז געווען דער שענקער. עס הייסט אַזוי, מיין זיידע, דער הויכער ברייט־ביייניקער ייד אין אַ ריפסענער קאַפּאָטע מיט אַ ליולקע אַ גלעזערנער, אַ צעפּייערטער, שטענדיק איז ער געשטאַנען ביים שטרוי־וויגעלע פון געלט און געציילט די רוסישע קופּערנע זעקסערס און די רו־סישע זילבערנע גריוועניקלעך און פירערס און צווייערס, פון זיי טיטלען געמאַכט אָפּצושיקן דאָס געלט אין ברוי־הויז. נאָר דער פאָטער מיינער איז געווען דער וואָס האָט געהאַלטן נעבן זיך דאָס ביר־פאַס מיט דער קו־פּערנער פּאָמפּע, ביר גלעזער צו צאַפּן פאַרן פּשוטסטן פאָלק, ס'רוב פּויע־רים, וואָס זענען געלעגן מיט די שטינקענדיקע פּעלצן און מיט רויך פון מאַכאָרקע רויכערן, וואָס האָט אויך נישט געשמעקט, געטרונקען ביר און צוגעביסן שטיקער קעז אָדער קישקעלעך וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ שטאַנג וואָכן לאַנג, איידער ווער עס האָט זיי אָנגערירט. און מיין פאָטער פלעגט ליגן מיט די הענט אויפן בופעט פון שענק און דערציילן אַליין אָדער אויסהערן די העלדישע מעשים פון קריסטן און יידן אין דער פּאָווסטאַניע קעגן פּאָניעז, הערן אַ קללה אויפן רוסישן צאַר פון די פּויע־רים אָדער אַליין שילטן, מיט וואָס ער פלעגט דערציטערן די פּויערים איז מיט דער אויפקלערונג, אַז משה רבינו איז געווען אַ סאָציאַליסט און „פּאַן יעזוס" אַ מענטש. דאָס האָט זיי ממש געשראָקן.

אַז אַנדערער איז געווען מיין זיידע. ווען ער איז אַוועק באַגינען צו השכמה דאַווענען און איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך נאָך אַ בליק געטון

וואָס אין שופלעדל טוט זיך, צוזאַמענגעשטעלט טיטלען פון די געלייזטע געלטער, דערנאָך גענומען דעם בעזים מיטן שטעקן איבער זיין קאָפּ צו־צוקערן דעם ברוק אַרום הויז. עס איז געווען זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט, פאַר וועלכער נישט פּינקטלעכקייט ער האָט אַמאָל געכאַפּט פון מאַגיסטראַט צו זיצן אַכט טעג „קאָזע". איבערהויפּט ווען ער האָט נישט באַנוצט דעם בלעכענעם שפּריצער מיט קאַלך צו באַגיסן די רינשטאָקן אַרום זיין הויז, וואָס עס האָט געברענגט דעם פּחד פאַר כאָלערע אין דער שטאָט. און אַז מיין זיידע האָט דאָס פּאַרטיק געמאַכט, איז ער אַריין צו זיך אין שטוב, דאָס צווייטע חדר פון שענק, הויך, מיט אַ רונדיקן סופיט ווי די שענק, בלוי געפאַרבט ווי די שענק, אַרויפגעשטעלט זיך אויף אַ שטול צו לאָזן אין גאַנג דעם זייגער מיט דער בלויער קוקעווקע, אַלע פופצן מינוט. דאַן פלעגן אַריינקומען זיינע ידידים, באַלעבאַטים, גוטע יידן פון מעזריטש. איינעם אַזעלכן געדענק איך פון מיינע ערשטע וויזיטן אין זיידנס שענק. ער האָט געהייסן לייבל, אַ הויכער ייד מיט אַ ריפּסענער קאַפּאָטע ווי מיין זיידע מיט אַ רונדיקן קאַפּעליוש ווי ער. נאָר איין אויג איז געווען האַלב פאַרמאַכט. מען האָט געזאָגט אויף לייבלען, אַז די בלינדקייט איז אים געקומען פון זיין אויסוויינען זיך ביים כותל המערבי. אויב דאָס איז אמת, ווייס איך נישט, דער פאַקט אָבער אַז לייבל, אָדער ווי מען האָט אים גערופן לייבל דער בלינדער איז געווען אין ארץ ישראל, איז זיכער (לייב רובין דער פאַקטישער בויער פון יסוד־המעלה). און אמת איז אויך, אַז ווען ער איז אַוועק אויף פּסח קיין ארץ־ישראל, איז ער צו־ריקגעקומען אויפן צווייטן פּסח מיט אַ פּאַק מתנות, ווי טערקישע שאַלן, נים, טייטלען און פייגן און אַ האַלב טוץ בערך פלעשער מיט וואַסער פון באר של מרים. און מעזריטשער ווייבער מיט מיין שעדלעצער מוטער האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ וואַסער ווען מען טרינקט עס, האָט מען קינדער, כאָטש איך האָב שטענדיק געגלויבט אַז אָן דער וואַסער וועט עס ביי מיין מוטער אויך גוט גיין מיט קינדער.

און אַז אַזאַ לייבל איז אַריינגעקומען צו מיין זיידן אין שענק רעדן אַביסל איבער זיינע קניות פון ערד אין ארץ־ישראל, איבער זיינע ליבעס צו די הייליקע קברים און צו זיינע אַלטאַנען טערקישע ,האָט ער פלוצ־

לינג אויפגעהויבן די אויגן צו דער וואַנט, ווו עס זענען געהאַנגען די גע־נוי פערצן פּושקעס אָנגעקלאַפּטע אויף דער וואַנט פאַר כלערליי געלטער, וואָס מיין זיידע האָט דאָרט אַריינגעלייגט. אַלזאָ: צוערשט אַרטיקע פּוש־קעס פון „הכנסת כלה״, פאַר „בקור חולים״, פאַר „הכנסת אורחים״, און נאָך אַזעלכע צוויי דריי. דאַן האָסטו געזען אַ ריי פּושקעס. אַלע כמעט פאַר רבי מאיר בעל הנס, גרינע פאַרשלאָסענע מיט שלעסער גרויסע ווי די מויערן, און אַז לייבל דער בלינדער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף דער וואַנט, פלעגט ער אַרויפקריכן אויף אַ שטול און אָנקלאַפּן מיט די הענט אין יעדער פּושקע, באַזונדער אונטן, צו זען ווי שווער זי איז. ער קלאַפּט מיט ליבע:

— דאָ האָסטו, געצעלע, דיינע פּרוטות פאַר די אַלע גוטע יידן אין לאַנד, פאַר די בלינדע, טויבע און רחמנותדיקע פון דער כותל המערבי.

ער קלאַפּט ווייטער.

דאָ רופן זיך אָפּ די פּרוטות פאַר די גוטע יידן, די לומדי תורה פון דער ישיבה אין חברון.

ער טרייסלט די פּושקעס:

— דאָ זענען געלטער פאַר די גדולי הדור, די מקובלים פון צפת.

ער קלאַפּט און קלאַפּט, ביז עס נעמען פון דער צווייטער שטוב אויפשטיין מענטשן פון די געלעגערס. דאָס זענען טאַקע די מטיפים און מגידים און משולחים, וואָס קומען קיין מעזריטש אַראָפּנעמען די פּוש־קעס פון דער וואַנט.

איך געדענק די בענק און געדענק די מענטשן און געדענק אויך פון די נעכט אין מיין זיידנס שענק, ווו עס שלאָפן די געסט. די שפּילע־דיקע גרילן, פּינף גרילן שפּילן ביינאַכט ווי אַן אָרקעסטער. איינע גאָר אַ טרויעריקע שפּילט אין אָוונט, די איינע וועקט אין מיר טיפע מעלאַנכאָ־לישע טענער, רופט מיך אהין, ווו עס רופן די מגידים און מטיפים און דער עיקר לייבל דער בלינדער מיט זיינע מעשיות איבער דער באר של מרים...

און מיין זיידע אַליין איז איצט לוסטיק. ווען ער זעט אז די געסט, אַז לייבלען. ער זעצט זיך מיט זיי אַוועק ביים טיש און הערט אוים באַ־

ריכטן פון די לערנער און בויער פון הייליקן לאנד, לאזנדיק רויך פון דער לאנגער גלעזערנער ליולקע, געשענקטע אים פון זיידן שמחהן. א ליולקע אז מען האט געקויכערט אין מיין שטוב, האט מען רויך געפילט אין דער דריטער און פערטער שטוב. די ליולקע האט אים שמחה געשענקט נאך אין די אידילישע יארן, עס הייסט, ווען פאטער און מוטער זענען געווען אין די האניג חדשים.

דערפאר, איבער די איינגנשאפטן, האט מען אים, מיין מעזריטשער זיידן, גערופן „געצל שענקער". עס איז אנדערש געמיינט ווי מען זאגט „שמחה גלעזער", ווייל שמחה גלעזער הייסט א ייד א הארעפאשניק, א מענטש פאר זיך, אן עושר און א קמצן און קורחס פארמעגן האט ער, האט מען געזאגט אויף אים, און א פושקע, ווען מען הענגט זי אויף אויף זיין וואנט היינט, רייסט ער זי מארגן אראפ. „געצל שענקער" איז אבער ליבשאפט צו אים, צו זיינע אורחים, צו זיין זייגער מיט דער קוקעווקע און צו זיינע גרילן. דערפאר אז מען האט דערמאנט דיביידע נעמען האט עס אויסגעזען ווי מען דערמאנט הימל און ערד.

אי, פון וואנען איז געקומען דער שידוך?

די אינפארמאציע האט די מוטער מיינע אונדז קינדער געגעבן, ווען זי איז טרויעריק געווארן פון די מלחמות צווישן איידעם און שווער. און די מעשה איז אזוי געווען: מיין זיידע פון מעזריטש האט באדארפט פלעשער צו ביר, וועלכע ער האט געקויפט ערגעץ אין א הוטע אין דער סביבה פון בריסק, און אזוי ווי די פלעשער פון דער שעדלעצער הוטע האבן אויסגעזען בעסער צו זיין, האט ער, געצל, זיין זון איטשעלע געשיקט קיין שעדליץ. דערוויל האט מיין פאטער געזען די מוטער און ער איז איר געפעלן. וועגן דעם ווי אזוי דאס געפעלן איז פארגעקומען, פלעגט מיין מוטער זאגן טרויעריק:

— היינט, קינדערלעך, ווייס איך אייך נישט צו זאגן, ווי אזוי דאס געפעלן איז פארגעקומען. איך ווייס נאר, אז ער איז געווען שטארקער פון מיר און ער האט מיך גענומען. און ווען זי איז זיך מודה, אז ער האט זי גענומען, גיט זי צו נאך וואס, וואס עס ווארפט אן א מרה שחורה, זי זאגט:

— דער גאַנצער שידוך איז געווען, זאָגט זי, אַן אומגעלומפּערטע באַנעגעניש, אָבער מיט אַ פליג וואָס קען געווינען.

אָבער מיט אַ פליג?

ביי די ווערטער נעמט זי אַרויס אַ ווייס טיכל, ווישט אויס די מיל־דע פּאָר אויגן פון טרערן, זיפצט אָפּ און גיט צו די ווערטער:

— אַזוי איז מיין מזל.

איך האָב טאַקע אַזוי אייביק געקוקט אויף מיין לירישער מוטער נע־בעך, ווי אויף אַ קרבן פון מיין פאָטערס שטאַרקן ווילן און ברוטאַלן כאַראַקטער, מען האָט עס אויך געקענט זען פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

***

איצעלע, אָדער ווי דער זיידע שמחה פלעגט אים רופן, איצעלע מעז־ריטשער, איז אַ נאָמען מיט אַ טאָפּעלער באַדייטונג. עס האָט געהייסן פון איין זייט, אַ בחור פון אַ מעזריטשער בית המדרש. אַ גוטער לערנער, עס האָט אָבער אויך געהייסן אַ קונדס. און ווי מיר שיינט האָט דער זיידע אין מיין פאָטער געזען מער דעם קונדס. די מעזריטשער האָבן מיין פאָ־טער גערופן איצעלע. פאַר זיי איז מיין פאָטער דערשינען ווי אַ גוטהאַר־ציקער מענטש און אַ גבור צוזאַמען. אין די ביידע אייגנשאַפטן זענען אייגנטלעך פּאַראַלעל געגאַנגען אין אים. מיין פאָטער האָט אין דער יוגנט געקענט גוט שווימען, גוט רייטן אויף אַ פערד און טראָגן מיט די ציין אַ טיש איבער דער גאַנצער שטאָט. ער האָט אָבער די גופישע שטאַרקייט פאַרווענדט אויף אַנדערע זאַכן. אָט למשל אין די צייטן פון די כאָלערא יאָרן האָט ער באַוויזן, אַז זיין לעבן שפּילט קיין ראָל נישט. ער פלעגט פון איבער די בריקן פון יענער זייט שטאָט טראָגן קראַנקע אויף זיך. ער האָט געהיילט די קראַנקע, ער איז געשלאָפן צווישן די קראַנקע, בכלל האָט ער זיך באַטייליקט אומעטום, וווּ עס איז אויסגעקומען צו מיין פאַר אָרימעלייט פון שטאָט און נישט אומזיסט האָט געצל שענקער געזאָגט: לאָז איך מיין איצעלען איין וואָך אין שענק, איז אויס מיט איר. ער האָט געקענט געבן, אַלץ אָפּגעבן פון זיך און פונקט אַזוי האָט ער געקענט זיין

גרויזאַם צו שלעכטע מענטשן און דעספּאָטן. האָט זיך זיין פּיינטשאַפט צום צאַרישן רעזשים אָנגעפאַנגען נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן. מעזריטשער דערציילן, אַז אין די צייטן פון פּאַבאַר, האָט ער געפירט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די רעקרוטן זיך צו פּייניקן, נישט שלאָפן, נישט עסן און צו דערזערטירן און ער אַליין האָט זיך אין פאַבאַר אַ היבש ביסל געפּייניקט, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, פאַרלייגט אַ פינגער אויף אַ פינגער, אָדער געניזיקט אַ פינגער, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. אַריינגעפאַלן אויף סלוזשבע קיין ראָסטאָוו, האָט מען אים געכאַפּט און באַשטראָפט מיט אַ צווייטער סלוזשבע, און, ווי מען האָט געזאָגט, געשמיסן. האָט ער זיך גענומען אויסדריקן אויף פּאָניען גראָב, האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ יאָר דיסציפּלינאַרן באַטאַליאָן, ווי אויך מען האָט אים געלעכערט אַן אויער און אָנגעטון אַ קאָזאַצקע רינג, אים אייביק צו טראָגן, און ווען ער איז געקומען קיין מעזריטש ווי אַן אויסגעדינטער זעלנער, האָט אַ שניידער מיט אַ גרויסער שער דעם רינג איבערגעהאַקט. אַ פּאַקט אָבער איז, אַז דאָס לעכל פון אויער איז אים געבליבן. דאָס האָט אים געשטויסן אויף כל מיני מחשבות פון נקמה אויף פּאָניען. ער האָט גערעדט מיט פּויערים איבער פּאָוסטאַניע און מיט פּראָסטע און אָרעמע פון פּאָלק איבער דעם, אַז מען דאַרף פּאָניען נישט דינען, נישט צאָלן קיין פּאָדאַטקעס, עס האָט די מענטשן געריירט.

מיט מיין שעדלעצער זיידן מיין איך האָט זיך אָנגעהויבן זיין טעאָריע צו פירן אַ קאַמף מיט באַלעבאַטים פאַר די מענטשן זייערע. און מיין פאַטער האָט דעם ענין שטאַרק געהיט. בכלל איז דער איידעם און דער שווער געווען פייער מיט וואַסער. איצעלע מעזריטשער, אָט דער גלייכער ברייט־קאַרקיקער יונגערמאַן מיט דער אונטערגעשווירענער פאַלקע קעגן פּייערדיקן זיידן האָט געמאַכט אַ רושם ווי אַ קאָזאַק אַ יונגער קעגן אַן עלטערן. און אַ מלחמה צווישן דיביידע איז שטענדיק געווען איבער וואָס: מיין פּאָטער הייבט אָן רעדן עפּעס אַ רחמנות־רעדע איבער מענטשן וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן, און אַז אַ מענטש האָט נישט וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן, ווערט ער קראַנק, קומט אין אַ שפּיטאָל און דאָרט ענדיקט ער פּריצייטיק. די רעדע רירט נישט זייער

דעם זיידן מיינעם, נעמט מיין פאָטער א צווייטע טעמע. מיין פאָטער הויבט אָן דערקלערן, אז אין אלעמען, אין דער גאנצער קאטאסטראָפע פון מענטשן, איז שולדיק א באלעבאָס. איז די מעשה אזוי, אויב דער באלעבאָס איז א זייער גוטער, זענען אויך גוט, געזונט און שטארק די מענטשן, און ווען נישט, פאלט א מענטש. מיין זיידע הערט אויס די ווערטער שוין מער אויפמערקזאַם, ער באמערקט נאָר מיט געוויסער פאַר־דראָסיקייט:

— איצעלע, פארוואָס עפּעס, איצעלע, נעמסטו זיך אָן יענעמס קריוודע און נישט מיינע?

ענטפערט איצעלע:

— פאַר אָן אָרימען מענטשן דאַרף מען זיך אָננעמען.

זאָגט מיין זיידע:

— אז מען ווייזט א הונט א האלבע האַנט, וויל ער די גאנצע.

זאָגט מיין פאָטער שטאָלץ און בייז:

— א מענטש איז א מענטש און נישט קיין הונט.

זאָגט מיין זיידע:

— א מענטש ווען ער בייסט, איז ער נאָך ערגער ווי א הונט.

מיין פאָטער הויבט אָן צוצומרעטן צום ענין. ער ווייזט אָן, אז אין הוטע הערשט נויט. דער ציגיינער קופקע ליידט הונגער, דער שוואַב גינסטער איז א פּגר, גזשיבאָווסקי און פאלמא פאלן פון די פיס און די בוטלע־טרעגערין, די שוועדקע עמידענא, באַקומט די כאָלערע.

מיין זיידן אָבער איז שווער זיך אויפצורעגן איבער אזעלכע ענינים, ביז מיין פאָטער גענעמט רעדן צו דער זאַך, צו זיין געוויסן:

— שווער, זאָגט ער צו אים מיט א היימישלעכן טאָן, אויב איר וועט געבן די מענטשן העכערע לוינען, וועט איר האַנדלען לויט די דינים פון דער תורה.

זאָגט שמחה:

— האַלט דיר די תורה פאַר זיך.

זאָגט מיין פאָטער:

— א ייד זאָל נישט האַלטן די תורה?

זאָגט דער זיידע:

— זאָל זיך ווער האַלטן פאַר די ציין.

א וואָרט פאַר א וואָרט, ביז מיין פאָטער שטעלט אָן א טאָן פון א געלערנטן, הוסט אָפּ, גיט זיך א שאַר איבער די וואָנצן, און זאָגט ארויס ווערטער מעשה פילאָזאָף:

— צי ווייסט איר, שוואָער שמחה, אַז אונדזער משה, עס הייסט משה רבינו איז געוועזן א סאָציאַליסט?

שמחה כאַפּט זיך אָן פאַר די אויערן, ער בלייבט שטיין, ער גלויבט נישט די ווערטער, ער שרייט:

— משה רבינו איז געוועזן א ציציליסט?

— משה רבינו איז געוועזן א סאָציאַליסט, פאַרבעסערט אים דער פאָטער.

— אוי וויי, אוי וויי, — רופט אויס שמחה הויך, — דו הערסט, — לויפט ער צו צו די באבען, — דיין איידעם זאָגט, אַז משה רבינו איז געוועזן א ציציליסט. דו הערסט — שרייט ער צו דער מוטער, — איציעלע דיינער זאָגט, אַז משה רבינו איז געוועזן א ציציליסט. אוי וויי איז מיר, רעדט ער צו זיך, משה רבינו איז געוועזן א ציציליסט. צו זיין קאָפּ!

צום יאָר פון הוספות...

הכלל, יאָ ציצילויסט, נישט ציצילויסט, מיין זיידע וויל נישט שיקן ייִדלען היטן מיין פאָטער. פאָרן מוז איך. כאָטש אין דער אמתן האָט זיך ייִדעלע שטענדיק געריסן צום פאָרן מיטן פאָטער און „ארבעטן״ מיט אים צוזאַמען. די מעשה איז, וואָס שוין דאָן האָט מיין ברודער זיך געפּלאָנ־טערט אין פאָטערס מחשבות וואָס משה רבינו איז געווען און זיכער וואָלט ער דעם פאָטער צונויף געקומען ביי דער „ארבעט״, האָט שוין דער־פאַר געזאָרגט שמחה, אַז דאָס זאָל נישט געשען, שיקט ער מיך.

שיינע טעג. מאָרגן איז שבועות, די צייט פון מתן תורה. אמת, אַז גראָד די טעג זענען שווערע פאַר די באַלעבאַטים, זיי מוזן געבן זייערע הוספות, וואָס אָבער קימערט עס מיך? איך פאָר מיטן טאַטן, אים היטן, ווער זשע אָבער וועט מיך היטן, אַז איך זאָל היטן אים?

פאַרגעס איך באַלד בכלל, צו וואָס איך בין געקומען, ווייל צווישן זיידנס צילן און מיין פאָטער, האָב איך געהאַט אַנדערע צילן, אַ בליק צו טון וואָס עס טוט זיך אין דער סביבה, און אַ שמעק טון צו די ריחות פון ווייכע ליימען, פון דער פרישער זשיווויצע אין די וועלדער, הערן די קלאַנגען פון די פאַרבענקטע קוקעווקעס, פרעש וואָס בענקען פון טייכעלע זשעליאַנקאַ און מאָרגן איז שבועות, טאָקע דער אמתער טאָג פון מתן תורה, ווו אַלץ איז טאָפּלט שיין און טאָפּלט זינגענדיק ווי אַלע וואָכעדיקע טעג. נאָר וואָס הערשעלע האַלבערשטאַדט איז מער נישט פריילעך ווי שטענדיק, די סיבה, זאָגט ער, איז דער טאַטע, וואָס האָט געמאַכט אַ קריג צווישן אים און די ארבעטער. ער הייסט זיי געבן העכערע הוספות

צום יאָר. דער אויספיר איז, אַז מען דאַרף אַרויסנעמען מיין פאַטער פון דאַנען צוליב דעם און אויך באַרגט מיין פאַטער אויס גלאָז און נעמט נישט אָפּ די געלטער.

האָט ער, הערשעלע, היינט אינדערפרי באַפוילן דעם זיידן צו קומען און תוך כדי דבור, שמחה איז דאָ, איז מיר טרויעריק געוואָרן. עס וועלן פאַרשווינדן מיינע לוסטיקע שפּאַצירן צווישן די ווייכע ליימען זשעליאַנ־קעס, און אירע וועלדער פולע מיט לוסטיקע רויטע וויעוויאָרקעס, צווישן אירע בלומען און טאַטריקען, און דער עיקר עס וועט פעלן דער הימן צו דער הוטע, צו די דריי דורות יידן ביז שמחהן.

און אָט איז ער דאָ שמחה. אין דרויסן איז שוין פאַרנאַכט. די גוי־אישע הוטניקעס שטייען שוין ביי דער סאַדזעווקע, שווענקען זיך און וואַשן זיך אָפּ די שוואַרצע לייבער מיט אַ געוויסער וואַכעדיקייט, און דאָ ביים טיש זיצן דריי און הויבן אָן פירן חשבונות, מישט זיך אויך אריין הערשעלעס ווייב, אַ יידענע מיט אַ לאַנגער נאָז, אַ פאַרראַצטע מיט אַ שנור בורשטינענע קרעלן. זי בעט די מענטשן וואַרטן ביז מען וועט טרינ־קען טיי און צובייסן מיט אַ ראָגאַל. דאָס וויל נישט שמחה, ער האָט חשבו־נות וואָס דאַרפן זיך ציען און ציען. זאָגט ער זיך אָפּ פון אַלעמען, ער זעצט זיך אַוועק מיט די הענט אונטערגעלעגט דעם קאָפּ און פרעגט אריין מיט אַ טאָן פון ביטערן געלעכטער:

— ווי גייט עס ביי אייך דאָ?

הערשעלע ענטפערט בייז, אַז דער פאַטער מיינער זאָל הערן:

— מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

דער זיידע פרעגט:

— חובות?

הערשעלע ענטפערט איראָניש:

— אַלע חובות ליגן אין טיש קעסטל.

דער זיידע פרעגט:

— אַצינד זאָג, הערשעלע, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון פלעשער דער פירמע מאַכלייד און יאַנג?

הערשעלע ענטפערט מיט פחד אַנקוקנדיק דעם פאַטער:

— איר האָט דאָך ב"ה אַן אײדעם, פרעגט אים.

מיין זיידע וויל נישט פרעגן דעם אײדעם, ער פרעגט נאָכאמאָל הערשעלען:

— וואָס איז געשיקט געוואָרן דער פירמע מאַכלייד און יאַנג?

הערשעלע ענטפערט מיט פחד:

— צ ר ו ת.

שמחה קוקט אָן מיין פאָטער:

— צ ר ו ת? אַ?

איצעלע פאַרמאָגט אין זיך גענוג כוחות צו רייצן יענעם, ער זאָגט:

נו איז וואָס קומט מיר דערפאַר?

שמחה ענטפערט:

— אַ פלאַש אין קאָפּ.

ענטפערט מיין פאָטער לוסטיקלעך:

— קלאַפּט.

פראַדעל האָט אוועקגעשטעלט טיי מיט ראָגאַלן, אָפּגעווישט די נאָז. זי בעט עסן פאַר די חשבונות, און דאָ זאָגן די מענטשן, זיי וועלן עסן נאָך די חשבונות.

דערווייל הויבט מען אָן רופן פון הערשעלעס צווייטן חדר, וווּ עס זיצן קרוב אַ מנין מענטשן — דאַווענען!

הערשעלע שטייט אויף אַריינצוגיין אהין, נאָר איידער ער גייט אַריין, באַהאַלט ער זיך הינטער דעם זיידנס פלייצע מיט ווערטער:

— אַצינד, שמחה, וועל איך אייך זאָגן, וואָס מיר ליגט אויפן הארצן. זינט איך קען אייער אײדעם, האָב איך באַקענט אַ צרה אויף אונדזערע ביינער. ער, ער וואָס בונטעוועט די מענטשן. ער, ער וואָס רעדט מיט די מענטשן טאָג מיט נאַכט, אַז מיר, מיר זענען די גבירים און זיי די אָרעמע לייט. מיר, מיר די געלט־זעק און זיי די וואָס מיר לאָזן זיי שטאַרבן פאַר הונגער. דער אויספיר איז אַלע מאָל הוספות, נאָר הוספות, דאָס יאָר אַ הוספה איבערן קאָפּ.

הערשעלע האָט איצט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן אויסשיטן אַלץ, וואָס עס איז אים געלעגן אויף דער נשמה. ער האָט דערציילט, אַז גזשי־

באָווסקי וויל דריי מאָל אַזוי פיל פאַר ארבעט און טאַלמאַ פיר מאָל. מיט איין וואָרט, אין דעם יאָר וועט אַלץ פּלאַצן און נאָר צוליב אים. עס פאַר־שטייט זיך, אַז מיין פאָטער איז אויך נישט געשטאַנען פון וויטן, ער האָט גענומען אויסשיטן אויפן פאַצעטישן יידל הערשעלע כל מיני רייד. ער האָט אים אָנגערופן „ליגנער", „פרעסער", „בלוט־זויגער", ביז עס האָט זיך גענומען אריינמישן דער הונט בוראַק, איז געוואָרן אַ געוואַלד, אַ געשריי און ווען דאָס אַלץ האָט זיך באַרואיקט, האָט ער, הערשעלע, ווידער זיך אָנגערופן:

— הערט, שמחה, דאָס רעכטע מיטן גערדיכטן האָב איך אייך נישט געזאָגט. און איצט וועל איך עס אייך זאָגן. זינט אייער איידעם איז גע־קומען אַהער, הערט ער נישט אויף איינצורעדן די גוים, אַז אונדזער גרויסער משה רבינו איז געווען אַ ציציליסט. איר גלויבט עס נישט, זאָג איך אייך ווי איך בין אַ ייד, ער האָט איינגערעדט די גוים, אַז דאָס איז אַן אמת.

הערשעלע האָט אָפּגערעדט און אַנטלאָפן. אָבער די ביידע, דער שווער און דער איידעם, זענען שטיין געבליבן ווי זיך אויפצועסן. מיין זיידע האָט נאָר באַמערקט מיט ביטערניש:

— איצעלע מעזריטשער, וואָלט נישט בעסער געווען, ווען איך האָב דיך ערגעץ הינטער אַ פּלויט?

איצעלע ענטפערט מיט אַ זיכערן שמייכל:

— אויך דאָס איז מעגלעך. האָט מיך הינטער אַ פּלויט.

אויף צומאָרגנס האָט דאָס בילד אויסגעזען זייער טרויעריק. מיין זיידע האָט זיך גענומען קריגן מיט די אַרבעטער. ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז קיין הוספה וועלן זיי מער נישט באַקומען. די אַרבעטער ווידער האָבן גענומען אויסשטרעקן די הענט צו די קאַסטנס, האָקן גלאָז, עס האָט אויסגעזען ווי ערב אַן איבערקערעניש. און באַלד ווי עס איז געוואָרן אויס יום־טוב, האָט מען זיך ווידער גענומען קריגן. מיין זיידע האָט דערווייל איינגעשפּאַנט די פערד און געהייסן אויפזעצן מיין פאָטער און מיר מיט־נעמענדיק מיט זיך בוראַקן, דעם הונט. דער וועג איז געווען אַ שרעק־לעכער. לא די, וואָס די פערד האָבן גענומען בלאָנדזשען אויף פרעמדע

פּוילישע וועגן, דערפאַר וואָס די שמייסער האָבן זיך געקריגט, בין איך באַפאַלן געוואָרן פון זיידן מיט קללות, איך, מיין פּאָטער און ברודער, מיך האָט ער צוממיינסטן געשאָלטן, ווייל איך בין נישט געוועזן קיין גוּ־טער נאמן.

די רעכטע האַנט האָט אויך אַ לינקע

מיין מוטער האָט צווישן אירע קינדער געהאַט אַזעלכע, וועלכע זי האָט מער ליב געהאַט און ווייניקער. דער ווייניק באַליבטסטער איז געווען מיין יינגערער ברודער יודל. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע. די גוטמוטיקע פרוי האָט פיינט געהאַט עקשנים, אָדער ווי זי פלעגט עס רופן „בונטאָווששיקעס", און אַז יודל איז אַזעלכער, פלעגט זי דערציילן פון זיינע וויג־יאָרן, ווי ער פלעגט בייסן די וואָרצלען פון איר ברוסט, אָדער ער האָט זיך איינגעעקשנט און גאָרנישט געוואָלט זויגן. האָט זי צוגענומען צו אים אַ פרעמדע אם און דאָס, פלעגט זי זאָגן, האָט זי פרעמד געמאַכט צו אים. דער אמת פון די ווערטער האָט זיך באַשטעטיקט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. יודל איז געווען ביי איר אַ פרעמדלינג, עפּעס אַ צוגעוואָרפענער. אים פלעגט זי לאָזן קריכן אויף דעכער, אויף פּאַרקאַנעס און פויערישע פורן. בכלל אַ מענטש פון אַ פמליה של מטה, אַ מין שטיפקינד, פאַר וועלכן מען זאָרגט קנאַפּ. עס איז צו באַמערקן, אַז מיין מוטער האָט דאָס גלעזעריי פיינט געהאַט און אירע קינדער האָט זי עס נישט געוווּנטשן; סיידן די וועלכע זי האָט נישט ליב געהאַט. פלעגט זי זאָגן אויף יודלען: „זאָל ער גיין, ווו ער וועט גיין..." זי האָט געמיינט צו שמחהס גלעזעריי. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין דער פריסטער יוגנט איז יודל אַריין צו שמחהן. דאָרט האָט מען פאַר אים אויפגעקלאַפּט אַ בעט, אויפגעקלאַפּט אַ קעסטל אויף גלאָז צו טראָגן אויף די פּלייצעס און שמחה האָט אים געגעבן איינעם פון זיינע בעסטע דימענטן אין דער האַנט אַריין: „גיי און שנייד!"

איז ער גיך געוואָרן אַ גלעזער פון די גאָר גוטע. ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. יודל, אַ יינגל מיט אַ רונדיק פנימל, מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן, אַ געוויסע צאַרטקייט איז געלעגן אין פּנים זיינעם, דער מוטערס צאַרטקייט. נאָר די אַקסלען זיינע זענען געווען שטאַרקע, זיידעשע, פּאַ־טערשע. און אַ קאַסטן האָט ער געקענט טראָגן העכער פון זיין קאָפּ. אַזוי שטאַרק איז ער געווען אין זיין גוף דעם צעשטאָכענעם און די הענט און פיס און אין פּנים אָפּטמאָל. יודל, אַ גוטהאַרציקער אָפּצוגעבן אַלץ פון זיך, אפילו די פּאָר פּראָסטע שטיוול מיט דער וואַטענער מאַרינאַרקע זיינער און דערביי האַרט און עקשנותדיק זיך אוועקשטעלן פאַר אַן עניו, וואָס איז אים אויסגעקומען פאַר אַ גערעכטן. די רייבונגען צווישן אים און שמחהן דעם קמצן, וואָס אַ פּרוטה איז געווען ביי אים אַן אויג פון קאָפּ, זענען געווען זייער אָפטע. איז דעריבער צווישן די מענטשן פון דער משפּחה געגאַנגען אַ וויכוח: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ געמיש פון זיידן און דער מוטער, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ געמיש פון פאָטער און מוטער.

נאָר שמחה פלעגט זאָגן, אַז ער איז נאָר דער פאָטער, נעמליך, דער „בונטאָווטשטשיק"... איז אַזוי ווי מיין פאָטער בונטעוועט די אַרבעטער פון דער הוטע צו העכערן זייערע לוינען און נישט קיין סך שעהען צו אַרבעטן, אַזוי רעדט אויך יודל איבער די גלעזערס שמחהס, אַז זיי אַרבעטן צו פיל שעהען און פאַר גראָשנס... איך געדענק אין די באַגינענס, ווען שמחה שטייט נאָך אין טלית און תפילין און מאַלט אָפּ ווי אַ מיל דאָס דאַווענען — שטייט שוין יודל נעבן אים און מאַכט זיך פּאַרטיק אין וועג אַריין, קנעט אויס דעם קיט, צעשניידט דאָס דראָט און פּיצעלעך טשוועקעלעך און ברומט עפּעס אין זיך אַז שמחה זאָל הערן:

— זיידע — פלעגט ער רעדן צו שמחהס געוויסן — דו האָסט, קיין עין־הרע, ברויט און פּוטער און פיש און פליייש און בראָנפן, וויפל דו ווילסט נאָר... נאָר דיינע מענטשן האָבן קוים דאָס שטיקל ברויט. און אַרבעטן שווער פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט... קענסטו עס צו־קוקן, זיידע?...

שמחה, ביי וועלכן דאָס פּנים האָט שוין געפלאַמט פון אַ טרונק פון

פּסחדיקן אקאָוויט אויף אַ גאַנץ יאָר נאָך פאַרן דאַווענען, איז געשטאַנען און האָט אָנגעקוקט יודלען מיט די בייזע, בלויע אויגן אים צו שטעכן. ער האָט יודלען ליב געהאַט, ער איז געווען די רעכטע האַנט זיינע, נאָר ער פלעגט זאָגן, אַז מיט דער רעכטער האַנט העלפט ער מיין פאָטער און מיט דער לינקער נאָר העלפט ער אים. איז ער געשטאַנען מיט דער האַנט צום מויל, געברומט אַ צייכן, אַז ער קאָן נישט אויסרעדן און געדראָט מיט אַ פינגער פון דער צווייטער האַנט, אַז נאָך ווי ער וועט פאַרענדיקן דאָס דאַווענען, וועט ער אים דערלאַנגען. און אַזוי טאַקע איז עס געווען. אַזוי ווי שמחה האָט אַראָפּגענומען פון ברענענדיקן שטערן דעם של־ראש פון די תפילין און גענומען אַרומשנורעווען די תפילין מיט די רצועות — האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט אים אָפּצורעכענען:

— יונגאַטש! — האָט ער צו אים געזאָגט — אפשר האָסטו שוין אויסגעלערנט די תורה פון איצעלע מעזריטשער? אפשר ווילסטו אויך, אַז באָרוועסע שקצים מיט שיקסעס זאָלן פּאַשען חזירים מיט אונדז?!... אויב אַזוי — לאָמיר דיר דערלאַנגען די פּאַרציע!..

און תוך כדי דבור האָט ער מקיים געווען, וואָס ער האָט גערעדט. ער איז צוגעגאַנגען מיט ביידע הענט צו די קליינע אויערלעך יודלס און אָנגעפּייערט זיי אַזוי, אַז בלוט איז געגאַנגען. יודל, דער עקשן, האָט נישט רעאַגירט דערויף, ער איז נאָר געשטאַנען מיט די רויטע אויערן און איבער־געחזרט דעם זעלבן מאָטיוו מיט אַנדערע ווערטער:

— דו, זיידע, האָסט קניפּלעך. מאַכסט חתונה קינדער, קיין עין־הרע, ביי שיינע טישן, און שטיקער פיש ווי פון אַ לויתן עסט מען ביי דיר... און וואָס האָבן זיי?... זיי האָבן קרענק מיט ווייטיק, זיידע... זיי האָבן קיט אין בויך און טשוועקעלעך אין די געדערים, און שטעכעניש און וואַרטע־ניש ביז דו, שמחה גלעזער, וועסט זיי אַמאָל צוואַרפן ווי אַ הונט אַ ביין, די פּאָר גראָשן...

יודל, דאָס באַהאַלטענע, פאַרעקשנטע יינגל, איז געווען בטבע אַ שווייגער. נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער אַרויסגערעדט אַלץ וואָס עס איז אים געלעגן אונטערן האַרצן. זעצט ער פאָר מיט נאָך מער האַרטקייט:

— זיידע — פּלעגט ער זאָגן — אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועלן זיי, די גלעזערס, אויפּשטיין ווי איין מענטש און צעזעצן דיינע קאַסטנס מיט גלאָז, האַקן שויבן און ברעכן גלעזער און פלעשער. ווילסטו דאָס?!... וועסטו עס האָבן! אין שפּייכלער ווי אין דער הוטע, אַלע וועלן אויפשטיין קעגן דיר, אַפילו די גלעזערישע יונגען און מוידן זייערע!..

דאָס מאָל האָט שוין יודל געערדט אַזוי, אַז עס איז געווען שווער אים אָפּצוהאַלטן. האָט אַלץ אין שטוב גענומען אויפשטיין און ציטערן אונטערן איינדרוק פון שמחהס ווערטער. קודם־כל איז אויפגעשטאַנען די באָבע. אָט די יידענע מיט די צוויי קיינמאָל נישט אויסגעשלאָפענע פאַר אויגן, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס ביסעלע שלאָף, איז שטענדיק כמעט אין די באַגינענס אויפגעריסן געוואָרן פון שמחהס סקאַנדאַלן מיט יודלען. און צוזאַמען מיט איר האָט זיך אַלץ גענומען רודערן. עס זענען אויפגעשטאַנען די הענער, הינער מיט אַ קוואַקעריי, שפּרינגעריי, שרייעריי... עס זענען אויפגעשטאַנען די מענטשן פון דרויסן, עס איז געוואָרן אַ טומל אַרום הויז און שמחה האָט דאָ גענומען שיטן מיט טויטע קללות אי אויפן איידים, אי אויף די אייניקלעך, באַזונדערס אויף יודלען, וואָס אַרבעט מיט דער רעכטער האַנט פאַר זיין טאַטן און מיט דער לינקער פאַר שמחהן...

אויף אַזוי ווייט זענען געגאַנגען די געשרייען, אַז מיר אַלע זענען אַרויס אין די נאַקעטע העמדער ווי ביי אַ שריפה. און דער פייערדיקער גייסט שמחה איז דאָ געוואָרן וואָס אַמאָל מער ברענענדיקער; עס האָבן געברענט די האָר, די באַקן, די סיי־ווי־סיי רויטע נאָז... זיינע זידל־ווער־טער האָבן גענומען אויפרייסן:

— איצעלע מעזריטשער!... — האָט ער געמאַכט פּויסטן צו דער זייט פון אַנדזער הויז — דו נאַר ביסט דער שטן, דו נאַר, דער בונ־טאָווושטשיק!... דו נאַר שטעלסט אויף אייניקלעך קעגן אַ זיידן. דו נאַר שטעלסט אויף די מענטשן!..

אָפּטמאָל נאָר האָט זיך שמחה איבערגערעכנט, אָפּגעקריגט זיך, די מענטשן זענען זיך צעגאַנגען — האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט יודלען מיט ישוב־הדעת:

— דו דארפסט ווּיסן זיין — פלעגט ער פלוצלינג רעדן געמיטלעך — אַז אַ מענטשן דערלייגן געלטער קען מען נאָר, ווען מען דאַרף אים, ווען דער שטריק נאָר ליגט שוין אויפן האַלדז; און דאָס איז אין סעזאָן, ווען עס ברענט די אַרבעט, ווען מען קומט ברענגען אַרבעט פון קלויסטער, פון די דערפער, פון די פּאָלוואַרקעס... ווען די אַרבעט ברענט אין דער פּאָליציע, אין דער פּאָסט, אין דער צערקווע. דער עיקר ווייסטו דאָך — די גובערניע. די צוויי הונדערט שויבן־פּענצטער, אַ חוץ שפּיגל־גלאָז און מאַטאָווע גלאָז און פאַרביקע שויבן... שמחה האָט זיך אוועקגעזעצט, גענומען יודלען צווישןביידע פיס און אָנגעהויבן אין אים אַריינרעדן מיט אַ טאָן פון מוסר ווי אַ מלמד צו די יינגלעך, צוגעבנדיק די ווערטער:

פאַר וועמען אַרבעט די בין?

פאַר וועמען גיט זי איר האָניג?

פאַר וועמען אַרבעט שמחה? פאַר אייך דאָך, יאָ. נאָר פאַר אייך, קליינע באַנדיטלעך! ער האָט גערדרייט יודלס פאַר אויערלעך, איצט מיט אַ געוויסער גוטמוטיקייט און איינגערעדט אים, אַז אויף יענער וועלט וועט מען אים, שמחהן, קיין טאָפּלטע פּאַרציעס לויתן נישט געבן דערפאַר וואָס ער אַרבעט פאַר די קינדער. מען וועט אים פירן, ווו די הינער שייסן... וויל ער, שמחה, כאָטש איין זאַך, אַז מען זאָל אים לאָזן שלעפּן דעם וואָגן און יודל זאָל אַרבעטן פאַר אים מיט ביידע הענט...

שמחהס קאָנקורענטן און זיינע אַריינגייער...

יודל איז אַוועק מיטן שווערן קאַסטן אויף די פּלייצעס, אומקוקנדיק זיך אַלעמאָל צום זיידן, אויב ער קוקט אים נישט נאָך, ווייל אין דער אמתן איז ער נישט געגאַנגען, וווהין שמחה האָט געוואָלט, אַז ער זאָל גיין צו דער אַרבעט, נאָר ער האָט זיך אַוועקגעדרייט ערגעץ אין די געסלעך. ווער ווייס צו וואָס? צי האָט ער געוואָלט כאַפּן ביי וועמען אַריינצושטעלן אַ שייבל און די פּאָר גראָשן אָפּגעבן טאַטע־מאַמע? אָדער איז ער געגאַנגען טאַקע אַהין, וווהין דער זיידע שמחה פלעגט זאָגן, צו די שדים און רוחות, וואָס שטייען אויף קעגן אים מיט הוספות?... אָדער האָט ער זיך, סתם, געשלעפּט איבער די געסלעך צו קוקן אויף דער אָרעמקייט? ער איז געגאַנגען מיטן שווערן קאַסטן און מיט די שטאַרקע טריט ווי דער זיידע, אומקוקנדיק זיך, צי ער קוקט אים נישט נאָך. נאָר יודל איז נישט געווען די איינציקע זאָרג שמחהס. אין די פרימאָרגנס האָבן זיך ווי אָנגעזאַמלט די זאָרגן שמחהס, יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש. דאָ קומט ווער און דערציילט אים, אַז אין דעם און דעם הויז, וווּ עס איז נעכטן געגלעזט געוואָרן, האָבן גנבים אַרויסגענומען די פענצטער מיט די שויבן און אַזוי ווי שמחה איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען דערפאַר, האָט ער זיך צרות געמאַכט דערפון.

אַמאָל איז געקומען ווער מיט אַ פּרעטענזיע, אַז דאָס און דאָס גלאָז פון די פענצטער האָט געפּלאַצט און ער מוז צושטעלן אַנדערע שויבן.

עס איז אויך ביי שמחהן דאָ אַ קאַפּיטל וואָס הייסט: קאָנקורענטן. הימל און ערד און קאָנקורענטן; און אויך אַריינגייער פון די קאָנקורענטנס

קינדער צו שמחהן אין שטוב אַריין און דאָס פּייניקט אים זייער און זייער. אויף וויפל דאָס האָט געבראַכט זאָרגן דעם מלך פון גלאָז, איז צו דערמאָנען די געוואַלדן און געשרייען אין די באַגינענס צווישן די גלעזער, וואָס זענען געקומען פון די קאָזשעניצקים, יעדער מיט אַן אַנדער פּליאָט־קע וועגן צונעמען אים מענטשן פון דער אַרבעט ווי אויך די אַרבעטן שמחהס. לאָמיר וועגן דעם קאַפּיטל שמחהס דערציילן.

*

ערגעץ, אין צענטער פון דער הויפּט גאַס פון דער שטאָט, שטייט אַ הויז מיט אַ סך שטובן, מיט ברייטע פאַנירטע שענק, אַלמערס, טישן, בענק און בעטן. די ווענט פון די שטובן זענען פאַרהאָנגען מיט אַטלאַסע־נע קאַפּאָטעס און מיט חסידישע היטלען און שטריימלעך און דאָ און דאָרט הענגט אַ טלית־קטן מיט פיר ציציות, דיקע, דורכגעוועבט מיט אַ פאָדים פון תכלת. דאָ וווינט דער ראַדזינער חסיד מיט זיינע זין, טעכ־טער, איידעמס, שנורן — יהושע הערש קאָזשעניצקי, אַ נידעריק, גוטמו־טיק יידל מיט אַ פּליושענער אַליוור־ברוינער וועסט, וואָס פון איר פאַרב ווערט ממש ווי באַגאָסן מיט אַליוו־פאַרב דאָס פנים מיט דער ברוינער באָרד און די הענט מיטן בורשטינענעם סיגאַרן־שפּיץ, פון וועלכן עס האָט געשטראָמט שטענדיק אַ געשמאַקער, בלויער רויך, אפילו פאַר די, וואָס האָבן פיינט רויך.

איך געדענק נישט יהושע־הערשם געשעפטן; איך ווייס נאָר, אַז ער איז געווען פון די שיינע יידישע באַלעבאַטים אין שטאָט, האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען און אַ גרויסן קרעדיט און אַן אָנזען אויף אַזוי פיל, אַז די אָרעמע כלות פלעגן טראָגן זייערע נדנים־געלטער צו אים. נאָר וואָס? די מענער און די ווייבער פלעגן טאָג מיט נאַכט רעדן וועגן קרישטאָלענע קליאַשן און וואַזעס און גראַפינקעס און שפּיגל־גלאָז. און דאָס האָט מען טאַקע געזען אויף די קרעדענצן און טישן אַזוי פיל. איך ווייס אויך, אַז צווישן די קאָזשעניצקים איז געווען ווער, וואָס האָט באַצויגן גלאָז פון וואַרשע און האָט טאַקע געהאַלטן מענטשן צו דער אַרבעט. איך ווייס נאָר

נישט, צי דאָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט יהושע־הערשן. אַלענפאַלס, שמחהס קללות זענען געפאַלן אויף קאָזשעניצקין און אים האָט ער גע־האַלטן פאַר זיין קאָנקורענט. זענען געקומען טאָג־טעגלעך אַנדערע גלע־זערס און האָבן איבערגעגעבן, אַז די און די מענטשן פון קאָזשעניצקין גייען צו די און די באַלעבאַטים פון הייזער אים אויסכאַפּן די אַרבעט, איז געוואָן הימל עפן זיך.

שמחה גלעזער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ.

איינמאָל איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז יהושע־הערש האָט פאַר זיין קרוב אָפּגעגעבן אַ פּאַפּיר אויף פרייזן צו נעמען די שטאָטישע גובערניע. און ער האָט זי גענומען.

ווער האָט געבראַכט די נאַכריכט? פאַרשטייט זיך, די גלעזערס, וואָס פּאָטשטעווען־איבער נאַכריכטן פון דאָרט — אַהער און פון דאַנען — אַהין. גוט איז געווען, אַז די נאַכריכט האָט זיך נישט באַשטעטיקט, נאָר וואָס וואָלט געווען, ווען עס באַשטעטיקט זיך יאָ די נאַכריכט? דאַן וואָלט שמחה געוווסט וואָס צו טון: ער וואָלט געשיקט איינעם פון זיינע גלעזער צו דער גובערניע דאָרט אויספּויקן שויבן. אַזוי איז שמחה געשטאַ־נען מיט קאָזשעניצקין אין אייביקע מחלוקתן ווי צוויי אמתע פיינט. טאָג מיט נאַכט דין־תורהס, שויבן־האַקעריי און איבערבעטעריי. און ווידער קריגעריי.

די באַציאונגען האָבן אָבער מיט גאָרנישט געשטערט, אַז עס זאָלן זיך צוזאַמענקומען די קינדער פוןביידע קאָנקורענטן. די סיבה איז גע־ווען אַ פלירט צווישן דער טאָכטער פון גענעראַל סימכאָוויטש, מינדלען, און יהושע־הערשס איידעם. און אָט אַזוי איז עס געשען.

***

אין אונדזער הויף פלעגט זיך אַרומדרייען אַ שדכן. דער, ווי איך געדענק, איז געווען אַ גרויסער בעל־מוצלח. וואָס ער האָט גענומען אין האַנט אַריין, איז ער מצליח געווען: אַן עלטערע פרוי, אַן אַלמנה, מיט אַ יונגן מאַן; אַ גרושה אָדער אַן אַלטגעבאַקן מיידל מיט אַ זקן אָדער אַ

זקן מיט אַ יונג מיידל. אין איין שידוך בלויז איז ער נישט מצליח געווען: צוזאַמענברענגען שמחהם טאָכטער, מינדלען, מיטן היינטיקן איידעם קאַזשעניצקים — ישראלטשע ראַטבאַרדן. אַט דער הויכער בחור מיטן רויטן גאָלדענעם בערדל און אויפגעשטעלטן סאַמעטענעם היטל, וואָס האָט אים ענלעך געמאַכט צום רויטן האָן פון אונדזער הויף, איז געווען איינער פון די בחורים, אויף וועלכן עס האָבן רעפלעקטירט די שענסטע מיידלעך פון שטאָט. נישט נאָר צוליב זיין מאַנסבילשקייט, נאָר ער איז אויך געווען אַ מענטש פון אַ סך מעלות. ער האָט געקענט שיין שרייבן, שיין רעדן, דער עיקר האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיינע חסידישע נגונים און אפילו אין זינגען ניגונים פון אָפּערעטקעס. ער האָט עס נישט באַדאַרפט זוכן ווייט, ווייל ער האָט עס געהאַט פון אשרם אַקטיאָרן.

דאָס אַלץ אָבער האָט שמחה גלעזער, דער „מתנגדישער סנאָפּ" ווי מען האָט אים גערופן, פיינט געהאַט. ער האָט פיינט געהאַט ניגונים פון חסידים. „עס גרילצט מיר אָן זיי אויך אין די אויערן" — פלעגט ער זאָגן. — האָט ער בשום אופן נישט מסכים געווען אויפן שידוך. האָט אים אויסגעכאַפּט קאַזשעניצקי. דער סוף איז געווען, אַז צו מינדלען פלעגט ישראלטשע קומען, נאָר... זינגען.

געדענק איך, אַז ווי נאָר עס איז אריין צו אשרן אין שטוב ישראל־טשע, — פלעגט ער אָפּקנעפּלען די קנעפּ פון דער שוואַרצער קאַפּאָטע, פון וועלכער עס האָט זיך אַנטפּלעקט זיין ווייסע, פּיקאָווע וועסט מיט דער דיוויזקע פון גאָלדענעם זייגער, און אָנגעהויבן ברומען, צוקלאַפּנדיק מיט די שיינע, לאַנגע פינגער, און ווייבלעך און מיידלעך פון הויף האָבן זיך געשטעלט הינטער די פענצטער לעקן די פינגער פון אים. שווער איז נאָר אָנגעקומען מינדלען געוואָר צו ווערן, וואָס עס קומט פאָר אין קאַזשעניצקים גלאָז־געשעפטן פון וועלכע עס האָט געוואָלט וויסן שמחה. פלעגט אים מינדעלע אונטערקומען מיט ביטרע פראַגן, אַרויסצובאַקומען פון אים דאָס „רעכטע" מיטן „גערעכטן" — וואָס הערט זיך עפּעס ביי די קאַזשעניצקים? — פרעגט מינדעלע מיט אַ שעלמישן שמייכל.

ישראלטשע ראַטבאַרד, דער געריבענער יונגערמאַן, נעמט זינגען:

— באַם, בים, באַם...

— איז שלמה־גוי געקומען קויפן גלאז?...

— באם, בים...

— איז דזשעקאן קאפוסטא געקומען באשטעלן גלעזער?...

— בים, באם...

— האט מען געשיקט צו אייך פון דער גוברניע קויפן ביי אייך שפיגל־גלאז?...

דא הויבט אן ראטבארד צו באמקעווען אויף אלע כלים, ביז מינדעלע נעמט זיך בייגן פון לאכן. גארנישט האט זי, דאס טייוולאנישע ווייבל, געקענט ארויסבאקומען פון אים. דערצו האט זיך ישראלטשע ראטבארד געטויגט.

איז פונקט, ווי ער האט זיך געקענט ארויסדרייען פון מינדעלעס הענט, אזוי געשיקט איז ער געווען צו פארענטפערן זיך פארן ווייב, ווען זי האט גענומען שיטן אויף אים מיט א קרייץ־פייער:

— קומסטו אמאל אריין צו שמחה גלעזער?... — פרעגט זיין ווייב.

ענטפערט ישראלטשע ווי זיין שטייגער:

— באם, בים, באם... מיין ווייב.

— ענטפער אויף דעם וואס איך פרעג דיך! — רעגט זיך אויף דאס ווייבל. — וואס טוסטו שטענדיק ביי שמחה גלעזערס ווייב, רבקהן?...

— א געזונט דיר אין דיינע ביינער, מיין ווייבל! ווי קום איך צו א זקנה?...

— נו און מינדעלע?...

— כא־כא־כא — צעלאכט זיך ישראלטשע. — צי טראכסטו, אז איך וועל דיך, א ווייסע טויב, פארטוישן אויף אזא טייוול ווי מינדעלע איז?...

און ישראלטשע ראטבארד, דער הומארפולער, גאלדענער יונגערמאן, בייגט זיך פון לאכן, ווען ער דערציילט ביי אונדז, ווי אזוי ער נעמט זיין ווייב אין חדר אריין.

גראד אבער דאס הסידישע קינד, ישראלטשען, ליידט נישט שמחה. בייזערט זיך שמחה אויף מינדלען, פארוואס זי האט זאניאנטשעט אן איידעם פון א ביטערן קאנקורענט...

— ווייסטו, — פלעגט ער זאָגן צו זיין געליבטער טאָכטער — וואָס עס באַדייט אַ קאָנקורענט אין אַ הויז? אַ שלאַנג! מער ווי אַ שלאַנג! אַן עכברוש, אַ וואָרעם, אַ שד, אַ טייוול!...

—ניין טאַטע! — ישראלטשע איז נישט קיין שד און נישט קיין טייוול! — שפרינגט אויף מינדעלע.

— אַ רשע איז ער — טענהט שמחה.

— אַ מלאך און נישט קיין רשע!... — ענטפערט מינדעלע.

שמחה שטעלט אָן אויף זיין טאָכטער זיינע בלויע אויגן מיט נישט פארשטענדלעכע בליקן:

— דו ווייסט נישט — טענהט ער צו איר — אַז דער גנלער (אַזוי פלעגט ער רופן קאַזשעניצקין...) האָט מיר צוגענומען די גוברניע?!..

— פון וואַנען ווייסטו שוין, טאַטע, אַז קאָזשעניצקי האָט דיר צוגע־נומען די גוברניע?

— האָסטו נישט געהערט די ווערטער פון די גלעזערס?...

— די גלעזערס זענען פּליאָטקאַזשעס, טאַטע!

— מינדל — טענהט שמחה, — דער וואָס טראָגט אַרויס פון שטוב, וואָס ער הערט און זעט — דאָס איז דאָך, ימח שמו, ישראלטשע!...

דאַן הויבט אָן שמחה זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר דער טאָכטער. פאַרוואָס פאַרשטייט זי נישט, אַז ווען עס קומט אַריין אַן איידעם פון אַ קאָנקורענט, מוז ער אַרויסטראָגן פון שטוב אַלץ, וואָס ער הערט און זעט. דער סוף איז דאָך, אַז דער קאָנקורענט דינגט אויס, כאַפּט אויס, נעמט אַוועק... שמחה ווערט שנעל אויפגערעגט, לייכט אים צו מאַכן וויינען. און אַזוי ווי ער רעדט אַזוי, קען מען זען, ווי די טרערן קומען אים אין די אויגן:

— וואָס איז מיין לעבן? — הויבט ער אָן פּלוצלינג רעדן פאַר מינד־לען.

— פאַר וועמען רייס איך איין די וועלט? פאַר וועמען אַרבעט איך פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט? און פאַרוואָס רייס איך מיך אַרום מיט איצלען און יודלען, אַז נישט פאַר אייך אַלעמען?!... פאַר איי־

נעם מערער, פּאָר אַ צװײטן װײניקער. לאָזט־זשע מיך שלעפּן דעם שװערן װאָגן, קינדערלעך, לאָזט מיך... װײל װאָס בין איך אױף דער װעלט? אַ בין! דאָ שטעכט זי און דאָ גיט זי איר האָניג. אַ בין בין איך, אַ בין אױף דער װעלט. אַזױ רעדט שמחה, פּיעשטשענדיק זיך צום װײנען ממש װי אַ קינד און טרערן רינען פון זײנע אױגן.

דער עיקר זענען די חול-המועדן...

שמחה גלעזערס יום־טוב טעג זענען די חול־המועדן: סוכות און פסח. דאָן קומען זיך צוזאַמען די גלעזערס פון נאָענט און ווייט, אַרומרעדן די ענינים פון אַרבעט און פּאַרדינסט, זעצן זיך אוים אויף די לאַנגע בענק אַרום שמחהס דעמבאָוון טיש. ווער? די יידן מיט די שטייפע ווי בלעך קאַפּאָטעס, אויסגעשמירטע פון אייל און קיט, „האַלבע גלעזער" און גאַנצע. די „האַלבע גלעזער" זענען די יידן, וואָס זענען ווינטער — גלעזער און זומער — מאַליער אָדער סאַדאָווניקעס. די „גאַנצע" זענען די היימישע, נאָענטע צום הויף פון גלאָז-מלך. דאָס איז דער אָרעמער ברודער שמחהס, יוסל און אַלטער און מאיר זיינע זין. און מענדעלע — דאָס פּאַצעטישע יידל — דער איידעם יוסלס. און, עס פאַרשטייט זיך, דער הויפּט־גלעזער ביי שמחהן —שלמה־גוי. אָפּטמאָל ברענגען אויך מיט די גלעזערס די יונגען און מוידן זייערע, וואָס זעצן זיך אוים אויף די פּאָדלאָגעס, אויב עס איז קיין אָרט נישטאָ.

און וואָס טוט רבקה? זי איז היינט זייער באַשעפטיקט ביים קוימען, דאָרט קלעקטשען זיך די טעפּ מעליקע קאַרטאָפליעס און אַ פּאָס ראָסל שטייט נאָך פון פסח אָן. שיט מען אוים אויף די גלעזערנע שיסלען די קאַרטאָפל מיט ראָסל און מען שטעלט עס אוים פאַר די גלעזערס און זייערע קינדער. דערנאָך, אַז מען האָט אָפּגעגעסן, האָבן זיך די גלעזערס גענומען מיט שמחהן אַרומרעדן די אַרבעטן און די הוספות אויף אַרבעט און די זין און טעכטער פון די גלעזערס ליגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע און שפּילן אין נים.

אויפֿן הויף און אין שטוב ווערט ענג פֿון מענטשן. עס קומען זיך אָן פּריצים און פּריצטעס און אַ המון פֿון פּויערים און פּויערטעס און דינסטן, וואָס פֿאַרלאַנגען אַ גלעזער און פֿאַרלאַנגען שויבן. האָט יעדער אַ הייזל אָפּצוגלעזן און יעדער אַ פֿענצטער ביי זיך אין שטוב. פֿאַרצו־קערט מען היינט די גלעזערס. אַנדערש אַביסל זעט אויס דער חול־המועד פּסח. אויך דאַן קלעקטשען די טעפּ קאַרטאָפֿל פֿאַר די מענטשן, און מוידן און יונגען שפּילן אין ניס. נאָר קיין סך גלעזערס זעט מען דאָ נישט. פּשוט, עס איז נישטאָ קיין רעגנס און קיין ווינטן. שיינע פּסח-טעג דרינגען אַריין אין שמחה גלעזערס שטובן. די אויסגעשטעלטע מיט די פּסח גלאָזן פֿון די הוטעס־צייטן, צווישן די רויטע גראַפּינקעס און גרינע פּעסעלעך און בלויע טעלער אויף מצות, אין ווע‍לכע עס שפּילט זיך די זון. און די זון שפּילט זיך אויך מיט דער באָבעס פּאַטשערקעס גלעזערנע, וואָס הענ־גען אַראָפּ פֿון דער פּירעקעדיקער קופּקע ווי פֿון אַ דעכל. בכלל, דער חול־המועד פּסח ביי שמחהן איז אַ סך געמיטלעכער. שמחהס בלויע אויגן האָבן אָנגעוווירן דעם וואָכעדיקן צאָרן, ער איז רואיק, שיט מיט זיינע יום־טובדיקע חכמות איבער דער באָבעס כרעמזלעך מיט ווייַן און רוי־כערט איין זיין ברוינעם ציגאַר נאָך חול־המועד, ווען ער איז גוט געשטימט.

אויך די היימישע גלעזערס, וואָס זעצן זיך אַרום שמחהן ווי איי־גענע, זענען היינט בעסער געשטימט ווי אַ גאַנץ יאָר. דאָ זעט מען יוסל גלעזער, דעם גרויסן אָרעמאַן, גאָר אונטערגעוואַרעמט פֿון ברודערס יום־טובדיקן, פּסחדיקן בראָנפֿן, די בעקלעך זיינע רויטלען זיך, קוקט ער דעם ברודער אין די אויגן אַריין וואָסער הוספה וועט ער אים געבן אויף דער אַרבעט, נאָך פּסח, אין דער געביידע פֿון דער רוסישער גובערניע. ווייל בכלל האָט זיך דער אָרעמער יוסל שטענדיק געפֿילט געפֿאַלן ביי זיך. שוואַ־כער אין כוחות, שוואַכער אין קענען די מלאכה, ווי זיין ברודער, האָט ער אַלץ אָנגענומען, וואָס זיין ברודער גיט אים, מיט דאַנק און ברכה. ווי־דערשטאַנדלאָז איז ער שטענדיק געווען, און וואָס שמחה האָט געטון, האָט ער געטון. האָט ער געדאַנקט גאָט אַז ער גיט אים אַ הוספהלע. דער־פֿאַר זענען די ברידער אַלטער און מאירל די שטענדיקע שקצים קעגן שמחהן, שוין אָפּגעוּערדט פֿון שלמה־גוי, וואָס טרעט אַרוים שטענדיק קעגן

שמחהן מיט פאָדערונגען אַלע מאָל אויף נייע הוספות, ווער שמועסט נאָך איצט אין אַ חול המועד פּסח, ווען עס קומט אָן די צייט צו אַרבעטן אין דער געביידע פון דער רוסישער גובערניע. ווייל דאָס איז געווען דער טשוואָק. די גובערניע פון דער שטאָט. אַ גרויסע, ווייסע געביידע מיט אַ סך טירן און פענצטער געגלעזטע פון טייערסטן גלאָז. קיין געביידע אין דער שטאָט האָט נישט פאַרמאָגט אַזעלכע ריזיקע טירן און פענצטער און אַזאַ ריינע, גוט געאָרדנטע אַריינשטעלונג פון שויבן מאַטאָווע, ווייסע, ווי באַדעקטע מיט פראָסט און שניי. דאָס זענען די פענצטער, וווהין מען טאָר נישט אַריינקוקן. די צימערן פון די באַרישניעס, וואָס באַדינען דעם גובערנאַטאָר, און סתם צימערן, וואָס קיינער ווייס נישט וואָס דאָרט טוט זיך. אויך די שפּיגלען זענען פאַרשידנאַרטיקע, קרומע שפּיגלען, ווו דער מענטש זעט זיך ווי אַ קאַריקאַטור, און שפּיגלען לאַנגע און הויכע, ווו דער מענטש ווערט שענער, ווי ער איז. די קרומע שפּיגלען האָבן געפירט צו די קאָרידאָרן פון די פראָסטע דינער און פון די קאָרידאָרן איז שטענדיק געהערט געוואָרן אַ ביטער געלעכטער פון די מענטשן, וואָס גייען פאַרביי און שפּיגלען זיך אָפּ לאָמע און קרומע. זיכער האָט ווער פון גובערנאַטאָרס מענטשן, אָדער ער אַליין, געוואָלט, אַז די דינער זאָלן זיך פילן ווי קליינע מענטשן ביי זיך, ווייל די שפּיגלען, וואָס פירן צום גובערנאַטאָרס צימערן, האָבן די מענטשן שענער געמאַכט.

און איז ער מיט זיין סוויטע באַרינס און באַרישניעס און מיט די צוויי יעגער-הינט אָנגעקומען אין קאָרידאָר, פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן, באַטראַכטן אין שפּיגל, ווי זיי זעען אויס, און הנאה האָבן פון זיך.

די שפּיגלען האָט שמחה נישט געהאַט. ער האָט זיי געברענגט פון וואַרשע. נאָר פאַר דער אַרבעט האָט ער אַזוי פיל גענומען, אַז ביי אַלע גלעזערס זענען נעבעך די אויגן שיעור נישט אַרויס פון קאָפּ...

די חשבונות פאַר דער אַרבעט האָט מיין זיידע געפירט מיטן העכסטן באַאַמטן פון דער גובערניע, דעם שטאָטס-סעקרעטאַר זאָשטשענקאָ. דאָס איז געווען דער גרעסטער שונא פון יידן אין שטאָט, אַ מיטגליד פון רוסישן צוויי-קעפּיקן אָדלער און, ווי מען האָט געזאָגט, אַ טיכטיקער מיטאַרבעטער פון דער רוסישער „אָכראַנע", נאָר מיט דער אַרבעט פון שמחה

גלעזער איז ער צופרידן געווען און אַזוי ווי שמחה האָט זיך נישט אינטע־רעסירט נישט מיט דער „אַכראַנע" און נישט מיטן „צוויי־קעפּיקן אָדלער" און זייער ווייניק געוווסט בכלל, ווער עס איז גוט פאַר יידן און ווער שלעכט — איז אים די אַרבעט ווויל באַקומען.

איך געדענק נאָך די מאָמענטן, ווען די באָבע פלעגט מיך אָפּשיקן מיט עסן צו שמחהן אין דער גובערניע, האָב איך געזען דאָרט אַרומקריכן אַ מאַן מיט אַ בייז פּנים און מיט אַ לאַנגער באָרד. די געזונטע, זיכערע אין זיך פיגור זאַשטשענקאָס האָט דערמאָנט אין יענע צאַרישע טשינאָוו־ניקעס, וואָס האָבן געוואָלט אויסראָטן אַלץ, וואָס האָט נישט צו טון מיטן רעזשים פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג; און יידן אוודאי. נאָר וואָס? צו שמחהס גלעזעריי האָט ער געהאַט סימפּאַטיע, עס איז אים געפעלן די ריינקייט, ציכטיקייט פון דער אַרבעט און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט שמחהס פאַר יעדער זאַך. פלעגט ער אַרומקריכן צווישן די גלעזער, קוקן יעדן אויף די הענט און אויף די שויבן, און ווען ער איז צוגעקומען צו שמחהן, האָט ער אים געזאָגט אַ שבח אויף דער אַרבעט באַנוצנדיק זיך מיט די ווערטער: „סטיעקאָלשטשיק מאָי" (מיין גלעזער), און צוגעזאָגט צו געבן יעדן ביר־געלט „נאַ פּיוואָ"... אָט די גובערניע, וואָס איז ממש אויסגעוואַקסן ווי אַ פאַנטאַזיע ביי אונדז, איז געוואָרן אַ צוציאונגס־קראַפט. אַלע רייסן זיך צום גובערנאַטאָרס געביידע. און כאַטש מענדל, דאָס געפּוצטע יידל מיטן פיינעם געקעמטן בערדל, האָט געהאַט צו גלעזן די שול, צו וועלכערס קאָלירט־גלאַזיקע פענצטער ער איז געווען אַ ספּע־ציאַליסט, און כאָטש שלמה־גוי האָט געהאַט דאָס קלויסטער צו גלעזן, ציען אַלע אַהין. דעצידירט אין דער פראַגע האָט שמחהס טאָכטער. אָט דאָס ווייבערישע געשטאַלט, מינדעלע, וואָס איז געקומען פון די לענדן פון גענעראַל סימכאָוויטש, האָט נישט נאָר געקענט שניידן גלאָז בעסער ווי אַלע גלעזער, זי האָט שטענדיק אויך געדינט שמחהן פאַר אַ ראַטגעבערין, ווען מען צושטעלן צו דער אַרבעט, טאַקע די עטלעכע גלעזער, די אמתע פאַכלייט. האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגען פון שמחהן מיט זיי, איבער שכי־רות פון אַרבעט.

שמחה איז בכלל היינט זייער גוט געשטימט. זיין ברוינער ציגאַר,

וואס ער האלט צוויי־דריי מאל אין יאר צווישן די אויסגעארבעטע פינגער, מאכט אים זייער אימפאנירנד, פריי און געמיטלעך. און אז שמחה איז אין א גוטער שטימונג, פעלט אים נישט קיין וויץ. דער אנפאנג איז איבער שלמהן:

— גוי איינער — זאגט שמחה — ווי לאנג וועסטו זיין א גוי, אז איך זאל דיך נישט קענען שיקן ערגעץ גלעזן א יידישע שטוב?...

ענטפערט שלמה אויך מיט א גראבער חכמה:

— פון א גוי הער איך, שמחה. ווייל, וואלסטו געצאלט א גלעזער ווי עס צאלט א ייד, וואלט איך אויך דיר געקענט אפגלעזן „א שטיבל״ און א בית־המדרש, דארט וו מען דארף נישט קלעטערן און קריכן ביזן שפיץ; און אזוי בין איך א גוי און גלעז אפ א קלויסטער...

שמחה שמייכלט ווילדלעך, ווייל ביידע זענען באמת זייער ענלעך געוועזן צו זיך, אי מיט די א סך רויטע האר אי מיט די בלויע אויגן. נאר וואס? שלמה גוי איז געוועזן אן עם־הארץ און שמחה האט געקענט אין די „דראבנע אותיות״, האט מען זיך דורכגעשטאכן מיט ערנסטע וויצן און שפאס, ביז שלמה האט אנגעהויבן רעדן ערנסטע ווערטער:

— אצינד זאג מיר, שמחה, וואס באקום איך א טאג פאר דער אר־בעט?

— פרעהס מכות. — ענטפערט אפ שמחה אויפן ארט, ביטערלעך, מיינענדיק אז ער וויל ציען ביי אים א פרייז.

— כ׳וויל ווּיסן — זאגט ווייטער שלמה — ברחל בתך א נאקעטע, וואס גיסטו אונדז?

— צרות אויף דיין קאפ — ענטפערט ווייטער שמחה.

— מיר, מיר ווילן א הוספה — טענהט זיין פראסטע טענה דער גוי.

— „מיר״?! — שפרינגט אויף שמחה.

— וואס עפעס „מיר״?! ביסט קראנק צו זאגן „איך״?! — בייזערט זיך שמחה.

— איך זאג „מיר״! — שטייט פעסט ביי זיך שלמה.

— איז א קרענק דיר! — זידלט אים אפ שמחה, אנקוקנדיק אים אויפצועסן. און באלד שפרינגט ער אויף מיט צארן:

— איצעלע מעזריטשער! דאָס איז דאָך זײַן תורה: „מיר"; נאָר „מיר"! דו הערסט, רבקה? — רעדט ער צו דער באָבען. — איך זאָג, אַז אײדער מיר האָבן אים געגומען פאַר אַן אײדעם, איצעלען, האָבן מיר באַדאַרפט גײן אויף אַ קוליע אָדער געבוירן אַ קאַטער! אין דער מינוט איז אָנגעקומען מײַן פאָטער און עס איז אָנגעקומען יודל. ווערט באַלד שטיל.

חול־המועד ווײַל שמחה נישט האָבן צו טון מיט זײַן אײדעם, ער מאַכט זיך גוט און זיס, איז געמיטלעך, יום־טובדיק, נאָר פּאַרט רײַסט זיך אויפצושטײן שלמה פון זײַן אָרט מיטן שטיק קרײַד אין דער האַנט, אוועקשטעלנדיק אַ גראַבן שטיוול אויף דער באַנק בײַ זײַן שרײַבן ציפערן אויפן טיש. דאָס מאַכט דער עם־הארץ אַ חשבון שמחהן, וואָס ער דאַרף האָבן אַ וואָך פּרנסה פאַר דעם ווײַב, פאַר די מוידן מיט די יונגען און פאַר די אײניקלעך, וואָס ער האָט צען שטיק... (אַזוי פלעגט ער זאָגן). נעמט ער באַלד אַ פּראָסטן גראָבן טאָן, מישט זיך אַרײַן מינדעלע, כּדי אויסצוגלײַכן דעם פאָטער מיט די גלעזערס, וואָס האָבן אַ טבע נאָכצו־רעדן אַלץ, וואָס שלמה רעדט ווי די גענדז נאָכן גאָנער.

מײַן פאָטער און מײַן ברודער, ווי איך געדענק, זענען בײדע נישט געווען גלײַכגילטיק צו דער זאַך. זײ זענען כּלומרשט געשטאַנען רואיק אויסהערנדיק די טענות פון די בײדע צדדים, נאָר די פּיס האָבן בײַ בײדע געאַרבעט ווי אויפן פּעדאַל פון אַ פּאַרטעפּיאַן. מײַן פאָטער האָט אָנגע־טרעטן אויפן פוס פון שמחהס ברודער, יוסלען, אַז ער זאָל, חס ושלום, נישט נאָכגעבן אויף אַ האָר פון דער פאָדערונג, וואָס זײ, דאָס הײסט מײַן פאָטער און יודל האָבן באַשטימט. יודל האָט אָנגעטרעטן אויפן פוס מענד־לען.

דער עיקר שטײט דאָ אײַזן־שטאַל בײַ זיך שלמה גוי. מיט אים קאָן שמחה גאָרנישט מאַכן. נאָכמער, טײַלמאָל ווערט דער גבורדיקער ייד אַזוי גרויזאַם, אַז שמחה, אויך נישט קײן קינד, הויבט אָן מורא קריגן פאַר אים, אַזוי צעבראַשטשעט זיך מיטאַמאָל בײַ שלמהן דאָס העמד פון האַלדז. עס פּלאַצן די קנעפּ פון די אַרבל. עס פאַלט אים אַראָפּ דאָס היטל

מיטן גלעזערנעם דאַשעק. ער בלייבט שטיין, ממש, ווי אַ גוי אַ שרייעדי־קער מיט די רויטע האָר פון באָרד און קאָפּ אויפגעשטעלט. אַן עשו.

שמחה גלעזער האָט פּלוצלינג זיך אַרומגעזען, אַז ער איז איינער ווי אין אַ וואַלד. ער וועט גאָרנישט פועלן, ער מוז נאָכגעבן. האָט ער ווילנדיק, נישט ווילנדיק אַ שווערן זיפץ געטון און אָנגעהויבן ביסלעכווייז נאָכגעבן. עס איז שוין פּאַרנאַכט. די זון איז אַוועק פון זיינע פענצטער, ווו זי האָט אַ גאַנצן טאָג אַריינגעקוקט אין די פעסלעך, גראַפינקעס און פסחדיקע געפעסן, וואָס שטאַמען פון דער הוטע זינט יאָרן. די זון איז אַוועק, די לבנה איז אָנגעקומען און אויך זי בליקט אַריין אין די זעלבע געפעסן און גלאָזווארגן מיט פאַרבענקטע בליקן ווי צו דערמאָנען די גוטע, פריילעכע יאָרן אין דער גלאָז־הוטע.

נעמט שמחה זיך אָנצינדן זיין לאַמטערן און גייט אַרוים אין שפּייכ־לער צוזאַמען מיט זיינע גלעזערס נעמען דאָס גלאָז צו דער אַרבעט אויף נאָך יום־טוב. און עולם ברומט לידלעך אויף די גוטע זומער־טעג וואָס קומען.

איך מיין פאָטער נעמט אויף זיך דאָס קעסטל...

איך געדענק נישט גענוי ווי אַזוי און מיט וואָס עס האָט זיך גע־ענדיקט דער ענין מיט דער הוטע, כ'ווייס נאָר איינס, מיר זענען ארויס פון דאָרט ווי א קאַץ פון דער פוטער, און שפּעטער אויך הערשעלע. איינ־מאָל אָדער צוויי מאָל בין איך דאָך געווען א קוק טון וואָס דאָרט טוט זיך, איך האָב שוין נישט געפונען די זעלבע אַרבעטער און נישט די זעל־בע יידישקייט פון די דריי דורות הוטניקעס. אַלץ איז שוין געווען דאָ פאַרענדערט, ווי עס וואָלט מיט איינמאָל אָפּגעמעקט געוואָרן דאָס גאַנ־צע פון מיין זיידנס דורות. עס האָבן נישט געבאַנקעט די פרעש אין די טייכלעך, נישט געשפּילט די קוקעווקעס אין וואַלד און עס זענען נישט געווען די שיינע שבת און יום־טוב טעג און קיינער האָט נישט געריסן קיין טאַטריק.

זשעליאַנקע, דאָס טייכעלע, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען ריין און הייליק פאַר די שבת און זונטיק מענטשן, איז שוין היינט נישט געווען אַזוי פאַרביק. עס איז געווען א מוטנע וואַסער פון שוואַרצע אַר־בעטער, וואָס באָדן זיך, וואַשן זיך אָפּ פון שוואַרצער אַרבעט. דער באַלע־באָס איז געווען א גוי. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איינער פון די אייניקלעך פון שוואַב מולפע, וואָס האָט פאַרקויפט די הוטע צו מיין על־טער, עלטער זיידן. מיט איין וואָרט, אַלץ איז דאָ אָפּגעמעקט געוואָרן און אין דער איינציקער יידישער שטוב הערשעלעס זענען געהאָנגען אַנ־שטאָט הערשעלעס דיקע מזוזות ביי דער טיר געשאָסענע האָזן, וואָס ער, דער שוואַב, האָט געפאַנגען אין וואַלד און ווילדע פייגל געשאָסענע. און

איך מוז זאָגן, אַז מיין זיידע איז געווען בייז און נידערגעשלאָגן, גאַנצע טעג געלעגן מיט די הענט אונטערגעלענט דעם קאָפּ און געברילט ווי אַ בער צו זיך. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיצן שבעה נאָך דער הוטע. עס פאַרשטייט זיך אַז ער האָט שולדיק געמאַכט אין דעם אַלעמען מיין פאָטער. און אויך אין מיין פאָטערס שטוב איז עס נישט בעסער געגאַנגען. מען האָט נישט געגעסן און געטרונקען, דער זיידע האָט נישט נאָר נישט אַריינגעלאָזט מיין פאָטער צו זיך, נאָר אויך די אייניקלעך, וועלכע ער פלעגט אויפנעמען ביי זיך שבת און יום־טוב, האָט ער נישט אַריינגעלאָזט. ער האָט זיי בלויז געהאַלטן צו דער אַרבעט ביי זיך אין שפּייכלער און נישט געשווינט צו געבן אַ קללה די און יענע, אויפן חשבון פאַרשטייט זיך פון מיין פאָטער. איצט איז געשטאַנען די פראַגע, וואָס וועט מיין פאָטער טון איצט, און מען האָט זיך גענומען ברעכן דעם קאָפּ. איינער האָט געזאָגט, אַז מיין פאָטער וועט זיין געצוווּנגען איבערצובעטן דעם זיידן, אַז ער זאָל אים געבן אַרבעט אין שפּייכלער ביי זיך, דערויף האָט מיין פאָטער נישט איינגעשטימט. עמעצער פון דער משפּחה האָט זיך אַריינגעלייגט צווישן זיידן און פאָטער, אַז ער, דער זיידע, זאָל אים, מיין פאָטער, געבן אַן אַרבעט אין זיין ציגעלניע, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער הוטע. דאָס האָט אָבער מיין זיידע מיט כעס אָפּגעוואָרפן. איז געקומען מינדעלע און האָט אויך עפּעס פאַרגעשלאָגן. קען איך נישט זאָגן, אַז אייביק האָט אין איר געאַרבעט דער קונדס, ניין, זי איז אויך געווען אַנשטענדיק און ערנסט אין געוויסע מאָמענטן, ווען עס איז וועמען אין דער משפּחה שלעכט געוואָרן. אָבער צוליב די קאָנטראַסטן, וואָס זענען געווען צווישן איר און דער מוטער, איז זי קנאַפּ געקומען אין שטוב אַריין. נאָר יוען זי איז געקומען צו אונדז, איז שטענדיק געוואָרן אַ סקאַנדאַל. די סיבה איז געווען מיין פאָטער, וואָס האָט מינדלען נישט ליב געהאַט, צוליב איר ליב האָבן רייכקייט און זאַרגלאָזיקייט. „די אָפּיצערקע פון גענעראַל סימכאָוויטש", דאָס ווערטל האָט אויך געהאַט אַ גרונט, מינדעלע איז געווען פון די געפּוצטע פרויען פון שטאָט, קליינע בריליאַנטן האָט זי געהאַט אין די אויערן, אויף די פינגער, דאָס באַראַשקענע היטעלע האָט זי געטראָגן אויף אַ זייט מיט אַ וואָרף אויפן פּנים, רוסיש גערעדט ווי אַ

וואַסער און געגאַנגען אין קלוב פון די רוסישע אַפּיצערקעס, האָט ער זי גערופן „אַפּיצערקע”. זי פלעגט קומען זייער זעלטן צו אונדז, דאָך גע-קומען אין ערנסטע מאָמענטן. ווען זי האָט געגומען פילן, אַז ביי אונדז איז שלעכט און אַ שוועסטער איז זי. איז די כוונה אירע געווען צו פאַר-מיטלען צווישן זיידן און אונדז, און אָט איז זי געקומען ווי איך געדענק זי מיטן מאָגערן דאָך געפלעגטן ווייבלעכן פּנים אירן, צוגעזעצט זיך צו דער מוטער און אָנגעהויבן רעדן איבער אַ פּלאַן:

— הער, איטקע, — זאָגט זי צו מיין מוטער. — איך בין געקומען דיר פאַרשלאָגן, וואָס איצל האָט צו טון איצט.

מיין מוטער האָט אויך באמת נישט גערן געהאַט איר גוט געפלעגטע שוועסטער, מיט איר ווייבלעכער קאָקעטריי, קעגן וועלכער זי האָט אויס-געזען אָפּגעשטאַנען און אַלטמאָדיש, זי האָט זי אָבער אויסגעהערט:

— איז וואָס האָסטו צו זאָגן, מינדל? — פרעגט זי זי קאַלטלעך.

— אַן עצה האָב איך. ענטפערט מינדעלע און אפשר גאָר אַ גוטע.

— וויפל צום ביישפּיל דאַרף מען האָבן געלט אייך צו עפענען אַ געוועלב פון שפּייז?

— וואָס? — רופט זיך אָן מיין פאָטער פאַרדרוסיק, פון אויוון אוועק. — אַ קרעמער, מינדעלע, דו ווילסט פון מיר מאַכן אַ קרעמער?

— און וואָס איז אַ קרעמער דען? — רופט זיך אָן די מוטער מיט אַ געוויסער איינשטימיקייט.

— אַ קרעמער איז אַ דר׳ערד ליגער, ענטפערט מיין פאָטער.

— פאַרוואָס עפּעס איז אַ קרעמער אַ דר׳ערד ליגער? — פרעגט די מוטער אויפגערעגט.

— גיי, — זאָגט מיין פאָטער צו דער שוועגערין זיינער — און הייס אָשרן זיך עפענען אַ קראָם אין גאַס, נאָר איך נישט.

— טע, טע, טע, — זאָגט מינדעלע, — זע נאָר דעם גראַף, פאַר-וואָס עפּעס פּאַסט דיר נישט, איצעלע מעזריטשער, אַ קראָם, איז עס ער-גער פון אַ שענק?

—מאַך אָשרן אַ קראָם און אַ שענק, — ענטפערט מיין פאָטער.

— נו און ווען שמחה וועט גענען געלט דערויף? — פּרובירט רעדן מינדעלע, בלישטשענדיק מיט די בריליאַנטן אירע.

— גיב עס אַוועק אַשרן איינצוקויפן נאָך אביסל שווערדן און ביקסן אַקטיאַרישע, — ענטפערט מיין פּאַטער מיט איראָניע.

— כאַ, כאַ, כאַ, — צעלאַכט זיך מיין מומע מיט איר שפּרודלדיקן געלעכטער אויף דער חכמה. נאָר באַלד האָט זי ווידער גענומען רעדן ערנסט און מיין פּאַטער האָט ערנסט אָפּגעזאָגט מיט די ווערטער:

— אַבי, מינדל, דו האָסט פון שמחהן אַלץ און אי"ה איבער הונ־דערט און צוואַנציק יאָר וועסטו האָבן די אמתע ירושה, איז וואָס האָסטו צו זאָרגן. לאָז דיר ווילגיין, מינדעלע, און מיך לאָז אָפּ. מיין שטעטל וועל איך שוין באַשטיין.

דער שמועס האָט זיך נאָך אַזוי געצויגן צווישן ביידע שוועסטער, ווי יעדע מינוט האָט זיך מיט עפּעס אַ שטעך־ווערטל אָנגערופן מיין פּאַטער. דער עיקר, פון איר פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. עס איז אָבער אָנ־גענומען געוואָרן די עצה פון דער באָבען, וואָס איז אַריינגעקומען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, מיט דיברילן וואָס רוקן זיך אַראָפּ פון דער פּלאַ־טשיקער נאָז, זיך אַוועקגעזעצט צווישן פּאַטער און מוטער און אָנגעהויבן:

— הערט זשע מיך אויס קינדערלעך, — רעדט די באָבע פּאַרטרוי־לעך מיט די ביידע. — ווי עטץ ווייסט דאָך, — זאָגט זי, האָט דער המן (אַזוי האָט זי גערופן דעם זיידן, פאַר וועלכן זי האָט געציטערט) מיט דער הוטע אַ סוף געמאַכט, מוזטו דאָך, איצל, זיך צו עפּעס נעמען.

— צו וואָס — פרעגט מיין פּאַטער, — אפשר אַ קראָם?

— וועט דען דיר שמחה געבן אַ קראָם אין זיין הויז? — זאָגט מיין באָבע מיט צווייפל.

— איצט, נאָר וואָס, — זאָגט מיין פּאַטער — איז געווען דאָ מינ־דעלע און זי האָט פאָרגעשלאָגן זיך מאַכן אַ קראָם.

— עס הייסט, — טייטשט אויס אירע ווערטער די באָבע, — זי מיינט, אַז שמחה וועט אייך געבן געלט צו דינגען אַ קראָם.

— זאָל דאָס זיין פאַר אַשרן — ענטפערט מיין פּאַטער.

— טשעפּעט אייך נישט, קינדערלעך, — זאָגט די באָבע מיט מיט־נעפֿיל צו אירע קינדער.

— איך טשעפּע אים נישט, — זאָגט מיין פֿאָטער, — איז וואָס איז אייער פּלאַן, שוויגער?

די באָבע האָט אָנגעהויבן אויפֿהייבן דיברילן, וואָס זענען געלעגן כמעט ביי די ליפּן און געזאָגט ווידער מיט יידענישער גוטמוטיקייט:

— איך האָב דיר וואָס צו זאָגן, איצל: ווער אַ גלעזער.

— און גלאָז פֿון וואַנען וועל איך האָבן? — פֿרעגט איצל.

— קויפֿן גלאָז פֿאַר געלט.

— איז ווו וועט מען נעמען געלט? — פֿרעגט מיין פֿאָטער.

— איך וועל דיר געבן געלט.

— שוויגער, פֿון וואַנען האָט איר געלט? — פֿרעגט ער מיט שטוי־נען.

— וואָס הייסט פֿון וואַנען? — ענטפֿערט די באָבע מיט אַ טאָן פֿון זיכערקייט אין זיך, — די שוויגער האָט אַ קניפּל.

— אַ גוטער יאָר אויף אייך, שוויגער, — רעדט מיין פֿאָטער מיט הומאָר, — שמחה גיט אייך נאָר צרות, אָבער נישט קיין קניפּלעך...

— ני, ני, ני, דאָס איז שוין נישט דיין עסק, — זאָגט די באָבע פֿאַרדריסלעך — זאָלן מיר נאָר לעבן.

רבקה האָט קרומלעך אַ קוק געטון אויף מיין פֿאָטער, ווי זי וואָלט וועלן, אַז ער זאָל זיך נישט גריבלען אין אירע סודות. זי האָט שווער אַ זיפֿץ געטון.

— וואָסזשע זיפֿצט איר? — פֿרעגט מיין פֿאָטער איראָניש.

רבקה האָט אַ צווייט מאָל אַ זיפֿץ געטון און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

רבקה, ווי איך געדענק זי פֿון מיין קינדהייט, איז געווען אַ פֿאַרבי־טערטע יידענע. די צרות אירע זענען שטענדיק געווען די קינדער. האָט זי נישט געזשאַלעוועט אין אַ מאָמענט, ווען מען האָט זי געפֿרעגט אויף אי־רע צוויי אָוועקגעגאַנגענע אויפֿן עולם האמת קדישים, אויסצוציען ביידע וואָטענע אַרבל, אַ וויש טון מיט איין אַרבל אַ טרער, מיטן צווייטן אַרבל אַ טרער און זאָגן דערביי, אַז איר עלטסטער זון יהושועלע, ווען ער וואָלט

געלעבט, וואָלט ער זי געקענט פירן גלייך אין הימל אַריין, אַזוי גוט איז ער געווען. און דער צווייטער זון, טוביהלע, וואָלט איר געקענט געבן דעם אמתן גן-עדן. נאָר וואָס, ביידע זענען נישטאָ, זיי קומען איר נאָר צו חלום. בליבן זי, אָבער אויסער די צוויי זין, וואָס זענען אַוועק, האָבן איר אויך די טעכטער קיין נחת נישט געגעבן. האָט זי שטענדיק געמוזט פאַרגלעטיקן קאָנפליקטן צווישן שוועסטער און שוועסטער, צווישן שמחהן און מיין מוטער, און דאָס האָט זי געמאַכט פאַר אַ, ווי שמחה פלעגט זי רופן, „סמוטנע יידענע", אָדער „קלאָץ", אָדער „סטאָלב".

רבקה איז געווען פון די מערקווירדיקע יידענעס, אַ שטילע אָנגעבייזטע און פאַרעקשנטע. פון זינט איך געדענק זי, איז זי געגאַנגען אָנגעטון די זעלבע בגדים, דעם זעלבן וואַטאָווען קאַפּטאַן מיט דער גרויער זשופּיצע אַ גאַנץ יאָר. דעם זעלבן דאַלמאַן מיט דער זעלבער גרינער קופּקע, האָט זי געטראָגן שבת און יום-טוב. און שבת און יום-טוב ווי אַ גאַנץ יאָר האָט פון איר גרין-פליישיקן גוף געשמעקט מיט אייל, ווי זי וואָלט אַרבעטן אין אַן אייל-פאַבריק. און קיט האָט זיך תמיד געפונען אונטער אירע נעגל און אירע ברעמען, און אַפילו פון די טעפּ אירע פון עסן האָט געשמעקט מיט אייל און קיט, שוין אָפּגערעדט פון בעט ווו זי איז געשלאָפן. אַפילו פון די בלעטער פון איר צאינה וראינה סדור האָט מען עס געפילט.

אַ גלעזערקע איז זי געווען נישט נאָר מיטן נאָמען פון אַ מאַן אַ גלעזער, נאָר בפועל ממש. רבקה האָט שטענדיק געוווסט וויפיל קאַסטנס גלאָז עס געפינט זיך אין שמחהס שפייכלער און פון וועלכן סאָרט. דערצו איז זי געווען גאָרנישט פון די שוואַכע אין כוח, און ווען שמחה איז נישט געווען און מען האָט באַדאַרפט אויספּאַקן אַ טראַנספּאָרט גלאָז, האָט זי עס געמאַכט, צוגעהאָלפן שלעפּן מיט דער פּלייצע ווי שמחה די קאַסטנס און זיי אַריינשטעלן אין שפייכלער צו יעדן סאָרט.

ווי שמחה, האָט זי געטראָגן אַ בעלגישן דימענט ביי זיך, נאָר שמחה האָט אים געטראָגן אין די הויזן קעשענע, זי האָט איר דימענט צוזאַמענגעבונדן מיט די שליסעלעך אונטערן פאַרטוך. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע, זי האָט באַדאַרפט שניידן גלאָז דיסקרעט, אַז שמחה זאָל נישט וויסן, טאַקע — פאַר די קינדער וועגן פּרנסה. האָט זי געמוזט אַרויסשלעפּן די

טאָוולען גלאָז פון שפּייכלער, ווי זי שלעפּט אַרויס די פּאָר גראָשן פון זיידנס קעשענע פאַר די קינדער.

איז אמת, אַז שמחה פלעגט זאָגן, אַז אַרויסשלעפּן געלטער פון קעשענע קען רבקה בעסער ווי שניידן גלאָז, און צוויי מאָטיוון האָט ער אָנגעגעבן דערצו. ערשטנס, איז זי אַ שיקעלדיקע, זי זעט צוויי דימענטן מיט אַמאָל, ווייסט זי קיינמאָל נישט, וועלכער דימענט עס שניידט, צווייטנס איז אַ סיבה די נאָז אירע, ווייל רבקהס נאָז איז געווען זייער פּלאַטשיק. אַ בריל האָט זי געטראָגן, נאָר די גלעזלעך פון דער בריל האָבן זיך געפונען שטענדיק אויף די ליפּן, פלעגט ער, שמחה, רבקהן אַ דימענט אָנפאַרטרויען, ווי ער פלעגט איר אָנפאַרטרויען די שליסעלעך פון דער קאָמאָדע, וווּ עס האָט זיך געפונען זיין בורשטינענער ציגאַר שפּיץ. ווייל פונקט, פלעגט שמחה זאָגן, ווי זי, רבקה, קען גאָרנישט מאַכן מיט זיין בורשטינענעם ציגאַר שפּיץ, קען זי נישט מאַכן מיטן דימענט. עס איז אָבער געווען זיין טעות, רבקה איז געווען אַ מזיק צו שניידן גלאָז, עס איז נענוג געווען, אַז די גרינגע יידענע זאָל אוועקלייגן די האַנט מיטן דימענט אויפן טאָוול גלאָז, איז עס ביי איר געגאַנגען ווי אויף רעלסן, די גרעבסטע שטיקער האָבן גענומען קנאַקן און פּלאַצן. חברה פלעגן שפּעטן און לאַכן פון אַ יידענע וואָס אַרבעט מיט אינטואיציע, נישט זעענדיק אפילו וואָס זי טוט, נאָר אַזוי איז עס געווען, אַ גלעזערקע ממש. איז פונקט ווי זי האָט געקענט שניידן, האָט זי געקענט אַרויסציען די טאָוולען אַז קיינער זאָל נישט זען.

שטייען מיר נאָך פאַר די אויגן יענע טעג, ווען מיין פאָטער גרייט זיך צו צו דער גלעזעריי, אָט איז ער איינמאָל אויפגעשטאַנען, צעקלאַפּט אַ גרויסן גלאָז-קאַסטן און זיך גענומען צוזאַמענשטעלן אַ קעסטל גלאָז אויף די פּלייצעס.

„שוואלבן"...

מען האָט זיי גערופן די „שוואַלבן", נאָר ווי איך געדענק זיי פון יענע יאָרן, זענען דאָס געווען נישט קיין שוואַלבן, נאָר פייגל וואָס האָבן געקענט פליען אויף ווייטע שטרעקעס. אָט האָט איר די שטאָט אונדזערע אין אַ באַגינען, שטיל אַרום, נאָר ערגעץ ווייט באַמבלט און קלינגט דאָס גלעקעלע פון קלויסטער פון דזשעקאַן קאַפּוסטאַ — אַרויף צו תּפילות. אַלע שלאָפן נאָך ביי אונדז אויסער מיין פאָטער און יידל פירן עפּעס אַ שמועס אין די בעטן. אין אַ סימבאָלישער שפּראַך, מיט באַהאַלטענע ווערטער. האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריינגעפאַלן אין באַגינען די שכנטע אונדזערע, די הייבאַם פון הויף, „די פינסקערין" האָט מען זי גערופן און זי האָט זיך גענומען קנייפּן אין די באַקן.

— ווי איז מיר — האָט זי געבראָכן מיט די הענט, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געקניפּן אין די באַקן, — איר ווייסט גאָרנישט? היינט ביי־נאַכט האָט מען פון שטוב אַרויסגענומען, מען זאָל נישט וויסן דערפון, די הייבאַם מיכאַלאָווע. אַרויסגענומען, אַריינגעזעצט אין אַ קעטשל און אָפּגעפירט קיין וואַרשע אין צענטן פּאַוויליאָן. ווייסט עטץ פאַרוואָס? מען האָט געפונען ביי איר פּסולע בלעטלעך, רויטע הענט אין דעם קיסרס קאָפּ.

— וואָס?

— רויטע הענט אין דעם קיסרס קאָפּ. מיר אַלע האָבן דערשטוינט אויפגעהויבן די אויגן, נאָר די ערשטע וואָס איז געוואָרן וויים ווי קאַלך, איז געווען די מוטער, ווייל מיר האָבן שוין דאַן געוווּסט, וואָס עס באַ־דייטן די בלעטלעך און מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס דער

צענטער פּאַוויליאָן. אַ שוואַרץ חדר מיט דיקע ווענט, מיט אַ פּאַדלאָגע וואָס עפנט זיך און מען לאָזט אַראָפּ מענטשן אין וואַסער. האָט די מו־טער געגומען ברעכן די הענט מער ווי אַלע, פּשוט זי האָט שוין געטראַכט פון אירע קינדער. איז אויך געווען צו פאַרשטיין, אַז מיט דער מיכאַלאָ־ווע וועט אַזעלכעס געשען. די מיכאַלאָווע, ווי איך געדענק זי, איז אַן עלטערע פרוי, אויף וועלכער מען האָט געזאָגט, אַז אירס אַ פאָטער איז געווען אַ פּאָוסטאַנטשיק און איז געהרגעט געוואָרן. קיין מאַן האָט זי נישט געהאַט, נאָר ווי איך האָב געהערט וועגן איר מאַן, האָט ער אויך געחלומט פון אַן אויפשטאַנד, ער האָט זיך געחברט מיטן שמיד סולימאַן, אַ הויכער גוי, רויט געזונט ווי אַ גזלן, וואָס האָט געוווינט אויפן מעז־ריטשער שאָסיי, און אויך צוגעזאָגט אַרויסטרעטן קעגן פּאַניען, ווי נאָר עס וועט זיין די מעגלעכקייטן, און טאַקע דאָס האָט געשראָקן וואָס יעדן פאַרטאָג האָבן מיר געהאַט אָדער אים אָדער די מיכאַלאָווע, מיט אַ קאַצע־נער מופּטע אין די הענט, מיט אַ צעדרייטן קאַפּעליוש און אַ צלם אַ צי־נערנעם אויפן האַלדז. זענען דאָס נישט געווען קיין סתם וויזיטן, נאָר צו־ליב ענינים. גאַנץ פּשוט, מיין ברודער און מיין פאָטער זענען גלעזער, זיי גייען איבער דער וועלט מיט אַ קאַסטן גלעזן אַ בית המדרש ווי אַ קלויס־טער, קומען אין אַ שטוב פון אַ פּשוטן מענטש ווי אין אַ שטוב פון אַן אינטעליגענט, פאַרוואָס זשע זאָלן זיי נישט פאַרשפּרייטן די בלעטלעך מיט די רויטע הענט?

און מסתמא האָבן זיי שוין געוווסט פון מיין פאָטער, ווייסן זיי דאָך פון מיין פאָטערס מויל וואָס עס איז געווען יעזוס קריסטוס און וואָס משה רבינו. און איך מיין, אַז דאָ האָבן זיי באַגליקט. און אַן אויסרייד האָט מען שויבן, אַ שויב איז אַרויסגעפאַלן, אַ שויב האָט דער ווינט אויסגעהאַקט אָדער גאָר מען דאַרף גלעזן אַ הייזל, דאָס אַלץ פאַרשטייט זיך רעדט זיך, ווען מיין מוטער איז דאָ. נאָר ווען זי איז נישטאָ, קומט אַריין די מיכאַלאָווע אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּיר, דינע פּאַפּיר־פּעקלעך אין דער ברוסט, גיט עס אַ שיט אויס און זאָגט איין וואָרט „ביעזשטשע" — נעמט עס. אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי ברענגט און וואָס זי מיינט מיטן „ביעזשטשע". שפּעטער אָבער האָב איך דעם

ענין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווען יעדעס פּעקעלע, וואָס מיכאַלאָווע אָדער סולימאַ האָבן געבּרענגט, האָט עס יידל אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם און שפּעטער פון בוידעם אַראָפּ. איך געדענק אויך אַ געכאַפּטן שמועס צווישן פאָטער און ברודער.

דער פאָטער פרעגט:

— האָסטו דאָס פּעקל איבערגעגעבן סולימאַן?

דער ברודער ענטפערט:

— נאָך וואָס צו סולימאַן? די מיכאַלאָווע האָט זיי געהייסן איבער־געבן גלייך צווישן עולם.

ביידע האָבן נישט געוווסט, אַז איך הער אַזעלכע ווערטער, אָבער איך האָב די ווערטער געהערט.

מיין מוטער האָט זיך געפריינט מיט אירע קליענטן, זי האָט געזאָגט:

— גוטע גויים, שיק זיי נאָר צו אַ סך, און ווען מען האָט איר גע־זאָגט, אַז די ביידע געפינען זיך דאָרט ביי ווענען פון די צוויי, איז זי צופרידן געווען. פלעג איך מיר אָפּטמאָל דורכשפּאַצירן די גאַס, אַ בליק אַריין טון צו סולימאַן אָדער צו דער מיכאַלאָווע, נאָר סיי איך האָב זיי געזען ביי איר, סיי ביי אים, האָבן זיי געגראַבלט ביי די פענצטער, ווי כלומרשט מען וואָלט אַרבעטן, נאָר ביים אַרבעטן האָט מען זיך אויסגע־רעדט די הערצער, פאַרשטייט זיך איבער אייגענע ענינים. ס׳רוב פלעגן ביידע זיצן ביי סולימאַן. דאָס אָרט איז זייער גינסטיק געווען, אַ שטיבל אונטערן שטאָט, אַ שמידעריי פאַר פערד און וואָגן, מען שמידט דאָס רויטע אייזן, האַמערס קלאַפּן און טאָמער ווילסטו טראַכטן, אַז די שמי־דער זענען נישט קיין רוסישע פּאַטריאָטן, הענגען אויף דער וואַנט די בילדער פון אַלע ראָמאַנאָווס מיט יעקאַטערינאַ די גרויסע אין דער שפּיץ. און טאָמער טראַכסטו, אַז זיי זענען נישט קיין פרומע קריסטן, האָסטו דאָ פאַר די אויגן גאַנצע דריי מאַטקע־באָסקעס מיט ליכטלעך און לעמפּ־לעך.

אין דער צווייטער שטוב פון דער שמידעריי געפינט זיך די סולימאַ־ווא, אַ גוטע גויע מיט אַ צלם אַ לאַנגן אויפן האַלדז, די טאָכטער קאַשקאַ מיט אירע צלמלעך און דער זון סטאַך שטודירט די עוואַנגעליע.

זונטיק גייען די אַלע אין קלויסטער און דזשעקאַן קאַפּוסטאַ איז געוווינט צו זאָגן אויף דעם שמידערס משפּחה וואָס שמידן זיינע וועגע־נער און פערד, אַז דאָס זענען זייער פרומע קריסטן, זיי זענען ביי אים דערפאַר פון די פרומע אין דער סביבה.

אויסער אָבער דעם אַלעמען איז סולימאַן אַ נאַש־בראַטניק, אַ גוטער גוי און דער עיקר אַ בלאַטער גוי. קאָנסט מיט אים שמועסן אַ שמועס איבער וואָס דו ווילסט, איבער נאַטור און רעליגיע און וואָס ער האָט דער עיקר אין זיינע שמועסן באַצייכנט, אַז יעזוס קריסטוס, וועלכן די וועלט האַלט פאַר אַ גאָט, איז גאָר אין דער אמתן אַ גוט מענטשן קינד געווען און פון סאָציאַליזם נישט ווייט. אומגעפער ווי מיין פאָטער זאָגט, אַז משה רבינו איז געווען אַ סאָציאַליסט, אי, וואָס טוען ביי סולימאַן די דריי מאַטקע־באָסקעס אויף דער וואַנט מיט דעם שוואַרצן בוך פון עוואַנגעליום? דאָס זאָגט ער איז צו פאַרשטעלן די צארישע הינט די אויגן.

און צו סולימאַן קומען מענטשן מיט באַשטעלן ארבעט פון שמידע־ריי, פונקט ווי מען פלעגט קומען צו אונדז באַשטעלן גלאָז. מענטשן טאָג מיט נאַכט, זיי שוועבן איצט פאַר מיינע אויגן, פאַרשידענע פנימער, פאַר־שידענע קליידער, ברייטע צעדרייטע קאַפּעליושן מיט לאַנגע פּעלערינעס און מענטשן ווי מאַגנאַטן געקליידט, ווי אָרימע לייט געקליידט, קיינער האָט נישט געהייסן מיט זיין נאָמען און אויב ווער האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט אַ פאַך, איז ער נישט געווען פון דעם פאַך.

***

איך דעראינער מיך נאָר אין די טעג, ווען מיין מוטער פאָרט אוועק קיין מעזריטש צו איר שווער און שוויגער. דעמאָלט קומט אַ גאולה אויף די קינדער. די סיבה איז, וואָס מען וויל דער מוטער נישט אָנטון קיין עגמת נפש, מען וואַרט נאָר אַבי זי איז אַרויס, אַנטפּלעקט זיך פּלוצלינג יעדער מיט זיין פּרצוף. מיין שוועסטער אסתרקע למשל איז אַ מיטגליד פון ערשטן ארבעטער בונד פון פּוילן, ליטע און רוסלאַנד און „ארבעט” אין שניידער פאַך. פון ווען אָן? ווער האָט עס געוווּסט? קיינער, נאָר די

„אַרבעט” גייט שוין לאַנג. דערזעט מען פּלוצלינג ביי אונדז אין שטוב אירע חברים, דאָס איז דזשאַרדזש וויכער און זיינע שוועסטער. די ערשטע אין שטאָט וואָס האָבן באַקומען די „פּעטערבורגער איסקראַ” מיט דער גאַנצער וויבער דין־פּאַפּיריקער ליטעראַטור פון ס. ר., דאָס האָט שוין אַסתרקע געהאַט ביי זיך אין אירע זעקלעך, העגטשקעס און היטעלע אויפן קאָפּ. און זי האָט עס געשטופּט און געשטויסן דאָ און דאָרט צוזאַמען מיט די פּאַפּירלעך פון בונד. מיט זיי אָדער אָן זיי קומט דאָס קליינע לוסטיקע ייִנגעלע „דאָס פּריצל” און זיין חבר וואָס איז אַזוי גרויס ווי ער „דער וויעטראַק” און „ווייסער קאָפּ”.

און גיטל איז אַ הוטן־פּוצערקע, אויך דאָס זעלבע, זי מאַכט פיינע הוטן פאַר דאַמען. ביי די גאָלדבערגס, ווו זי אַרבעט, שמט זי פאַר אַ קינסטלערין, נאָר וואָס, די אמתע אַרבעט אירע איז ביי די סולימאַס, אַ חברטע פון קאַשקען צו פאַרטיילן די בלעטלעך מיט די רויטע הענט. און מיט יידלען אַ חבר פון איין פאַרטיי, די פאַרטיי הייסט אויף פּויליש „כלעב אי פּראַצאַ”, ברויט און אַרבעט און מיין פאָטער שטייט טאַקע מיט מיט די קינדער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז „כליעב אי פּראַצאַ” איז קיין פּאַרטיי נישט געווען אין פּוילן. עס איז נאָר געווען אַן איינלייטונג צו פּ. פּ. ס., אין וועלכער עס איז שוין געשטאַנען דער פון וואַרשע געשיקטער פּויער סולימאַ. איז דער פּויער קיין פּויער נישט געווען און נישט קיין שמיד, נאָר אַ מעכאַניקער וואָס האָט געקאָנט די אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן אַ באָמבע און אַ מאַזור־ביקס און אַ ברויניִנג מיט וועלכנס שטיקער עס איז פול געווען זיין קעלער. דערוויילי אָבער איז סולימאַ אַ פּויער מיט אַ שמידעריי, צו וועלכע עס קומען מענטשן „באַשטעלן אַרבעט”, געסט פון דער פּרעמיד, אַ טייל וואָס בלייבן נעכטיקן ביי אים, פאַר אַ טייל מוז ער זוכן אַ דירה ערגעץ אַנדערש.

אָט איז אין איינע פון יענע טעג, ווען מיין מוטער איז נישט געווען, אַריין סולימאַ מיט נאָך ווער עמען וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט מיט אַ נאָמען „טאָוואַזשיש מאַרעק”. אַ מענטש אין די דרייסיקער יאָרן, אַ הויכער, זייער עלעגאַנטער מאַן מיט אַ ברייטן שוואַרצן הוט און מיט אַ

שנייער פארביקער שליח אונטערן ווייסן קראגן, ער האט געזאגט, אז ער איז געשיקט געווארן צו אונדז מיט אן אינסטרוקציע, אז ער וויל גרינדן די ערשטע יידישע סעקציע פון פ. פ. ס. די ווענדונג איז געווען צו מיין ברודער און מיין ברודער האט איינגעשטימט.

אבער אזא מענטש ווי „טאוואזשיש מארעק" מוז האבן א דירה, האט ער זיך ארומגעקוקט אויף אונדזער שטוב און עס איז אים געפעלן. אמת, מיר האבן געוווסט, אז היינט, מארגן וועט אנקומען די מוטער, האט מען גלייך געשיקט א שליח צו דער מוטער איר זאגן, אז מיר קינדער, האבן באשטימט, זי זאל נאך בלייבן אין מעזריטש כאטש אויף צוויי וואכן זיך אפרוען, און אז די מוטער הערט עס, פירט זי אויס וואס קינדער פארלאנגען פון איר.

**
*

אלזא, צוויי וואכן האבן מיר געהאט ביי זיך מארעקן נישט סתם, ער האט מיטגעברענגט צוויי וואליזן. אין דער ערשטער האט ער געהאט פון כל טוב פאפירן, בראשורן און ביכער. דא איז געווען דאס ערפורטער פראגראם, קאוטסקיס, ליבקנעכטס בראשורן און ראזא לוקסענבורגס שריפטן. אויסער דעם אויפרופן, פראקלאמאציעס צו גרינדן די ערשטע, פרייע פוילישע רעפובליק.

אין די אוונטן איז ביי אונדז געווען לוסטיק און פריילעך, געפאקט מיט מענטשן, יידן און קריסטן און מארעק האט נישט אויפגעהערט צו האלטן רעדעס איבער דער תורה פון דער אזוי גערופענער „קאנסטיטואנטא".

דאס האט ער אויסגעלאדן פון איין קאסטן. אבער מארעק האט פארמאגט נאך אזא קאסטן, וואס ווען נאר מען האט זיך צוגערירט צו אים, האט מארעק אנגעהויבן באמערקן: „פארזיכטיק", ווי עס וואלט דארט גלאז זיין. ער האט דעם קאסטן ארויפגעטראגן אויפן בוידעם און מיט אים פלעגט ער אפזיצן שעהען, וואס האט ער געטון דארט? קיינער האט נישט געטארט וויסן, נאר בת־שבע, צו וועלכער עס איז איבערגעגעבן געווארן אלע סודות, האט מיר איינמאל באמערקט שטיל, אז דאס איז א

לאַבאָראַטאָריום, אַ וואַנדערנדער כימישער אינסטיטוט, וועלכער מוז אי־בערגעטראָגן ווערן פון איין אָרט צום צווייטן, דעמאָלט ווען מען דאַרף, און איז פאַרשטייט זיך פול מיט אויפרייס־שטאָפן, מיין לייב האָט געציטערט אויף מיר.

פון צייט צו צייט זענען געקומען צו מאַרעקן געהיימנישפולע פאַרשוינען, מיט פעלעריגעס און גרויסע צעדרייטע קאַפעליושן, איינער אריין אַ צווייטער ארויס, דער מחותן, וואָס האָט זיי רעקאָמענדירט צו אונדז, איז געווען קאַשקאַ, סולימאַס טאַכטער, אָדער סטאַך זיין זון, אָדער ער אַליין, סולימאַ, דער הויכער גוי, מיט אויגן ווי אַ גזלן. איינמאָל איז סולימאַ אריין מיט אַ מענטש, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אונדז מיטן נאָמען וואַצלאַוו. שוין דאָס פנים פון דאַזיקן מאַן האָט אָנגעוואָרפן שרעק. אַ מענטש ווי פון אייזן און אַ בליק פון זיינע אויגן האָט געהרגעט. ער האָט זיך געפרעגט אויף מאַרעקן, און ווען ער האָט אים נאָר דערזען, איז ער גלייך ארויף אויפן בוידעם מיט אים, אַ נאַכט מיט אַ טאָג זענען דאָרטביידע אָפגעלעגן, קיינער האָט נישט געטאָרט ארויפגיין אויסער יידל און מיין פאָטער, וואָס האָבן כסדר געטראָגן עסן ארויף און בת שבע איז געווען די קעכין. איינמאָל איז פלוצלינג געוואָרן אַ רויך אין שטוב, דער רויך איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט נישט געקענט אויסהאַלטן, איז פלוצלינג צוגעקומען בת שבע צו מיר און האָט זיך געהאַלטן ביים האַרץ:

— ווייִ איז מיר, זאָגט זי. מיר האָבן אַלע דאָ געקענט גיין פון דער וועלט. אַ באָמבע האָט אויפגעריסן אָן אַ קלאַפּ.

— ווי קען עס זיין אַ באָמבע אָן אַ קלאַפּ? פרעג איך.

— פאַראַנען אַזעלכע און אַזעלכע זאָגט מיין שוועסטער.

— עס איז אונדז גוט, זאָג איך און פאַרמאַך דאָס מויל נישט צו רעדן מער.

אונטן אויפן פאַרטער האָט געוווינט דער בלויער זשאַנדאַרם פיעטושקאַ, אַ פאַרשוין מיט אַ בערדל. ער האָט געטראָגן אַ שווערד און שפּאָרן אויף די שטיוול און גראַד האָבן זיך די מומחים אין קאָנספּיראַציע, סולימאַ און מאַרעק, געהאַלטן אין דער מיינונג, אַז דאָרט, ווו עס

ווינט אַ „בלויער", איז גוט צו זיין אַ שכן, גוט צו וווינען אפילו אַ טיר נעבן אַ טיר, דאָ ווערט ער בלינד און זעט גאָרנישט.

איז אָבער דער בלויער אַרויפגעקומען אַ שמעק טון, געפרעגט פון וואַנען קומט רויך אהער? האָט מיין פאָטער מיט זיין רוסישער שפּראַך געענטפערט, אַז ער, דער זיידע, איז פויל צו לאָזן רעפּאַרירן די קיך, רוי-כערט דעריבער. דער „בלויער" האָט געגלויבט, נאָך מער, די צוויי, מאַרעק און וואַצלאַוו, פלעגן אַראָפּקומען צום בלויען, זיצן, פאַרברענגען און שפּילן אין קאָרטן מיט אים, זיי האָבן זיך געמאָלדן פאַר פריצים וואָס דאַרפן גלאָז, שטייען זיי דאָ איין און וואַרטן, ביז אַזאַ גלאָז טראַנספּאָרט וועט קומען. ער האָט געגלויבט.

אָבער דערמיט האָבן די ביידע נישט אויסגעלעבט די טעג און נעכט. זיי האָבן באַדאַרפט אָרגאַניזירן די אַזוי גערופענע „ספּיסקאָוועצעס" צו דער אַרבעט, פלעגט אויך אי סולימאַ אי וואַצלאַוו שלעפּן בחורים אַרויף אויפן בוידעם, שאַפן „פּיאַנטקעס", פינפטלען, און דאָרט זענען געגאַנגען איבונגען. אייניקע אַזעלכע זענען פאָרגעקומען פאַר מיינע אויגן. מיין שוועסטער בת־שבע, וואָס פלעגט מיר פון צייט צו צייט אַנטדעקן אַ סוד, האָט מיר דאָס מאָל געגעבן אַ פּאַק גרעט צו טראָגן אויפן בוידעם, אַ קוק צו טון וואָס דאָרט טוט זיך. וואָס האָב איך געזען? איך האָב געזען ווי וואַצלאַוו טאַפּט די גויישע יונגען ביי די הענט, פאָרשט זייער געזונט, זייער כאַראַקטער און זאָגט זיי אָן, אַז טאָמער וועלן זיי אַמאָל אויסגעבן, וועלן זיי באַקומען אַ קויל אין קאָפּ. איך האָב דאָ שוין גענוג געזען.

די אַמאָליקע ערשטע מאַיען

אין וועלדל הינטער דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערו־פענע „סכאָדקעס" — באַגעגענישן פון בחורים און מיידלעך, וואָס פלעגן קומען אַהער מיט קוישלעך אין די הענט קלייבן יאַגאָדעס אין ערשטן מאַי. אָבער צווישן דעם אָפּקלייבן די יאַגאָדעס פון דעם אָרט און אַ צוויי־טן, האָט מען זיך דערוויל אַוועקגעזעצט, איידער עס דאַרף דאָ זיין די דעמאָנסטראַציע, לעזן אַביסל אין די בראָשורן פון בעבעל און ראָזאַ לוק־סעמבורג. בכלל האָבן די מיידלעך פון יענע יאָרן זיך שטאַרק אַנגעכאַפּט אין בעבעלן און אין ראָזאַ לוקסעמבורג, איבער דעם וואָס די ביידע האָבן באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט. האָט מען דערוויל געפירט ראָמאַנען אין די וועלדלעך, צאַרטע פלירטן, געוועבטע מיט אַגיטאַטאָרישע פראַזן וועגן קלאַסן־קאַמף און אַראָפּוואַרפן די זעלבסט־הערשאַפט. אַנדערע האָבן דאָ און דאָרט צונויפגעשטעלט די רויטע פע־נער פון פאַפּיר און לייוונט. און פון פּאַפּיר און רויטן לייוונט האָט מען געמאַכט בלומען, ווייל אויפן פעלד זענען נישט געווען אַזעלכע רויטע בלומען, זיי אָנצוטשעפּען אין די לאַצן, אין די טעג פון ערשטן מאַי. אָט די מיידלעך און בחורים זע איך איצט, ווי זיי וואָלטן שטיין פאַר מיינע אויגן; בחורים אין שוואַרצע, סאַטינענע העמדלעך מיט רויטע שנורן אַרומגענומען, מיט לאַנגע, געדיכטע האָר, וואָס פאַלן אַראָפּ אויף זייערע אַקסלען. די מיידלעך פּייערדיקע, לוסטיקע, אין געפאַרבטע שטרויענע קאַפּעליושלעך פון אונטער וועלכע עס שיסן אַרויס די האָר־קנוילן. מיט יוגנטלעכן חן פירן זיי אויס זייערע פלירטן אין אַ וועלדל פול מיט קו־

סעווקעס און שפּילעוודיקע קאַנאַריקלעך. און ריחות פון זשיוויצע פאַר־כאַפּט דעם אָטעם. בכלל זענען די אַמאָליקע מאַיען געווען אַ געמיש פון שיינע ליבע נאַטור מיט קאַמפּס־לוסטיקייט, בלומען, נאָדל־ביימער, מיט האַקן קעפּ פון רוסישע טיראַנען.

אָט זיצט אין וועלדל וואַצלאַוו — דער אייזערנער בחור מיט סולי־מאַס טאָכטער קאַשקאַ. וואַצלאַוו פּוצט זיינע צוויי בראַונינגס אין דער צייט וואָס זי מאַכט פאַרטיק די פּאַפּירענע רויטע פאָן און זינגט די מאַר־סעליעזע. דערווייל לייגט זי אַוועק די פאָן מיט דער מאַרסעליאַנקע און נעמט בלאַנדזשען אין זיינע געדיכטע האָר, דאָס זעלבע געשעעט מיט מאַרעקן, וואָס חזרט זיך די רעדע וואָס ער וועט האַלטן צום ערשטן מאַי וועגן דער קאָנסטיטואַנטע. ער לייגט אַלץ אַוועק און שפּילט זיך מיט גיטלס געלאָקטע האָר, און די יוגנט זיצט דאָ און קלייבט יאַגאָדעס אין וואַלד און בחורים און מיידלעך קושן זיך, דאָס קומט פאָר דאָ מיט די פּראַקעס, און פון צייט צו צייט באַווייזן זיך די צוויי וואָס זענען געקו־מען מיטן מאָסקווער צוג, זיי דערשיינען פון אונטער די ביימער, זינאַ און סטעפּקאַ. דער עולם איז זיי געוווינט צו רופן „עראס און פּסיכע", ווייל אויך זיי טוען דאָס זעלבע.

ערגעץ ווייט גרופּירן זיך די מענטשן פון „בונד" און קודם כל אסתר מיין שוועסטער. שוין מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מען געקענט זען ביי אונדז אין שטוב, ווי זי פּאָרעט זיך, שלעפּט פּעקלעך אַהין און צוריק. מיר פלעגן זיך נישט אינטערעסירן מיט אירע ענינים ווי זי נישט מיט אונ־דזערע. פונדעסטוועגן פלעג איך אַ בליק טון פון אַ זייט, וואָס האָט זי דאַרט? אויפרופן פון בונד צום ערשטן מאַי, אויפרופן פון „בונד" קעגן טעראָר פון פּ. ס., פלעגן אויך די שוועסטערלעך גיטל און אסתרקע פירן ויכוחים מיט זיך, וואָס זענען דערגאַנגען ביז רייסן זיך ביי די זיידע־נע געלאָקטע האָרלעך.

דאָ אָבער אין איגאַנער וועלדל איז שלום ושלוה. זיי זיצן ווייט פון זיך. דאָ זיצט אסתרקע מיט אירע שניידערקעס און אַרבעט אַריין אין זיי ווי אַ רביצין, וואָס עס באַדייט דער ערשטער מאַי און פון צייט צו צייט

האָט זי אויך איר „אוכאַזשאַר", „דער ווייסער קאָפּ" פון בונד, אַ פּשוטער בחור, אַ מאַסן רעדנער וואָס גיט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ.

איך זע אויך די אינטעליגענץ פון בונד, וויכערן מיט זיינע שוועס־טערלעך, ער זיצט מיטן שמשס טאָכטער פריידל, אַ מויד ווי אַן עפּל, רויט, שיין און געזונט און לוסטיק. די שוועסטערלעך ווידער האָבן אַרום זיך „דאָס פּריצל" און „וויעטראַקן", צוויי גימנאַזיסטלעך קליינע ווי קינדער, מען זעט אויך יאַבלאָנען דעם סוחרישן בחור און מען זעט דעם בן יחיד ביי זיינע עלטערן ליאָסען. אויך דאָ ליגט אויף דער ערד אַן אַרבעטער־עולם מיידלעך און בחורים וואָס קלייבן יאַגאַדעס, זינגען די שבועה פון בונד און דערקלערן זיך אין ליבע און אויך דאָ ווי ביי אונדז וואַרט מען אויף אַ רוף צו גיין אין טאָל אַריין האַלטן די רעדעס פון ערשטן מאַי.

עס זענען נאָך דעמאָלט קיין „הויכרײדער" נישט געווען, נאָר די קולות פון די רעדעס האָט מען געהערט פון ווי ווייט. אָט שטייט מאַרעק, דער ייִד מיטן גויישן פּנים, און רעדט אַ יידיש ווי פּערל, מען הערט זיין רעדע ביים בונד. און דאָרט שטייט מיין שוועסטער אסתר, זי שרייט אַזוי הויך, אַז איך הער אַזש דאָ. פון איין אָרט שרייט מען: לעבן זאָל דער אַרבעטער בונד מיט זיין פאָדערונג פאַר אַ „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָ־מיע", און דאָ וואָס שרייט מען? „לעבן זאָל די קאָנסטיטואַנטע", כמעט אין איין צייט אין ביידע אויערן אַריין.

איך געדענק די רעדנער ווי אין חלום. איבערהויפּט געדענק איך אונ־דזערע. אָט שטייט דאָ פון דער העלער הויט געקומענער „דוד ליאַלקע", דער טעאָרעטיקער אונדזערער, וועלכן עס איז שווער צו באַקומען אַ גאַנץ יאָר, נאָר אין דעם ערשטן מאַי קומט ער, שפּרינגט אַרויף אויף דער טרי־בונע פון די בונדיסטן און אַנטוויקלט זיך זיין טעאָריע איבער דער קאָנ־סטיטואַנטע. שפּרינגט אַרויף דאָס „פּריצל" פון בונד אויף אונדזער טרי־בונע און אַנטוויקלט די טעאָריע פון „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע", רייסן זיך אַרויס פון דער מאַסע די צוויי פאַך־אַרבעטער און „סכאָדקע פּראָ־פּאַגאַנדיסטן" משה מעזריטשער און יידל סמאַרגאָנער, ביידע נעמען רעדן סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין איבער פאַך־אַרבעט. קומט צו גיין פון אַ ווינקל דער שלאָגער פון רעדנער „אונדזערע בורגין", דאָס איז אַ בחור

מיט אַ געזונטן קערפּער און אַ שטאַרק קול, וואָס ווען ער רעדט, פּאַרטויבט ער די אויערן. די שפּאַנונג ווערט גרויס.

***

וואָס האָט געטון מיין פאָטער אין די מאַי טעג? דאָ דאַרף איך דער־ציילן וועגן אַ געשעעניש פון פריער. מיין פאָטער פון די יונגע יאָרן אין מעזריטש איז געווען אַ בית המדרש בחור און אַ מתנגד צו אַלץ וואָס חסידיש לעבן איז. נאָר גראַד אין שעדלעץ האָט ער זיך גענומען צורוקן צו חסידים, קיינער האָט עס נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען קומט צו אים, דעם רוסישן קאַזאַק, חסידות. אויף דעם האָט געענטפערט מיין פאָטער, אַז ער האָט ליב התלהבות, וויל אויב אַ מענטש האָט התלהבות צו איין זאַך, האָט ער עס שוין צו אַ צווייטער. הכלל, אין איין שיינעם טאָג האָב איך געזען מיין פאָטער אין אַ סאַמעטענעם היטל, אומגעפער אַזוי האָט געטון זיין חבר — דער פויער סולימאַ, ווען ער האָט באַדאַרפט זיך ווייזן פאַרן דזשעקאַן קאַפּוסטאַ ווי אַ פּרומער. אַלע זונטיק האָט ער אָנגעטון אַ היטל מיט אַ לאַנגן גלאַזערנעם דאַשעק, מיט אַ „סדור" — די עוואַנ־געליע אין האַנט, אָבער אין סדור זיינעם זענען געלעגן הונדערטער דינע פּאַפּירלעך, ווי זיי זענען געלעגן אין זיין היטל, אין זיינע באַליעוועס צו צעטיילן זיי די פויערים און פּונקט אַזוי מיין איך האָט געטון מיין פאָ־טער. ער איז נישט געגאַנגען אין שטיבל אַריין צוליב פרומקייט, ער האָט געהאַט אַ פול היטל מיט פּאַפּירלעך אין די שטיוול, אין די קעשענעס מיט זיי צו כאַפּן די נשמות פון דער יוגנט.

און פלעגן קומען די שבתים און ימים טובים, שטייט מיין פאָטער מיטן טלית איבערן קאָפּ מיט כל הנערים, פירט שמועסן מיט זיי, וועגן וואָס? וועגן די ראָמאַנאָווס, די באַנדיטישע צאַרן, האָסטו געקענט הערן וועגן אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אַז ער איז געווען אַ פרעסער, ניקאָלאַי אַן אידיאָט און וועגן יעקאַטערינען האָט ער שוין געהאַט גענוג צו זאָגן וויפל זעלנער זי האָט געלאָזט אין וואַסער אַריין...

האָט מען אַמאָל געמאַכט אַ מי שברך אין שטיבל דעם צאַר, איז ער אויפגעשטאַנען:

וועמען? א אידיאָט? און א גולם און א פערד?

האָט אפילו נישט געהאָלפן די פּחדימדיקע ווערטער, אז אין דרויסן דרייען זיך די „בלויע" און הערן אויס וואָס מען רעדט, ער האָט זיינס געזאָגט און בשעת קריאת התורה איז ער געשטאַנען מיטן טלית איבער־געדעקט די יינגלעך און ער האָט זיי דערלאַנגט טאַקע די פּאַפּירלעך מיט די רויטע הענט. הכלל, גאָר אין א קורצער צייט איז אים געלונגען צו כאַפּן די נשמות פון אייניקע בחורים אין שטיבל.

ווען די געכאַפּטע נשמות פלעגט גיין אן ארבעט צווישן פאָטער און יודלען. דער ברודער איז געווען דער מומחה אין פּסיכאָלאָגיע זיי אויסצו־פּרובירן ווי אזוי זענען זיי אין כאַראַקטער, שטאַרקע אָדער שוואַכע, דער־נאָך האָט ער זיי איבערגעגעבן מיין פאָטער, ער האָט זיי דאַן גענומען אין דער אַרבעט אריין. האָט זיי דער זעלנער פון צווייי סלוזשבעס געלערנט שיסן, קריכן און אויפרייסן בריקן וואָס עס איז געווען זיין ספּעציאַלי־טעט אין מיליטער ווי א סאַפּיאָר.

גראָד ווען מיין מוטער איז נישט געווען, האָט מיין פאָטער ביי אונדז אין שטוב גאַנץ פריי געקאָנט אויספירן די אַרבעטן אויפן בוידעם, דאָס קריכן און דאָס קלעטערן, שיסן איז ער מיט זיי געגאַנגען אין איגאַנער וועלדל.

אָבער נאָך אן ארבעט האָט ער זיי געלערנט, נאָכגיין שפּיאָנען, און דאָ האָב איך געוואָלט עפּעס באַמערקן. מיין פאָטער איז בטבע געווען א מענטש פון חושד זיין יעדן און נישט טרויען קיינעם, קיין זאך. שווער געווען מיט אים עפּעס צו רעדן וואָס אים האָט נישט געשמעקט, ער האָט באַלד געפרעגט: צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן? האָט ער זיך שטענדיק גע־זוכט אזעלכע מענטשן ווי ער, וואָס קענען נאָכגיין פאַרדעכטיקע, אויס־פרעגן פאַרדעכטיקע און דאָס האָט ער אויסגעלערנט די חסידישע בחורים זיינע, אזוי אז ווען ער פלעגט אַרויסגיין אין גאַס מאַכן זיינע פאַרשונגען אויף מענטשן, וווהין זיי גייען, האָט ער מיטגענומען די בחורים און זיי צעשיקט איבער די גאַסן נאָכקריכן דעם און נאָכגיין יענעם.

אָט אזוי האָסטו אויך געקענט זען, ווי אזוי דער גענעראַל היט זיין אַרמיי, שטעלט אויס די מענטשן צו היטן די מאַסן אין גרויסן טאָל ביים

רעדן, און ווען די מענטשן האָבן אָפּגערעדט, האָט ער זיי צעשיקט אין פאַרשידענע ריכטונגען, זיי זאָלן זיך נישט באַגעגענען מיט דער פּאָליציי. ס'רוב איז עס אים געראָטן. עס איז נאָר צו באַמערקן, אַז אין דער זעלבער צייט פון מאַי, ווען עס האָבן זיך נאָך געפונען די צוויי אינסטרוקטאָרן מיט זייערע קאַסטנס ביי אונדז אויפן בוידעם, איז מיטאַמאָל אָנגעקומען די מוטער, וואָס האָט געטראָפן די שטוב אין אַ תוהו ובוהו. עס האָט נישט געהאָלפן די רייד, אַז דאָס זענען צוויי פּריצים פון הייף וואָס זענען געקומען באַשטעלן גלאָז, זי האָט זיך נעבעך גענומען ברעכן איר אָרעמען קאָפּ.

„לייכטע אַטענטאַטן"...

איך זיץ איצט און מײנע מחשבות שװעבן איבער יענעם הויז פֿון מײן זיידן, פֿון װאַנען די שטורמישע טעג און נעכט זענען אַרוים אויף דער שטאָט און איר סביבה. אַט איז שפּעט ביינאַכט, מײנע שטוב־מענטשן דרימלען, נאָר צװיי, דריי נישט, די ערשטע בת־שבע, די עקרת הבית, מאָרגן אינדערפֿרי דאַרפֿן די גלעזער אַרוים צו דער אַרבעט, גרייט זי צו די העמערלעך, די שטיפּטלעך, דאָס גלאָז און דאָס אָנבייסן אויף באַגינען. שװער זי אָפּצורייסן פֿון איר פֿליכט, פּונקט װי עס איז שװער זי אָפּצורייסן פֿון דער קיך פֿאַר די מענטשן אירע. און בת־שבע איז אויך אַ דיכטערין, שפּעט ביינאַכט דיכטעט זי אירע לידער, איבער װאָס? איבער „בלויע-הימלען" און „װייטע טויבן" און מײן „זיידנס בייזקייט" און דער „באַבעס גוטסקייט", לידער צאַרטע, האַרציקע, דאָס נעמט אװעק איר שלאָף.

אָבער איצט איז דאָ נאָך װאָס, װאָס עס באַרויבט איר שלאָף. שוין עטלעכע שעה אַז יודל איז אַרוים צו דער אַרבעט אין גאַס, עס רעדט זיך איבער אַ זיצונג װאָס עס איז געװען נעכטן ביי סולימאַן טאַקע, מיט די צװיי געקומענע מיטן „מאָסקװער עקספּרעס". עס איז באַשטימט געװאָרן אונטערצוצינדן דעם רוסישן מאָנאָפּאָל — בראָנפֿן־שענקען און אַרויסנעמען דאָס געלט פֿון קאַסע. די אָנפֿירערשאַפֿט איז איבערגעגעבן געװאָרן יודלען, װאָס איז אויסגעלערנט געװאָרן פֿון מײן פֿאָטער, דעם געװעזענעם סאַפּיאָר ביי די זעלנער, דאָס צו טון. איז ער, יודל, אװעק מיט זײנע מענטשן. אומגעפֿער צװעלף ביינאַכט, האָט מײן ברודער צוגעזאָגט,

וועט קומען דער קלאַפּ, מען וועט אים הערן פון ווי ווייט, נאָר מען האָט אים נישט געהערט, האָט זיך מיין פאָטער שוין נישט געפונען אין שטוב, ער איז געגאַנגען אַ קוק טון.

אין דער שטילקייט פון שטוב זענען מיר נאָרביידע, איך און שוועסטער בת־שבע, ביידע פאַרבלאָנדזשעטע וואָס ווייסן נישט וואָס צו טון. וועקט זיך אויף די מוטער, גיט אַ פרעג איינמאָל:

— ווו איז יודל, ווו איז דער טאַטע?

דער ענטפער בת־שבעס איז:

—ביידע אויפן הויף.

דאָס באַרואיקט זי אין מאָמענט.

אָבער מיין שפּאַנונג וואַקסט, אין דרויסן איז פינצטער, נאָר די איינציקע לאָמטערנע אויפן הויף גיסט אויס טרויעריקן און שטילן שיין. מיינע מחשבות בלאָנדזשען ערגעץ איצט, ווו יודל איז, נאָר מיינע בליקן זענען געווענדט צו דער מוטער וואָס שלאָפט נעבעך אַן אומרואיקן שלאָף.

מיט איינמאָל איז זי ווידער אויפגעשפּרונגען:

— ווו איז יודל?

בת־שבע נעמט ענטפערן פאַרדרייטע ענטפערן, העלפן איר נישט די ענטפערס, די מוטער מאָנט יודלען, ווי מיט איינמאָל האָט זיך געהערט אַ שרעקלעכער קלאַפּ, וואָס האָט געמאַכט ציטערן די שטאָט. אַלע זענען אַראָפּ פון די געלעגערס אין די העמדער און גענומען לויפן צו דער טיר.

צום גליק איז דער פאָטער מיט יודלען אָנגעקומען אַזוי שנעל, אַז מען האָט נישט געקענט טראַכטן, אַז זיי זענען געווען אַזוי ווייט. די מוטער איז גליקלעך געווען, זי האָט אָנגעכאַפּט יודלען פאַרן קאָפּ, זיך געטוליעט צו אים, זי האָט נישט געזען, אַז ער איז אָן אַ היטל, ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינשטימען, אַז זיין היטל זאָל בלייבן ערגעץ. עס האָט זיך געוואַלגערט אויפן הויף. נאָר באַלד איז דאָס אויך געפונען געוואָרן. יודל האָט געהאַלטן דאָס היטל אין האַנט און זיין פּנים האָט גליקלעך געשמייכלט צו בת־שבען.

— וואָס איז דיר געשען? פרעגט די מוטער, זעענדיק ווי יודל איז אויפגערעגט.

— מיר איז גאָרנישט געשען, ענטפערט יודל דרייסט און לעבהאַפט.
— אָבער וואָס איז געשען אין שטאָט? פרעגט די מוטער מיין פאָטער.
— א שׂרפה אין שטאָט, ענטפערט מיין פאָטער.
מיין מוטער איז פון תמיד אָן א נערוועזע פרוי, מען האָט איר דערלאַנגט קאַלט וואַסער, אַריינגעשטעקט אַ האַנט, דערמיט האָט זי זיך באַרואיקט און פּרובירט איינשלאָפן. פאַרן שלאָף בלויז האָט זי באַמערקט, אַז זי פילט זיך זייער שוואַך און אַז מאָרגן באַגינען וועט מען איר מוזן ברענגען דעם מינסקער פעלדשער שעפּליאַן, וואָס איז געווען אונדזער שטוב פעלדשער. אָבער קוים נאָר איז מיין מוטער איינגעשלאָפן, האָט זיך מיין פאָטער אַריינגעכאַפּט אין קיך, וווּ עס האָבן זיך שוין געפונען בת-שבע און יודל און מען האָט גענומען דיסקוטירן איבער דעם ענין. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען אַן איבערפאַל אויף דער ברייטער גאַס, דאָ האָט זיך באַטייליקט סולימאַ און זיין משפחה, מאַרעק מיט זיינע מענטשן און עס פאַרשטייט זיך וואַצלאַוו.
אַן איבעררַאשונג איז געווען אָט וואָס. יודל האָט געהאַלטן אין האַנט גרויסע סומען געלט „גאָלד שטיקער" פאַרפאַקטע. די געלטער האָט ער געזאָגט זענען דריי מאָל אַזוי פיל. עס הייסט, פונקט אַזוי פיל האָט אין האַנט וואַצלאַוו און פונקט אַזוי פיל סולימאַ. מאָרגן איבערמאָרגן שיקן מיר די געלטער אָפּ צום צענטראַל קאָמיטעט קיין וואַרשע. דערווייל מוזן מיר עס באַהאַלטן. האָט ער אויסגעפונען דאָס פּאַסיקע אָרט — דעם אויוון. האָט ער זיך צוגעשטעלט אַ שטול און אַרויף אויבן אַוועקלייגן דאָס געלט.
דערנאָך האָבן זיך אין קיך אַוועקגעזעצט דער פאָטער און יודל, ביידע האָבן גענומען זיך שושקען:
— וואָס שושקעט איר זיך? הערט מען פּלוצלינג דער מוטערס אַ פראַגע, וואָס האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון שלאָף.
— מיר שושקען זיך נישט, ענטפערט יודל פון שלאָף. מיר רעדן.
— דרייט אַריין דעם לאָמפּ דאָרט, בעט זיך די מוטער און גייט שלאָפן.

— באַלד גייען מיר, ענטפערט מיין פאָטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ חתונה איז מען נישט געגאַנגען שלאָפן באַלד. מען האָט זיך הערצלעך צוזאַמענגערעדט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, און מיין פאָטער האָט אָפּגענומען פון יודלען אַ פולן באַריכט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער ענין געווען פיל שווערער ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. מען האָט באַדאַרפט ביז אַן ערך צוואַנציק רוסישע סטראַזשניקעס בינדן די הענט וואָס זענען געשלאָפן אין די מאָנאָפּאָל קראָמען און דאַן אויפרייסן דריי קאַסעס און צונעמען דאָס געלט. די גאַנצע אַרבעט האָט נישט געדויערט קיין שעה מיטן אונטערצינדן אפילו די קראָמען פון מאָנאָפּאָל און צוזאַמעננעמען די געלטער. אין דרויסן האָט גענומען ווערן ליכטיקער און מיין מוטער האָט נאָך אַמאָל אַ רוף געטון צו די קינדער:

— וואָס איז אין דרויסן אַזוי ליכטיק?

בת־שבע ענטפערט:

— אַ שׂרפה אין דרויסן, נאָר זייער ווייט.

— גייט זשע שלאָפן.

— מיר גייען!

מיר זענען נישט געגאַנגען שלאָפן. ניין, ביז באַגינען האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין די שטובן ווי שאָטנס און אַלע מאָל האָט ווער אַנדערש אַ בליק געטון אויפן אויוון ווי אויף אַ לאָטעריע אַ געווונענע.

אויף צומאָרגנס זענען מיר אַלע געגאַנגען קוקן אויף דער שׂרפה פון דער נאַכט. עס איז געווען וואָס צו זען. דאָ זענען געלעגן פלעשער, שטיקער שויבן און אייזן און אַרויסגעפלויגענע פענצטער און טירן. מען האָט געשמועסט, אַז וואַרשעווער באַנדיטן זענען איבערגעפאַלן די געוועלבער און מיר האָבן זיי אַלע דאָ געטראָפן טאָקע סולימאַן, וואַצלאַוו און מאַרעקן.

דאָס געלט איז געוואָרן אָפּגעשיקט אין זעלבן טאָג.

***

צו די „לייכטע אַטענטאַטן" קענען מיר צורעכענען די, — וואָס מיין פאָטער אַליין האָט אונטערגענומען. ווי געזאָגט איז מיין פאָטער געווען

אין זיין סלוזשבע א סאפיאר און דערמיט האט ער זיך שטענדיק באַרימט. ער האט געקאנט צעשרויפן שינעס פון דער באַן און זיי אפשרויפן. בריקן אויפרייסן, צוזאמענשטעלן, ווייסט נאר איין גאט פון וואנען האט ער אזוי באגריפן די ארבעט, נאר ער האט זי באגריפן ווי קיינער. פלעגן מיר אפטמאל קריכן ארום די באַן שינעס און מיין פאטער פלעגט זאגן:

— וויפל מיינט עז, קינדערלעך, דארף עס דויערן, אז איך זאל די שנירלעך (די שינעס הייסט עס) אויפבינדן.

— שנירלעך? פרעג איך.

— שנירלעך, ענטפערט מיין פאטער.

עס איז נישט געווען איבערגעטריבן, ווען מיר זענען אזוי איינמאל אפגעגאנגען א פיר פינף קילאמעטער אויף דער באַן־ליניע קיין לוקאוו, האט זיך מיין פאטער אוועקגעשטעלט אויף אן ארט און גענומען רעדן מיטן דרוזשניק, ביי וועלכן מיר האבן געטרונקען מילך, אז ער זאל אים דערלויבן אפדרייען א שינע וואס וועט דויערן סך־הכל איין האלבע שעה דאס אפדרייען און צודרייען.

— גאט איז מיט אייך, זאגט דער דרוזשניק, וואס האט געקאנט מיין פאטער אלס גלעזער. מילא, שויבן שטעלן קענט איר, ווי זשע קומט איר אבער צו אזא ארבעט? און דערצו דארף באלד דורכגיין א צוג פון בריסק, איר וועט שאפן דא א קאטאסטראפע.

— איז ווען למשל דארף דורכגיין דער צוג? פרעגט מיין פאטער.

— גענוי מיט אנדערטהאלבן שעה שפעטער.

— און איך וועל אייך דעם וועג פריי מאכן א סך פריער, ענטפערט מיין פאטער.

דער דרוזשניק האט בשום אופן נישט געלאזט דאס טוען, אבער ער האט אים געגעבן א זייטיקע ליניע פון א וועקסל־צוג צו באווייזן זיין קענטעניש. און דארט האט ער געמאכט זיינע פראבן; אין פארלויף בלויז פון א האלבער שעה האט ער צוגעשרויפט א שינע און אויפגעשרויפט א וועקסל־צוג.

דער דרוזשניק איז שטיין געבליבן געפלעפט.

צו וואס האט ער געמאכט דעם עקספערימענט? עס האט געהאט א סיבה.

מיט דריי וואכן בערך פאר דעם איז אנגענומען געווארן א באשלוס פון די „ספיסקאווצעס״ אין ווארשע, אז די ליניע בריסק־ווארשע דארף איבערגעפאלן ווערן, די געלטער קאנפיסקירט ווערן. איז די ארבעט צעטיילט געווארן צווישן זיך. סולימא און זיין משפחה מיט וואצלאוו האבן איבערגענומען די ארבעט אין דעם פאסט־וואגאן, דער סאפיאר האט די ארבעט אונטן, צעשרויפן די שינעס. אויך דער דרוזשניק איז געווען א בלאטער גוי, ער איז געווען פון סולימאס מענטשן, האט מיין פאטער דעם גאנצן פלאן זיך דורכגעקוקט, באקוקט אויך די בריק פון דער ליניע און איז אוועק.

פון דעם טאג אן איז ביי סולימאן אין שטוב פארגעקומען זיצונגען מיט די אלע ווארשעווער מענטשן, דען עס איז באוווסט געווארן, אז אין דער און דער נאכט, צוויי אזייגער, וועט גיין דער צוג מיט דעם און דעם נומער מיט א פאטשטאווען וואגאן... האבן זיך אלע געגרייט אפצושטעלן דעם צוג אויף דעם און דעם ארט. מיין פאטער און יודל האבן געמאלדן דער מוטער, אז זיי מוזן פארן אין א דארף אריין אויף ארבעט, זי איז זייער מסכים געווען.

ווידער א טונקעלע נאכט, זייער שפעט. בת־שבע און איך שלאפן נישט. מיר האבן זיך אויך מורא אין דער שטיל צו שושקען, ווייל באלד דערפילט עס די מוטער און פרעגט זיך „וואס שושקעט איר זיך״.

איך שוויג, קוק דורכן פענצטער. טרויעריק אויף דער נשמה. א דראבנער רעגן קאפעט. עס שיינט, אז דער רעגן וועט קאפען אן אויפהער און מיינע מענטשן וואס זענען אוועק אין אזא וועג, וועלן נישט צוריקקערן. די מוטער הייבט אן צו פארשן, פארוואס שלאפן מיר נישט, פארוואס דרייען מיר זיך איבער דער שטוב. עס איז דא א תירוץ, בת־שבע שרייבט לידער און איך הער אויס אירע לידער. בייננאכט איז שטילער, מיין מוטער וויל נישט אננעמען דעם תירוץ, נאר זי נעמט אים אן.

פונקט צוויי אזייגער האט מען געהערט דאס מרוטשען פון לאקאמאטיוו ווייט. דאס זענען געווען סיגנאלן, אז די באן האט זיך אפגעשטעלט.

און אַז מיט דער באַן איז עפּעס געשען. דאַן האָב איך געזען, אַז אַלע מענטשן זענען אַראָפּ פון די געלעגערס און אין דער שטאָט איז אַ גע־פּילדער. הינט האָבן געוואָיעט שרעקלעך. צום גליק איז די אייביק נער־וועזע, לייכט שלאָפנדע מוטער געשלאָפן און זי האָט נישט געהערט, אַז מיר זענען אַראָפּ אויפן הויף אַרויס אויף דער גאַס, זעען, אפשר איז וועך געקומען? איז טאַקע אָנגעקומען וועך פון די שכנים מיט אַ „בשורה טובה", אַז די באַן איז ביים פינפטן קילאָמעטער פון דער שטאָט איבער־געפאַלן געוואָרן און אַז די איבערפאַלער זענען געכאַפּט געוואָרן, עס האָט אונדז גענומען גרימען אין בויך. בת־שבע און איך האָבן דעם שכן נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט געמוזט זאָגן געננוי, פון וואַנען ער האָט גענומען די ידיעה. עס האָט אונדז נאָר בארואיקט אַ צווייטער מענטש, וואָס איז געקומען אין הויף אריין און האָט געבררענגט אַ פאַרקערטע נאַכריכט, אַז דער צוג איז בכלל נישט איבערגעפאַלן געוואָרן, דער וועג נאָר איז קאַליע און די וועג־מענטשן האָבן פאַרהאַלטן דעם צוג.

מען האָט געקענט גלויבן דאָס און דאָס. אָבער די פּאָר שעה ביז עס איז טאָג געוואָרן, זענען געווען מאַטערנדע און שווערע.

באַגינען איז מיין פאָטער און יודל אריין אין שטוב פעסימיסטיש. דער אמת איז געווען, אַז די רעלסן זענען אָפּגעשרויפט געוואָרן, דער צוג איז שטיין געבליבן, עס איז אָבער נישט געווען דער מיטן פאַטשטאָווען וואַגאָן, נאָר אַ פשוטער משא-צוג, עס איז זיי נעבעך ביידע ביטער גע־ווען דערפון.

מיין פאָטער האָט אָבער געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, מסתמא זיך אַליין צו טרייסטן, אַז דאָס זענען פון די לייכטע אטענטאַטן און אַז אין דער אמתן דאַרף איצט דאָס רעכטע מיטן געדיכטן קומען.

דער איבערפאַל אויף דעם סטאַטסקי סאָוויעטניק זאַשטשענקאָ...

עס שטייט מיר איצט פאַר די אויגן די צאַרישע פיגור, וואָס פלעגט זיצן אין דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע. אַ מאַן ביי די פופציק, מיט אַ לאַנגער ברוינער באָרד, אַ געקרייזלטער און געקעמטער, און מיט אַ פּאָר גאָלדענע ברילן, בליציקע און מיט אַ פּאָר אויגן וואָס האָבן מער געבליצט ווי די גלעזלעך די געפּוצטע. גיפט, שלעכטיקייט און פאַנאַטיזם איז גע־לעגן אין די אויגן. מען האָט געזאָגט, אַז ער, זאַשטשענקאָ, האָט באַ־דאַרפט זיין אין דער יוגנט אַ פּאָפּ ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטאָט פון טאַמבאָוו. און אַ רשע אויף יידן איז ער איינער, נאָר געוואָרן איז ער אַ טשינאָווניק פון אַ הויכן אַמט אין דער שטאָט שעדלעץ. מען האָט אים גערופן „סטאַטסקי סאָוויעטניק זאַשטשענקאָ". און לאַנג האָט ער געאַר־בעט אין גובערניע, ביי צוויי אָדער דריי גובערנאַטאָרן. די גובערנאַטאָרן זענען אַוועק, נאָר זאַשטשענקאָ איז געבליבן. וואָס איז געווען די אייגנ־שאַפט וואָס האָט אים געהאַלטן אין דער צאַרישער קאַנצעלאַריע? איך מיין, אַז די פיינטשאַפט צו יידן. אַ ביטערער מענטש צו אַ יידישן ענין. ווען מען האָט למשל באַדאַרפט אַ פּאַס צו פאָרן קיין אויסלאַנד, אָדער עפּעס אַן ענין וואָס האָט צו טון געהאַט מיט דער יידישער קהלה, האָט שטענדיק זאַשטשענקאָ אָנגעטון דאָ צרות, און צרות אין פּעטערבורג און מאָסקווע. די צרות פון דאָרט האָט ער געברענגט דערמיט, וואָס ער איז געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון דעם אָרגאַן פון צוויי קעפּיקן אָדלער „נאָוואָיע ורעמיא", ווו דער רעדאַקטאָר איז געווען אונדזער אַלטער גו־

טער פריינט סוואַרין. וואָס ער האָט געשריבן אַהין? אַז אונדזער שטאָט איז די נעסט פון „קראַמאַלאַ" — בונטאָוושטשיקעס, אַזעלכע דאַרף מען אויסראָטן, אונטערצינדן און פאַרברענען און אַזוי האָט ער זיך געפירט אין שטאָט. עס איז געווען אַ גובערנאַטאָר און אַ פּאָליצמייסטער אין שטאָט און עס איז געווען אַ פּאָלקאָווניק פון דער זשאַנדאַרמעריע, נאָר אין דער אמתן האָט ער געפירט דאָס רעדל אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט אויך באַקומען זיין איינפלוס אויף די אָפיצערן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער באַקאַנטער פּאַגראָמשטשיק טיכאַנאָווסקי.

מיט איין וואָרט, סטאַטסקי סאָוויעטניק זאַשטשעַנקאַ איז געווען דער גורם פון אַ סך יידישע צרות. פלעגט מען אים זען אין שטאָטישן סאָד זיצן מיט זיין חבריא, מיט דער „נאָוואָיע ווּרעמיא" אין האַנט און אויסרעדן אויף יידן אסור לדבר. דער סוף איז געווען שלאָגן און הרגענען און אוועקשיקן קיין סיביר. און אַז ערגעץ ווו ביי דער זייט זיצן אַזעלכע מענטשן ווי וואַצלאַוו, אָדער דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער „סטעפּקאַ" און הערן דאָס, בלייבט ער שוין אַ קאַנדידאַט צו שיקן אים אויף יענער וועלט. איז ער שטענדיק געווען פון די ערשטע, וואָס די „ספּיסקאָווצעס" האָבן אים גענומען אויפן צעטל. און עס האָבן זיך אפילו געמאָלדן צווישן די „ספּיסקאָווצעס" מענטשן, ווו יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו דערלאַנגען אים אין קאָפּ אַריין, נאָר יעדעס מאָל האָט מען דעם ענין אָפּגעלייגט. איינמאָל האָט מען געזאָגט, אַז די צייט איז נישט פּאַסיק דערצו. אַ צווייט מאָל: עס זענען נישטאָ איצט די פּאַסיקע מענטשן, און אַנדערש מאָל, עס איז נישטאָ דאָס ריכטיקע אָרט, נאָר איינמאָל, ווען איך בין אַזוי געזעסן אין שטוב און קיינער אויסער מיר און דער מוטער איז נישט געווען, האָבן מירביידע דערהערט אַ זעץ, אַ קנאַל אין דער לופט, אַז שויבן האָבן גענומען ציטערן. וואָס איז? קיינער האָט נישט געוווסט. בין איך אַרויס אויף דער גאַס, הונדערטער מענטשן קומען מיר אַנטקעגן. הייסן מיך נישט גיין, ווייל מיליטער שיסט אין אַלע זייטן. זאַשטשענקאָ איז איבערגעפאַלן געוואָרן. ער איז טויט, מען האָט אַליין געזען.

די סומאַטאָכע איז געווען זייער גרויס. קיינמאָל האָב איך אַזאַ סומאַטאָכע נישט געזען. געוועלבער שליסן זיך, וואַרשטאַטן ווערן פאַר־

קאַזט און די מענטשן לויפן אהיים ווי פארסמטע מייז. זע איך אויך דעם פּאָליצמייסטער מיט די סטראַזשניקעס, אַ שרעק האָט אָנגענומען ווען מען האָט דערזען די פּאַניק.

דער אמת איז אָבער געווען, אַז זאַשטשענקאָ איז גאָר איצט נישט געזעסן דאָרט, ווו מען איז איבערגעפאַלן, ער איז געווען אין זיין שטוב און איז אליין געלאָפן זען דעם איבערפאַל. ווען איך בין אריין אין שטוב, האָב איך באַגעגנט אַלע מיינע מענטשן טויט בלאַס. „עס איז נישט געלונגען", האָט געשעפּטשעט מיין פאָטער צו מיין ברודער און געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי איבער אַן אומגליק. איז די מעשה אזוי געווען, סולימאַ מיט זיין זון און טאָכטער האָבן באַדאַרפט אויספירן דעם אַטענטאַט אין דער און יע־נער צייט, ווען זאַשטשענקאָ איז געווען אין שטוב; איז מען געגאַנגען אים געפינען אין גרויסן סאַד — מען האָט געפעלט.

מיינע שטוב מענטשן, דער עיקר דער פאָטער איז געווען בייז ווי אַ לייב, ווען מען גיט אים נישט דאָס עסן.

עס איז נאָר געווען צו זען מיין מוטער מיט אַ פארבונדענעם קאָפּ פון אירע צרות, זי האָט כסדר געמאָנט זיך דעם פעלדשער שעפּליאַק און בת־שבע איז געלאָפן אים ברענגען.

אויף צומאָרגנס איז די שטאָט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פון מיליטער, דער דראַגונער רייטער פּאָלק האָט פּאַטרולירט די גאַסן און געשלאָגן די מענטשן וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, רעוויזיעס זענען פאָרגעקומען אין דער גאַנצער שטאָט און מאַרעק און וואַצלאַוו האָבן גע־ביטן זייערע דירות. פון סולימאַן זענען זיי אריבער צום סטאָליאַר דאַ־מאַנסקי, אויך אַ פּלאַץ ווו די סטאָלערייי איז געווען אַ שוץ. די שטימונג אין גאַס איז געווען שרעקלעך. דאָ האָט דער סטאַטסקי סאָוויעטניק גענור־מען שיקן זיינע דעפּעשן צו דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" אַז אונדזער שטאָט איז די שטאָט פון באַנדיטן און בונטאָווטשיקעס און די טשינאָווניקעס מיט די רוסישע אָפיצירן און יונקערס האָבן זיך גענומען צוזאַמענרעדן מיט זייער לשון „בעי זשידאָוו", יידן צו שלאָגן.

***

אין יענע טעג האָבן שוין די „ספּיסקאָווצעס״ געטון זייערס אויך אין די שטעטלעך. קלאַנגען זענען געגאַנגען פון פאַרשידענע פּלעצער וועגן אַטענטאַטן דאָ און דאָרט. אין סאָקאָלאָוו למשל האָט מען געהערט, אַז אין איין וואָך זענען דערשאָסן געוואָרן צוויי סטראַזשניקעס. אין ווענגראָוו האָט מען אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט אַ „בלויען״, אין ראַדזין האָט מען אַוועקגעלייגט שפּיאָנען.

די כוחות פון די איבערפאַלן פאַרשטייט זיך זענען געקומען פון אונדזער שטאָט, וואָס האָט שוין פאַרנומען די מוחות פון די רוסישע מיניסטאָרן און רוסישע כוליגאַנישע צייטונגען אין מאָסקווע און פּעטער־בורג, וואָס האָבן באַצייכנט שעדלעך פאַר אַ שטאָט פון בונטאָווּשטשיקעס, און אויך אין דער שטאָט זענען געטון געוואָרן אַרבעטן, מאָנאָפּאָלן זענען אונטערגעצונדן געוואָרן, קאַסעס פון באַנען אויפגעריסן, מען האָט אָבער געטראַכט פון עפּעס גרעסערס, מען האָט געטראַכט פון גובערנאַטאָרס קאָפּ. אויפן פריערדיקן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גוטער גוי, ער האָט געהאַט אַ שיינע פרוי און צוויי יונגע הויכע, רייצנד־שיינע טעכ־טער וואָס זענען געקומען קויפן אין יידישע קראָמען זייערע קליידער און קאַפּעליושן, נאָר דער איצטיקער גובערנאַטאָר איז אַ רשע, אַ יונקער פון נאַטור און זאַשטשענקאָ איז זיין רעכטע האַנט. פאַראַן אויך אַ פּאָליצ־מייסטער און אויף אים האָט מען געזאָגט ווי אויפן גובערנאַטאָר אַ רשע, אַ טרייער צאַרישער הונט.

אָט די „קעפּ״ האָבן גענומען מאַטערן די מוחות פון די „ספּיסקאָוו־צעס״. האָבן זיך ווידער דאָ די דעות געשפּאָלטן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מ׳דאַרף אַוועקלייגן דעם טרייען צאַרישן הונט, דעם פּאָליציימייסטער, וועל־כן מען האָט גערופן אויפן נאָמען פון אַ שטאָט־לאָבוז „אברהמקעלע גוי״, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דער עיקר איז דער קאָפּ, דער גובערנאַטאָר. די מערהייט אָבער פון די „ספּיסקאָווצעס״ האָבן געשטימט דערפאַר, אַז צום ערשטן מוז גיין זאַשטשענקאָ, פון וועלכן עס קומען אַרויס אַלע צרות. פאַר דער צייט האָבן זיך שוין אויסגעשפּרייט די כוואַליעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע איבערן גאַנצן לאַנד. ווער קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ השפּעה עס האָבן געהאַט די שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס פון די פּוטי־

לאַוועד זאַוואָדן. דער אויפשטאַנד פון פלאָט אין די וואַסערן פון פעטער־בורג און פינלאַנד, און דאַן די שטימונג אַרום דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קאָנ־פליקט. אַ פייער לאַווע האָט זיך צעגאָסן איבער גאַנץ רוסלאַנד און די לאַווע איז אַריבער איבער אונדזער שטאָט, יעדע באַוועגונג דאָרט האָט אָנגערירט אונדז, יעדער טעראָר־אַקט דאָרט האָט געמאָנט טאָטן פון אונדז.

אָט איז צייטיק געוואָרן אַ געדאַנק ביי די „ספּיסקאָווצעס" צו דער־גרייכן קיין ביעלאָוויעזש, וווהין עס פאָרן יאָר־יערלעך דער צאַר מיט זיין פאַמיליע פאַנגען זובערס, און דערלאַנגען אים מיט זיין קייזערלעכער פאַ־מיליע דאָרט. עס איז נישט געווען קיין פאַנטאַזיע, עולם האָט אָנגעהויבן טראַכטן פּלענער ווי אַזוי דאָס צו פאַרווירקלעכן, זיצט וואַצלאַוו ביי די דאַמאַנסקים און פּירט שמועסן מיט סולימאַן, עפּנט זיך פלוצלינג די טיר און עס קומט אַריין מאַרעק. דאָס זענען די דריי טעכניקער וואָס אַרבעטן אויס פּלענער פון „גרעסערע אונטערנעמונגען" און מיין פאָטער עליו השלום וואָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט קאָנספּיראַציע געהיט, איז דאָס מאָל פאַר גרויס באַגייסטערונג אַרוים פון די האַלאַביעס, האָט ער גענומען רעדן דערפון אין חסידים שטיבל, אַז ניקאָלאַיס סוף קומט. און ממילא האָט ער זיך איינמאָל פאַרגעסן און האָט אַזעלכע ווערטער גע־לאָזט פאַלן פאַר דער מוטער. די מוטער האָט זיך אַזוי אויפגערעגט פון מיין פאָטערס פרייליעכקייט, אַז זי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט מיט כעס און שרעק:

— און דו, איצל מעזריטשער, אַ פליג, וועסט זיך קעגנשטעלן קעגן אַ לייב?

— איך, איצעלע מעזריטשער, אַ פליג, וועל זיך קעגנשטעלן אַ לייב.

— אוי וויי איז מיר — ברעכט די מוטער די הענט, ווענדנדיק זיך צו אונדז אַלעמען, — וויי איז צו מיר און אייך קינדערלעך.

מיין פאָטער האָט געשמייכלט...

שמחהס דאגות וועגן אנדערע

עס פארשטייט זיך אז דאס אלץ האט צו טון געהאט מיט שמחהן נאר אויף אזוי פיל, וויפל עס האט בארירט זיין פאך, ווייל שמחה גלעזער האט נישט געזען עפעס אנדערש אויף דער וועלט ווי דאס גלאז זיינס. די טעג און נעכט זענען פארנומען מיט אויפרייסן שינעס פון דער באן און מיט אונטערצינדן הייזער פון צארישע באאמטע, נאר ער טראכט פון איינס: וואס וועט דאס אלץ געבן זיין גלעזעריי?..

אמת, אז שמחה האט געהאט א געוויסע שטעלונג אויך צו דעם, וואס עס טוט זיך אפ ארום אים. ער האט געזען, אז אלע קעמפן קעגן קיסר און א קיסר אויף דער וועלט, האט ער געזאגט, מוז מען האבן, עס מוז זיין. זענען אבער דא לאבוזעס וואס ווילן א קיסר אראפוואַרפן, האט שמחה, דער שפרודלדיקער ייד מיט א סך לעבן, אויך א חכמהלע פאר לאבוזעס. ער פלעגט זאגן: גאט האט געשאפן לאבוזעס אויף דער וועלט צוליב האקן שויבן. די חכמה האט געהאט א גרונט; קיינמאל האב איך נישט געזען מענטשן ארומגיין און האקן שויבן ווי מען האט עס געטון אין שמחהס צייטן.

אין קולער געסל איז אויסגעבראכן א שטרייק. גייען ארום בחורים מיט שטעקנס אין די הענט און ווער עס האט געוואגט צו ברעכן א שטרייק, איז טראך! שויבן נעמען זיך שיטן ווי האגל... ערגעץ־ווו האט מען זיך געדונגען, א באלעבאס מיט אן ארבעטער האבן געהאט א סכסוך — איז טראך! און אפטמאל האט דער זעלבער באלעבאס זיך געוויצלט מיט זיין ארבעטער איבער דער בערזע און אירע מענטשן — שויבן האבן

גענומען פליען. און אומעטום, יעדעס מאָל פון אַן אַנדער אָרט, האָט מען געהערט אַן אויפרייס פון אַ באָמבע — טראַך!!!

פלעגן די מענטשן פון שטאָט זאָגן אויף שמחהן, אַז זיין פרנסה באַשטייט פון טראַך און באַך און ווען נישט דאָס, וואָלט ער נישט עקזיסטירט.

דוכט זיך מיר זייער אָפט, אַז מיינע אַלע קינדערשע יאָרן אַרום שמחהן זענען די יאָרן פון טראַך און באַך, שויבן, שויבן, שויבן...

זאַשטשענקאַ איז איבערגעפאַלן געוואָרן, עס איז נישט קיין גרויסער ענין פאַר שמחהן צו טראַכטן איבער אַ טויט פון אַ טשינאָוונִיק, אָבער עס זענען אַרויסגעפלויגן כך וכך שויבן. דאָס באַשעפטיקט זייער דעם מוח שמחהס, עס זענען אָבער ווי אַ ביין אין האַלדז די גלעזערס, דאָס מאָל מער נאָך ווי אין אַנדערע צייטן. גאַנץ פשוט, זיי, די גלעזערס, זענען אויך נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. זיי האָבן זיך ווי די ווייזערס פון אַ זייגער נאָכגעדרייט נאָך דער צייט נאָך. און האָט זיך שלמה־גוי באַנוצט אַמאָל מיט די „בלעטלעך וואָס רופן צו „ברודערשאַפט", איז ער היינט שוין „אַ באַוווּסטזיניקער חבר", אַ גאַנצער קנאַקער ביי די גלעזערס; רעדט אין זייער נאָמען, טוט אין זייער נאָמען און פאַרשאַרצט אַן אַרבל צו דערלאַנגען אַ מייסטער ווען מען דאַרף.

האָט מען אים, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן צוצונוצן צו דער טעאָריע פון „האַקן קעפ" און ממילא איז די מורא פאַר אים געוואַקסן אַזוי, אַז שמחה אַליין האָט גענומען מורא באַקומען פאַר דעם פאַרשוין, וועלכן ער פלעגט אַמאָל, נאָך אַלס יונגער יונג געבן אַ מתנת יד. פאַר דער לעצטער צייט האָט שלמה אָנגעהויבן רעדן, ווי קיינמאָל נישט, חוצפהדיק, אַז ער, שמחה, איז אַ „ראַבּושניק" און אַ „בלוט־זויגער" און דער סוף זיינער וועט זיין ווי המנס — די תליה. און האָט ער שמחהן געפּאַקט ביים האַלדז איצט ביי אַ שטרייק, האָט ער פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים נישט אָפּלאָזן.

אַגב איז דער שטרייק אָפּגעקאַכט און אָפּגעבראָטן געוואָרן ביי אונדז אין שטוב, און יעדער פון מיין פאָטערס מענטשן האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו אים. עס האָט מיין פאָטער געלערנט שלמהן, מיט וועלכע

װערטער ער זאָל זיך באַנוצן קענגן זײַן שװער, עס האָט געאַרבעט יודל מיט שלמהן װי אַזױ ער דאַרף פּאָדערן. האָט ער פֿאַרזיכערט, אַז ער װעט אים שױן נישט אָפּלאָזן. װאָס איז? שמחה האָט איצט אין דער גובערניע אַן אוצר פֿון שױבן, און גלעזערס גוטע מוז ער האָבן. איז ממילא האָט ער אים שױן אין דער האַנט צו פּאָדערן אַ לױן, װאָס די גלעזערס פֿאַרלאַנגען. און דערצו איז עס געקומען.

דער שטרייק פון גלעזערס

איך שרייב די ווערטער מיט א ברייטן געלעכטער אין זיך; איך דערינער מיך אין יענעם אוונט, ווען די מענטשן פון אונדזער שטוב, פון אלע פארטייען פאראייניקט, האבן אויסגעארבעט א פאדערונג פאר די גלעזערס צוצושטעלן זי שמחהן, און יעדער פון זיינע אייניקלעך איז פאראינטערעסירט געווען, אז נאר זיין פארטיי זאל לייגן דעם שטעמפל אויף דער פאדערונג. איז געגאנגען א דינגעריי ווי אויף א ליציטאציע; מיין שוועסטער אסתר, וואס האט ביי אונדז אין שטוב געהאט דעם בונדישן שטעמפל, האט אים געוואלט געבן בתנאי, אז זי זאל באקומען פאר דער ארגאניזאציע צען פראצענט. דאס זעלבע — מיין שוועסטער גיטל פון פ. פ. ס., — געזיגט האט זי טאקע. זי האט געגעבן דעם שטעמפל אן פראצענטער. האט מען מיטאמאל געזען אנקומען מיט קוראזש שלמה־גוי, וואס איז געווען צעקאכט און צעהיצט, מיטן גלעזערנעם דאשעק ארויפגעריסן ווי א בייזער, דרעסירטער לייב; זיינע רויטע ווי פייער האר אויפן פנים און אויף די הענט זענען געשטאנען שפיציקע, ממש צו שטעכן, און נאך אים זענען נאך דאס בינטל גלעזערס. דא האט זיך אנגעפאנגען אפצושפילן די דראמע. שלמה גוי האט ארויסגענומען א שטיק דיק פאפיר, צעקוועטשט פון האלטן עס אין א קעשענע, און ארויסגעזאגט ווערטער פון יודלען געשריבענע:

— „שמחה גלעזער, מיר האבן פון דיר פאדערונגען". ענטפערט שמחה גלעזער גלייך: „איך האב דיך, שלמה־גוי, אין דער ערד".

שלמה־גוי הערט בישט, וואס שמחה רעדט צו אים, אז ער האט אים אין דער ערד. ער זאגט ווייטער מיט פאטאס:

— „מיר פאָדערן פון דיר, עס הייסט, מיר זאָגן דיר אָן, מיר הייסן דיר, אונדז געבן העכערע שכירות פאַר אַרבעט".

ענטפערט שמחה באַלד אויפן אָרט:

— „אַ קרענק אין דיינע ביינער!.."

שלמהס קליינע אייגעלעך זוכן ווערטער אין פּאַפּיר:

— „אַכט שעה אַרבעט און נישט אַרבעטן ווי אַ פערד ביז די זון גייט אונטער!

— „אַ ווייטיק דיר!" — ענטפערט שמחה.

— „שמחה" — זעצט פאָר שלמה — „איך שטעל דיר אַ פאָדערונג פון דער אָרגאַניזאַציע און איך זאָג דיר, אויב דו וועסט נישט נאָכגעבן, וואָס די אָרגאַניזאַציע פאָדערט...

— „זאָל דיר אָרגאַניזאַציעווען אין קאָפּ!"

דאָ שפּרינגט אויף שמחה מיט פויסטן און רופט אויס הויך:

— וואָס ווילסטו פון מיר, גוי?!...

ענטפערט שלמה:

— פון אַ גוי הער איך, ווייל ווען אַ ייד פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל ביי אים אַרבעטן פאַר גראָשנס — דער איז נישט קיין ייד!.." און דאָ זאָגט אַרויס שלמה אַביסל פּראָלעטאַרישע חכמה:

— „אַנדערע צייטן, ברודער שמחה, זענען אָנגעקומען. אַ טויב לאָזט זיך נישט דערשטיקן פון אַ שפּאַרבער... דער שפּאַרבער איז היינט שוואַכער ווי די טויב!...

— איז ווער דער שפּאַרבער און ווער די טויב? — רופט אויס שמחה. שלמה זשאַלעוועט דאָ נישט קיין ווערטער אַרויסגעכאַפּטע פון די פּראָלעטאַרישע בראָשורן, ער רעדט, צי מען דאַרף זיי יאָ אָדער נישט, און שמחה נעמט אויסבטלען צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענט און פּיס... הויבן זיך שוין אָן אַריינמישן די גלעזערס, ווערט אַ געוואַלד, אַ געשריי, שרייט איינער „גזלן", אַ צווייטער — „ראַבושניק", אַ דריטער נעמט סתם זידלען שמחהן. שמחה בלייבט דאָ שטיין ווי אַ תם, ער ווייסט נישט וואָס עס איז געוואָרן פון זיינע מענטשן און אָפּטמאָל האָט ער זיך, טאַקע, אָנגעהויבן צו פילן ווי איינער וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַ שטול. ער האָט געגר־

מען רופן מענטשן פון הויף צו זיך, זענען אנגעקומען אשר און מינדעלע, און זי, דאס ליבע, כשרע, טעכטערל, האט אנגעהויבן אונטערצוהאנדלען מיט די גלעזערס. צו קיין רעזולטאט איז מען נישט געקומען. מינדלען איז בלויז געלונגען צו פועלן ביי זיי, אז דער באלעבאס, עס הייסט דער „מייסטער" אליין, מעג ארבעטן און אז דאס איז רעכט לויט דער תורה פון די ארבעטער.

מיט עטלעכע טעג שפעטער האט מען טאקע געזען שמחהן אליין שלעפן די קאסטנס גלאז צו דער זייט פון דער גובערניע און אוועקשטעלן זיך ארבעטן. עס איז אבער געשען נאך וואס. אין דעם מאמענט ווען יע-נער האט שוין פארטיק געמאכט א גאנצע ריי פענצטער — האט מען פון ערגעץ־ווו אנגעהויבן שליידערן שטיינער און האקן שויבן, ביז שמחה איז געצוווּנגען געווען זיך אונטערצוגעבן דעם שטרייק און צו פארשפילן די מלחמה.

מיינע מאלערישע יאָרן

דאָ וועל איך איבערגיין צו מיין פּערזענלעכן לעבן, וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט די יאָרן פון שמחה גלעזער. ביים דרייצטנטן יאָר, פון מיין בר־מצוה ווערן, האָב איך מיר גענומען זוכן אַ פאַך. עס האָבן זיך אין מיר געריסן אַ סך טענער: זינגען, שפּילן און מאָלן. אמת, אַז מיין זיידע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט, אַז שמחה גלעזערס אַן אייניקל זאָל נישט זיין קיין גלעזער. נאָר די מוטער און דער עיקר איך האָב זייער נישט ליב געהאַט דאָס גלעזעריי. האָב איך מיך גענומען צו מאַלעריי.

דער אָנפאַנג איז געווען צייכענען פיגורן פון דער וואַנט אַראָפּ. איבער מיין מוטערס בעט איז געהאַנגען משה מאָנטעפיאָרע, וועגן וועלכן מיין מוטער פלעגט מיר אַ סך דערציילן, אַז ער איז געווען פאַר יידן אַ יידישער מלך. האָב איך טאָג מיט נאַכט געאַרבעט ארום דעם לאַנגן, סאַמעטענעם קאַפּל אויף מאָנטעפיאָרעס קאָפּ, פּונקט ווי איך האָב מיט פלייס זיך באַמיט צו צייכענען דעם בראָן הירשס וואָנצעס, אָבער איך האָב געפילט, אַז איך מוז האָבן פּרנסה פאַר זיך. איך האָב געפילט, אַז איך בין יונג, איך מוז פליען מיט אייגענע פליגל צו אַן אייגענעם לעבן און דאָס איז מאַלעריי.

און אָט ווי איך בין געקומען דערצו:

מיין באָבע האָט געהאַט אין איר משפחה אַ גאַנצן קניפּ מענטשן, וועלכע מען האָט גערופן די „פּעטקעס", עס הייסט פשוט פלוידער זעק. פלעגט זיך אַ „פּעטקע" אַוועקזעצן באַגינען רעדן, האָט ער גערעדט ביז נאַכט. וועגן וואָס? וועגן וואָס דו ווילסט, איבער כישופמאַכערינס וואָס

לעבן דאָרט אין דער פּוילישער דוואָניצע ביים דזשעקאָן און וועגן כּל מיני נשמות וואָס לעבן אין קלויסטער גופא. דער עיקר ווי איך געדענק האָבן זיי געדעדט וועגן די שדים און לצים וואָס פּלעגן פּייניקן אַמאָל די שטאָט מענטשן אין די נעכט.

די מאַלערס זענען געווען דוד „פּעטקע", אברהם יצחק „פּעטקע", פּנחסל „פּעטקע" און משה „פּעטקע". אָבער איין גרויסע אייגנשאַפט האָט זיי באמת באַרימט געמאַכט, זייער מאַלעריי ביי אונדז אין שטאָט און אַפילו אין וואַרשע. האָבן זיי געשמט פאַר גוטע בעלי מלאכות, דע־קאָראַטאָרן און סופיטן מאַלער. זיי האָבן געאַרבעט אין פּאַלאַצן און ווען מען האָט אין אַ שול באַדאַרפט אַרויפּלייגן הערשן, לייבן, זענען נישט געווען קיין בעסערע ווי זיי.

די אַלע פיר ברידער, ווי מיין באָבע פלעגט דערציילן וועגן זיי, זע־נען נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. זיי האָבן געהאַט אין זייערע פריער־דיקע דורות איינעם אַזעלכן אַ פּעטקע דוד, אַן עלטער-עלטער זיידע, אויף וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז ער, יענער פּעטקע, האָט געמאָלט די פּאַ־לאַצן פון די גראַפן פּאָטאָצקי, און די גראַפן האָבן אים געשיקט פון זייע־רע קעלערס מעד. צי דאָס איז אמת, ווייס איך נישט. איינס נאָר וואָס עס איז געווען צו דערקענען אין זיי, — פּריצים. פון די פיר ברידער איז איינער נאָר געווען אַ חסיד מיט אַ סאַמעטענעם היטל, וואָס האָט גע־לעבט אין בריסק. ער האָט געאַרבעט אין דער פעסטונג, ביי די רוסישע גענעראַלן און אָפיצירן, פון די דריי ברידער האָבן צוויי געלעבט אין וואַר־שע. איינער נאָר ביי אונדז. דאָס זענען געווען דריי פיגורלעך. קיין איינער נישט גרעסער און נישט קלענער פאַרן צווייטן, אַלע האָבן געטראָגן אויף די געקרייזלטע בלאָנדע האָר היטלען מיט גלאַנצאָווע דאַשקעס, רינגען אויף די פינגער און שטיוול מיט לאַקירטע כאַליוועס, מעשה פּריצים. און אַזוי ווי פּריצים האָבן זיי געדויכערט די ציגאַרן, ברייט אָפּשאַרנדיק דאָס אַש שטענדיק אין אַ טעצעלע, וועלכעס זיי האָבן אַליין אויסגעזוכט אויפן טיש. דוד פּעטקע האָט געלעבט ביי אונדז אין שטאָט, ער האָט געהאַט אַ דירה סך־הכל פון איין חדר מיט אַ קיך, אָבער אין חדר זיינעם האָט מען דערקענט זיין גוטן קינסטלערישן געשמאַק אין אַ שיינעם געמאָלטן צי־

מער מיט אַ פיינעם אָרנאַמענטירטן אין ראקאקא און באַראָק סטיל סופּיט, אויף די ווענט זענען געהאַנגען פיר פּינף שטייגן מיט געלע קאַנאַריקלעך, הערשן קעפּ, אַ ביקס צו כאַפּן חיות און פאַליטרעס מיט פאַרבן. מיט איין וואָרט, עפּעס פון אַ פּריץ איז באַהאַלטן געווען אין פעטקען. אָבער דער פּריץ האָט מיך געפאַנגען מיט זיינע מעשיות וועגן שדים און לצים אין דער דזוואַניצע וואָס איז דער סימבאָל פון דער שטאָט שעדליץ.

איך האָב געוואָלט ווערן אַ לערניינגל פון דוד פעטקען. ווען נאָר איך פלעג זיך צוקוקן צו אים אַליין. אָט נעמט ער אַרויס די ברילן מיט די דיקע גאָלדענע האָלאַביעס, ער טוט זיי אָן אויף די אויערן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך קענען האַלטן אויף דער פלאַטשיקער נאָז, וואָס איז אינגאַנצן ווי מיין באַבעס. נעמט אַרויס אַ שטיק קרייד און באַלד נעמען זיך צייכענען אויפן טיש בערן און לייבן און הערשן און פייגל, טאַצן, פויקן און פידלען, רבונו של עולם האָב איך געטראַכט, ווען וועל איך אַמאָל אין לעבן קענען ווערן אַ פעטקע? דאָך האָב איך באַשטימט פאַר יעדן פּרייז זיך צו נעמען צו מאַלעריי. עס איז נאָר שווער געווען מיט די באַדינגונגען. די „פעטקעס" זענען געווען דריי־קעפּ, אַז זיי האָבן אַ מענטש צוגענומען צו דער אַרבעט, האָט מען אים אַלע מאָל געשטעלט נייע באַדינגונגען, שווער האָט אַ מענטש געמוזט אַרבעטן ביי זיי און געצאָלט האָבן זיי קנאַפּ און פאַר לערע האָבן זיי זיך געהייסן גוט באַצאָלן. אַזעלכער איז געווען דוד פעטקע. שווער געווען מיט אים דורכצוקומען. נו, האָט מען געמוזט זיך ווענדן צו זיין ברודער אין בריסק, דאָ האָבן מיר מצליח געווען, פּנחסל האָט מיך צוגענומען מיט ביידע הענט אָן געלט און צוגעזאָגט אַ לערע מיט גאָלדענע בערג.

דערווייל אָבער שטיי איך פאַר אַ פּריזיוו, אַזאַ פאַוויעסטקע ליגט שוין ביי מיר פון גאַנץ לאַנג, דעם און דעם טאָג מוז איך מיך שטעלן אין „פּריסוטסטוועַ". האָב איך שוין גאָט צו דאַנקען אַ פאָטער, וואָס וועט מיך לערנען וואָס איך האָב צו טון מיט זיך, אַז איך זאָל נישט גיין צו די זעלנער. האָט ער מיך אָנגעהויבן נעמען אין דער אַרבעט אַריין, ערשטנס נישט שלאָפן ביינאַכט אין שטוב, פאַראַנען אַ טשאַינע ביי דער באַן, ווו עס ליגן און זיצן טאָג מיט נאַכט רעקרוטן וואָס צערן זיך.

די נעכט אין דער טשאַינע ליגן מיר נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין מוח. ווי זיי זענען געלעגן די רעקרוטן פון יענער צייט אין מוח. עס איז געווען דער רוסיש־יאַפּאַנישער קאָנפליקט אין פּאָרט־אַרטור, געשמועסט האָט מען דאַן, אַז די יאַפּאַנער שניידן אָפּ די אויערן פון רוסישן מיליטער, ווען זיי כאַפּן זיי, און דאָס זעלבע די רוסן. עס איז זייער ביטער געוואָרן אין מויל, ווען מען האָט געהערט אַזעלכע מעשיות, פּייניקט מען זיך, לאָזט מען זיך נישט שלאָפן, זיצן מיר אין יענער ברייטער טשאַינע מיט די אַלטע פּאָדלאָגעס, אונטער וועלכע עס באַהאַלטן זיך מייז. יונגען ווי די ריזן, פאַרשידענע זענען זיי, די גרינע בילעטניקעס, פון פאַראַיאָרן און צוויי יאָר און רעקרוטן פון היי־יאָר און יעדער טוט עפּעס, אַז דער צווייטער זאָל נישט כאַפּן קיין דרימל, איינער זאָגט תהילים אַ גאַנצע נאַכט, אַ צווייטער מיט אַ דריטן שפּילן אין שאַך, אַנדערע צוויי דריי שפּילן אין שאַשקע און אַנדערע שטייען אויף די פיס, זיי ווילן נישט זיצן, טאָמער כאַפּט מען אַ דרימל, דען דער אַלגעמיינער מיין איז, אַז מען כאַפּט אַ דרימל, קומט צו דערפון מער ווי עס איז אָפּגעקומען פון נישט שלאָפן. אָבער מיטאַמאָל זענען עטלעכע מענטשן ווי פאַרגליווערט געוואָרן, איינער אין מיטן שפּילן שאַך, אַ צווייטער אין מיטן זאָגן תהילים, אַ דריטער שטייט און שלאָפט, דער עולם פירט באַלד אויס זיין שטראָף אויף די מענטשן. קענסטו זען ווי איינער האָט אויפן צווייטנס נאָז אָנגעשטעלט צוויי פינגער און אַזוי אַ שנאַל געטון, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען ווי פון פייער, אַ צווייטער האָט פון פּאַפּיר געמאַכט אַ פאַנפ, באַשאָטן מיט טאַבאַק און אַריינגערוקט אין יענעמס נאָז, עס האָט געווירקט ווי אַ שפּיזל, און פון דאָ און פון דאָרט זעסטו מענטשן טשעפּען שלאָפנדע, אויפוועקן זיי מיט אַ קיצל אונטערן אָרעם, מיט אַ טרעט אָן זיי אויף אַ פוס, די אָרגיע איז געקומען צום אויסדרוק באַגינען, ווען דער באַלעבאָס פון טשאַינע האָט גענומען טרייבן די רעקרוטן, מחמת עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן צו דער באַן, האָט יעדער פאַרן אוועקגיין גענומען מאַכן רעפּעטיציעס מיט זיך, איינער האָט געפּיפן מיט אַן אויער, אַ צווייטער האָט געפּיפן מיט דער נאָז, אַ דריטער האָט אַראָפּגענומען אַ שטיוול צו זען ווי עס זעט אויס מיט זיינע איבערגעלייגטע פינגער און

אַנדערע האָבן גענומען זיך מעסטן ווי עס זעט אויס מיט דער מאָס, אָדער קוקן אין שפּיגל אַריין, ווי עס האָט געווירקט די נאַכט נאָך נעמען די פּראָשקעס אויף געלבזיכט. וואָס אָנבאַטרעפט מיר אַליין, האָב איך קיין-מאָל נישט אויסגעפירט די דיעטן, וואָס מיין פאָטער האָט מיר געגעבן צום עסן און נישט געשלאָפן בין איך צוויי נעכט, נאָר איינע יאָ, האָט די איינע קאַליע געמאַכט דאָס וואָס די צוויי האָבן פאַרריכט. הכלל, נאָך פייניקן זיך בערך צוויי חדשים, ווען מיין פאָטער האָט מיך אָפּגעמאָסטן און געזאָגט „אַז איך בין אין פּעקל", בין איך געקומען אין „פּריסוטסט-ווע" און בין צוגענומען געוואָרן שוין צום דריטן מאָל פון מיין שטיין פון יענעם פּוילישן דאָקטאָר מאַלאשיצקי, וואָס איז געווען אין גרונט גע-נומען „אונטערגעשמירט". ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן, און אַז איך האָב אַ רעשט געגעבן פון דער מאָס אַזוי פיל און אַזוי פיל שטרייכלעך. סיידן אפשר אין פאָלק צושטעלן מיך צו אַ קאָמיסיע, איך האָב שוין דערין אויך נישט געגלויבט, אַזוי צי אַזוי, איך האָב אָנ-געהויבן טראַכטן ערנסט צו גיין אין מיליטער. עס איז באַשטימט געוואָרן די אוראַלער שטאָט וויאַטקא, דאַרף איך מאַכן אַלע הכנות דערצו, קודם-כל זיך פּאָפּראַווען מיט גוט עסן און אַ סך שלאָפן, צוגרייטן וואַרעמע וועש און וואַרעמע שטיוול, מיין מוטער פאַרשטייט זיך האָט געקלאָגט טאָג מיט נאַכט דערויף, זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיך שוין נישט זען. איך אָבער האָב איר פאַרזיכערט, אַז איך וועל פריער קומען ווי זי טראַכט. איך האָב זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין.

שמחה גיט מיר אַ דימענט אין וועג אַריין

אַלע פון דער משפחה האָבן זיך באַטייליקט מיטן פּאַקן מיינע זאַכן און מיטגעבן מיר עטוואָס אין וועג אַריין. מען האָט מיר געבראַנגט וואַרעמע הענטשקעס צו עטלעכע פּאָר, זאָקן אַ סך, שטיוול, פון וואַליק, באַשליקן צוויי־דריי, מאַנכע מיט פוטערנע אויערן. איך האָב געפילט אַז איך גיי אַוועק אין אַ ווייטן וועג אַריין — סיביר.

וועגן די אוראַלער בערג האָב איך שוין געהאַט געלייענט. נאָר געהערט האָב איך מער ווי איך האָב געלייענט וועגן די ווילדע בערן־טרייבער אין דער סביבה, וועגן כונכוזן כישוף־מאַכער מיט שניי און וועגן די מערדער פון די בערג, וואָס באַפאַלן באַנען. אגב איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די מערדער, וואָס באַפאַלן באַנען, זענען נישט קיין אַנדערע, ווי טאַקע, די ס. ר.-גרופּן, וואָס אַרבעטן פּלייסיק אין דער אוראַלער אומגעגנט.

און מיין מוטער פאַרשטייט זיך זאָרגט זיך זייער פאַר מיר; ביי איר בין איך געוועזן דער געליבטסטער זון איבער צוויי טעמים: ערשטנס בין איך נישט נאָכגעגאַנגען די תורה פון מיינע משפּחה־מענטשן, אַז צו דערגרייכן דאָס, וואָס מען וויל דערגרייכן, מוז מען דווקא האַקן קעפּ. צווייטנס, האָט זי אויסגעפונען, אַז איך בין צו איר זייער ענלעך אין אויסזען און אין כאַראַקטער. דעריבער בין איך ביי איר געוועזן דער געליבטסטער זון. שיקט מען מיך אַוועק אויף אַ ווייטער שטרעקע, באַמיט זיך מיין ליבע מוטער אויסצוגעפינען די מענטשן, וואָס האָבן אַ צוטריט צום „וואָינסקי נאַטשאַלניק" אַז ער זאָל מיך שיקן נעענטער. זוכט זי אַ וועג צו די דאָקטוירים, וואָס זאָלן פּעסטשטעלן, אַז איך קען בכלל זיך נישט רירן פון

אָרט, אַזוי קראַנק בין איך... און אַז דאָס אַלץ איז נישט געלונגען, האָט נעבעך מיין מוטער געמוזט איינשטימען צו דעם גורל. זי פלעגט מיר נאָר ברענגען, די לעצטע פּאָר טעג פאַר מיין אָפּפאָר, דעם שטאָטישן פעלד־שער שעפּליאַן, וואָס איז פון אייביק אָן געווען איר פּאַרטרויאונגס־מענטש, צו באַטראַכטן מיין גוף. דער שטאָטישער פעלדשער שעפּליאַן, אַ געבוירענער פון גרויס־מינסק, וואָס פלעגט פאַרבייטן אַ סמך אויף אַ שין, זאָגן „וואָש" אנשטאָט „וואָס" — איז געווען אַ זייער בראַווער מענטש. איך געדענק אים, דעם הויכן מאַן אין פּוטערנעם היטל, מיט די צוגעקעמטע צוויי שפּיצן באָרד און מיט די גאָלדענע פּאָרברילן אויפן דינעם געשניצטן נעזל וואָס האָט אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ גוט־דערצויגענעם מאַן פון דער רוסישער געזעלשאַפט. ווי ער פלעגט אָנקו־מען מיטן קעסטעלע פון באַנקעס און פּיאַווקעס און מיטן הער־רערל צום האַרצן, צוגעקומען צו מיר, גענומען קלאַפּן מיט די שיינע, לאַנגע פינגער אויף דער ברוסט און געזאָגט איין וואָרט: „געזונט".

אין אַן אַנדער צייט, וואָלט זיך דאָס ליבע מוטערל זייער דערפרייט, נאָר היינט האָט זי גענומען ביטער וויינען. עס איז גאָרנישט געווען צו מאַכן. מען האָט געמוזט פּאַקן די זאַכן.

מען האָט מיר אָנגעהויבן מיטצוגעבן מתנות, אין די קאַסטנס באַ־זונדער, אין די פּעקלעך באַזונדער און אין די קעשענעס. יעדער האָט גע־וואָלט מיך איבערראַשן מיט אַ מתנה, וואָס זאָל זיין די בעסטע פאַר מיר. איז געקומען שמחה און האָט זיין אייניקל מזכה געווען מיט וואָס? מיט אַ דימענט, פאַרשטייט זיך, און דווקא אַ בעלגישן.

געדענק איך, ווי איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען פון גאַס, צעזעגנט מיט אַלע משפּחה מענטשן, אָנגעפּאַקט די קעשענעס מיט מתנות אין וועג אריין, האָט מיך שמחה אריינגערופן צו זיך.

— איך האָב דיר עפּעס מיטצוגעבן — האָט ער געזאָגט צו מיר מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס וויל שענקען דאָס בעסטע.

איך האָב געמיינט, אַז שמחה וועט אָפּבינדן איינס פון די קני־פּלעך זיינע און מיר ארויסגעבן עטלעכע געלט־שטיקלעך. ניין. ער האָט עס נישט געטון. ער האָט נאָר אַ מיש־איבער געטון מיט זיינע האָר־באַוואַקסע־

נע פינגער אין קליינעם, הילצערנעם קעסטעלע פון דימענטן, געזוכט, גע־זוכט, ביז ער האָט אַרויסגענומען אַ דימענט און דערלאַנגענדיק אים מיר, האָט ער געזאָגט:

— יונגאַטש מיינער (שמחה האָט גערופן די אייניקלעך יונגאַ־טשעס), דאָס גיב איך דיר מיט צו די זעלנער. ביסטו נישט געווען קיין גלעזער ביים זיידן, זיי כאָטש ביי די זעלנער. און ביי די זעלנער וועט דיר אַ דימענט זייער צונוץ קומען.

איך געדענק ווי שמחהס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ געוויסער באַפרידיקונג, ווען איך האָב דעם דימענט גענומען אין האַנט אַריין. ער האָט דערלעבט, אַז איך זאָל אויך אָנטיילנעמען אין דער מיסיע אויס־צופירן גלעזעריי אויף דער וועלט. שמחהס מענטשן אָבער, צי זיי האָבן יאָ ליב געהאַט דאָס פאַך, צי ניין — אַ דימענט האַלטן אין האַנט האָבן אַלע געקענט און איך אויך.

האָט שמחה ווייטער גערעדט:

— מאַלעריי און גלעזעריי פאָרן זיך שטענדיק. ביסטו אַ מאַלער זומער, קענסטו ווינטער זיין אַ גלעזער, וועסטו ביי פאָניען זייער צונוץ קומען און זיך באַפרייען פון דער ביקס.

און נאָך האָט ער גערעדט:

— און אפשר קומט אַ מלחמה מיט די יאַפּאָנטשיקעס (מען האָט שוין אַ סך גערעדט וועגן דער מלחמה אין מאַנדזשוריע...), וועסטו אין פּולק גלעזן און מאַליעווען. וועט דיר בעסער זיין ווי אַלע זעלנער.

און שמחה האָט מיר אָנגעהויבן צוצוזאָגן הרים וגבעות ביי די זעל־נער, דערביי אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ, אַרויסגענומען פון לעדער־נעם טייסטער עטלעכע רוסישע רובל און אַביסל רוסישע גריוועניקעס, באַפוילן רבקהן קויפן אַ ווורשט פאַר מיר אויפן וועג און אָפּגעענדיקט מיט מיר מיט די ווערטער:

— פאָר געזונטערהייט, יונגאַטש! אַזוי ווי דו פאָרסט אַוועק גע־זונט, אַזוי וועסטו קומען געזונט. פאָניע וועט דיר גאָרנישט שאַטן. שמחה־גלעזערס אייניקלעך וועט דער רוח נישט נעמען.

אַ קניפּ געטון אין מיין באַק, אַז זי האָט גענומען פלאַמען ווי פייער

און איז אוועק, לאַזנדיק מיך מיט דער באבען, און מיטן דימענט אין האַנט. האָב איך נאָך גערעדט מיט דער באַבען, וואָס וויל פון מיר דער זיידע, קיין גלעזער בין איך דאָך קיינמאָל נישט געווען און פאַרט האָט ער מיר אַריינגעשטופּט אַ דימענט אין האַנט אַריין צו ווערן אַ גלעזער אין דער צייט, וואָס איך בין שוין אַ מאַלער.

די באבע האָט צוגעלייגט די האַנט צום מויל, אַז איך זאָל דערוועגן נישט רעדן, ווייל זינט נעבעך דער זיידע האָט זי געפּאַקט ביי דער גנבה, איז זי געווען זייער דערשלאָגן און קליין ביי זיך. זי האָט נאָר אָפּגעשניטן פון שטריקל דעם דאַרן ווורשט, וואָס שמחה האָט געהייסן קויפן פאַר מיר, אַרויסגענומען פון קעשענע פינף רובל, געזאָמלטע פון איר אין רו-סישע פּערציקער־גראָשנס, געהייסן גיך באַהאַלטן און גיך גיין פון דאַנען. איך האָב עס געטון.

דער טשעליאבינסקער שוחט וויל מיך פאַר אן איידעם

שווער צו דערציילן ווי עס האָט אויסגעזען דאָס פאָרן פון רעקרוטן מיט איבער פערציק יאָר צוריק, אין אַ וואַגאָן פון פערטער קלאַס, ווו אין אַ העלפט פון די וואַגאָנען זענען געשטאַנען אָקסן, געוואַרט אַוועקגעשיקט צו ווערן אויף ווייטע וועגן. די אָקסן למשל, וואָס פלעגן קומען פון דער אוקראַינע, האָבן באַדאַרפט גיין איבער בריסק ערגעץ אַוועק אויף דער ליניע פון מאָסקווע. דערווייל זענען זיי געשטאַנען אין פראַגא, נאָוואָ־מינסק און שעדלעץ, אויף אַ זייטיקער ליניע, שעהען אָדער האַלבע טעג ביז עס איז דורך דער „מאָסקווער עקספרעס", הייזעריק פייפנדיק ווי אַ טייוול. אַזאַ רייזע מיט אַ וואַגאָן פון פערטן קלאַס האָט געמאַכט מיר, דערצו נאָך ווען מען דאַרף דורכמאַכן אַ רייזע ביז אוראַל און ביז וויאַטקא. זיבעצן טאָג בערך דויערט דאָס פאָרן ביז דער סטאַציע — וויאַזמא און פון דאָרט נאָך וועלכע צוואַנציק טעג ביז טשעליאַבינסק, ווו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן און באַקומען אונדזערע זעלנער־זאַכן, פון דאָרט ווידער וועלן מיר איבערטראַנספּאָרטירט ווערן אין פּאָלק אַריין קיין פערם און פון דאָרט וועלן גיין אַ טייל קיין סאַראַטאָוו און קיין וויאַטקאַ.

דער פּלאַן פון „מאַרשרוט" איז באַקאַנט געווען פריער נאָך און איצט פאָרן מיר אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, שפּרינגען די וואַגאָנען אויף די רעלסן, טרייסלען זיך די אייוועלעך און עס ווערט אַ רויך, אָבער מען איז יונג, און לוסטיק, גלייבט מען אַז פון פּאָלק וועלן מיר צוריקגעשיקט ווערן.

אין דרויסן זענען שוין געלעגן די ווייסע קופּעס פון די געדיכטע סי־

בירער שנייען, די צוגן מיט די מענטשן האָבן זיך קוים געשלעפּט אהין און צוריק און אַלע מאָל האָבן רעקרוטן געמוזט אַראָפּשפּרינגען, אוועק־שאַרן אַליין דעם שניי, ווי מען וואָלט פאָרן מיט פורן. אויף די קרייץ־ליניעס פון די סטאַציעס טרעפן זיך די צוגן און עס פרעגן די רעקרוטן פון צווייטן צוג:

— עי, בראַטצי, קודא וואס האַניאַיוט? (וווהין טרייבט מען אייך?)

— נאַ דאַלני וואַסטאָק (אויפן ווייטן מזרח) ענטפערן מיר.

— גו, אַ וואַס? (און אייך?) פרעגן מיר.

זיי ענטפערן:

— נאַ אַרשאַווו! (קיין וואַרשע).

— יאַפּאַנצי וואַס זאַרעזשוט (די יאַפּאַנער וועלן אייך שעכטן) וואָ־רענען זיי אונדז.

מיר גיבן אַ מאַך מיט די הענט, וואָס קען מען טון?

די צוגן גייען פאַרביי, איך זע די מאָנגאָלישע פּנימער זייערע, ווילדע קוויטשיקע, שרייענדיקע, עס ווערט טרויעריק אויף דער נשמה.

און אַט זענען מיר אין טשעליאַבינסק. איך זע איצט די שטאָט ווי דורך אַ נעפּל. אַ שרעקלעך צעוואָרפענע, קליינע, רויטע רוסישע שטיבער מיט ברייטע קוימענס, דער מאַרק איז שרעקלעך גרויס, אָנגעשטעלט מיט פייער טעפּ, באַבושקעס אין רויטע קליידער פאַרקויפן גענדז — אַ גאַנדז אַ גריוועניק, עס הייסט צען קאָפּיקעס. נישט ווייט פון מאַרק זעסטו די שטאָטישע טשיינע, אַ נידעריקע געביידע מיט לאַנגע טישן און בענק, אויף וועלכע עס זיצט די קאַצאַפּישע געזעלשאַפט, וועליקאַרוסן מיט פלאַק־סענע האָר און בלויע אויגן, גוטע פּנימער, וואָס גיבן דיר אַלץ אוועק, אַבי זיץ און שמועס מיט זיי. אַלע טרינקען טיי אין הויכע ווייסע טעפּ און צלמען זיך. נאָר דאָ באַקומט מען אויך בראָנפן און ווער עס האָט גע־טרונקען בראָנפן נאָך טיי, ליגט שוין אויף דער ערד, ער בעט זיך, זאָלסט אים אויפהייבן און ער צלמט זיך אויך. בכלל פעלן דאָ קיין צלמים נישט און פּאָפּן דרייען זיך דאָ אַרום, בעטן נדבות פאַר דער צערקווע, וואָס שטייט קעגנאיבער און קלינגט שטענדיק, רופט דאַווענער.

פאַראַנען רייכע מענטשן אין טשעליאַבינסק, יעדער צווייטער דרי־

טער פון זיי גייט אָנגעטון אַ גרויסן פוטערן שטריימל מיט אַ שובע פון פוטער. ער זעט אויס ווי אַן איזוואָשטשיק, ער פאַרמאָגט דריי פערד מיט אַ שליטן, נאָר קיין איזוואָשטשיק איז ער נישט. ער איז רייך, קענסט קיינמאָל נישט דערקענען ווער ייד און נישט ייד איז, און אפילו דער ראש פון דער קהלה און אפילו דער שוחט פון דער שטאָט טראָגן אַזעלכע רוסישע שטריימלעך, זענען מיר אַזוי געזעסן אין טשיינע און זיך אונטערגעהאַלטן מיט די קאַצאַפּעס, האָבן מיר דערזען ווי עס קומט אַן אַזאַ מאַן מיט אַזאַ שטריימל צו אונדז, מיר האָבן זיך באַגריסט מיט אַ „זדראַסטוויטע” ער האָט געענטפערט:

— זדראַוויע זשעלאַיעם. (מיר ווינטשן אייך געזונט און שטאַרק זיין).

מיר האָבן זיך צערעדט, עס איז געווען אַ וואַרעמער שמועס, וועגן וואָס געדענק איך נישט געווי, כ'ווייס נאָר, אַז ווען מיר האָבן אָפּגערעדט אַ פּאָר ווערטער, האָט ער געזאָגט:

— יעוורעיטשיקי נאַוואַבראַנצי (יידלעך רעקרוטן), איר זענט פאַרבעטן צו מיר, דעם שוחט פון שטאָט, אויף שבת און מאָרגן פרייטיק זע איך אייך.

מיר האָבן זיך געפרייט.

***

היינט איז פרייטיק, נאָר דער טאָג איז קאַצאַפּיש ווי אַלע טעג. טשעליאַבינסק טרינקט טיי אין איר טשיינע פון אינדערפרי ביז נאַכט און דאָ פּלוידערט מען, רויכערט מען ביז נאַכט, און מען פאַרקויפט געטראַנק ביז נאַכט און ביז נאַכט הערט מען נישט אויף צו שילטן זיך און צלמען זיך און רעדן פּלאַי פּלאַים איבערן צאַרס גרויסקייט און אַז יאַפּאַנטשיקעס וועט מען אָפּשניידן די אויערן און נעזער. נאָר פּלוצלינג אין מיטן דערינען קלייבן זיך צוזאַמען די מענטשן מיט די פלאַקסענע בערד און פלאַקסענע האָר אויף איין אָרט און נעמען דערציילן וועגן „בעזבאָזשניקעס”, (מענטשן אָן אַ גאָט), וועגן „בונטאָוושטשיקעס”, (אויפשטענדלער) דאָ און דאָרט, וועלכע מען האָט געכאַפּט, געבונדן די הענט און אָפּגעפירט

אין דער גרויסער תפיסה פון סאמארא. גלאָצן זיך אוים אויגן, הייבן זיך אויף הענט, ווערט דער טומל גרעסער. און די קללות שטאַרקער. אויף דער ערד פון דער טשאינע וואַלגערן זיך בלעטלעך פון צווייקעפּיקן אָדלער, צוזאַמען מיט פּראָקלאַמאַציעס פון ס. ר. און צוזאַמען מיט צערקאָווערנע אויפרופן צום פאָלק. די וועלט איז איינע, וואָס דאָרט איז דאָ אויך דאָ.

מיר דאַרפן באַלד גיין צום שוחט, נאָר פאַר דעם האָט אונדז דער זוואַדנער געפירט דערווייל אין באָד אריין, געהייסן אונדז אָפּשערן טאָקע אין דער זעלבער טשאַינע און באַלד האָבן זיך אונטער די פיס געזען פודן וואָל, דערנאָך האָט ער אונדז אריינגעפירט אין שפּייכלער, ווו מיר דאַרפן באַקומען די זעלנערישע קליידונג. איך האָב זיך איבערגעטון א היטל מיט א ווייסן ראַנד, ווו עס איז געווען אויפגעשריבן דער נומער פון 939-טן קאַטעלניטשער באַטאַליאָן. איך האָב אויסגעזען נישט קשה פון א זעלנער. דאַן זענען מיר אריין צום שוחט. דריי פיר שטובן, לאַנגע ברייטע, אָבער נידעריקע ווי קאַזאַרמעס, בלויז די קאַפּל אויוונס, די ווייסע, נעמען אוועק פון די שטובן דאָס קאַזאַרמישע אויסזען. אויף די ווענט הענגען זייגערס, יעדע שטוב א לאַנגער זייגער מיט א צונג וואָס באַוועגט זיך פּאַמעלעך, פאָטאָגראַפיעס און פאַרביקע בילדער געדרוקטע הענגען. די פאַרביקע בילדער זענען די משפחה פון די ראָמאַנאָווס אַלע פון אָנהויב אָן. דאָ געפינט זיך אויך דאָס בילד פון גענעראַל קוראָפּאַטקין, דער אָנפירער פון דער אַרמיי אין ווייטן מזרח און סטעסל דער קאָמאַנדאַנט פון פּאָרט אַרטור און די פאָטאָגראַפיעס זענען בילדער פון משפחה מענטשן.

דער שוחט מיט דער גאַנצער משפחה האָבן אונדז אויפגענומען מיט א באמת רוסישער פריילעכקייט, מיט עסן און טרינקען. באַלד אויפן אָרט. מיר זענען דאָ געווען בלויז א מאַן זיבן אַכט און די שטובן זענען ברייטע און קיין געלעגערס פעלן דאָ נישט. איבעריקנס זענען ביי זיי קיין מענטשן קיין נייעס נישט. דעם שוחטס הויז אין טשעליאַבינסק איז א הויז פאַר אורחים, באַנען פאָרן דורך, רעקרוטן פאָרן זיך אָן, מען דאַרף האַלטן שבת, דאָס אָרט איז דעם שוחטס הויז. האָב איך טאָקע געזען

ווי דאָ פאַרעט מען זיך, עס פלאַקערן די אויוונס, די קאפעלנע און לײמע־נע, גענדז בראָטן זיך, קאַרטאָפליעס ווערן געשײלט, גרויסע דאניעצעס שטייען און אין זיי ליפערט מען שוין די טשאָלנטן אויף היינט און מאָרגן. דערווייל האָב איך מיר גענומען דעם שוחט אונטער דער האַנט, צופירן אים קוקן די בילדער פון זיין משפחה און אַ שמועס טון מיט אים, וועגן אים אַליין קודם כל.

זיין נאָמען איז מאַיסעי מאַיסעיעוויטש. אַ מענטש פאַר די פופ־ציק. אַ פעסטער, רויטער ייד ווי אַ טשוויק, שטאַרק געבויט, מיט אַ שטריימל אַ טייערס, מיט אַ רויטן גאַרטל אויפן בויך, די שובע אַרומגע־נומען, ער האָט קאַלאַשן הויכע, אָבער ער טראָגט ליבער וואַליקעס.

פון וואַנען ער איז געקומען אַהער? איז נישט ער, נאָר אַן עלטער, עלטער זיידע פון דווינסק, אַ שוחט וואָס האָט נישט געהאַט קיין וווין־רעכט (פּראַוואָזשיטעלסטוואָ), אין דער גרעניץ ווו יידן האָבן געמעגט לעבן („טשערטאַ אָסעדלאָסטי”), איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין טשעליאַ־בינסק, ווו ער איז געווען שוחט פאַר די אַלע פּאָליטישע און קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין יענע יאָרן, ווי ער איז היינט דאָ.

דער שוחט האָט מיר אַנטפּלעקט אַ סוד, אַז דאָ געפינען זיך קאַנטאָ־ניסטן, ווי אויך סובאָטניקעס (שומרי שבת גויים), מיט איין וואָרט, איי־ניקלעך און אור אייניקלעך פון אַן ערב רב און זיי זענען אַלע רייך.

ווען עס איז געוואָרן פאַרנאַכט, האָבן מיר צוזאַמען מיטן שוחט פאַרבראַכט אין זיין שולעכל, ווו עס דאַווענען אַזעלכע יידן מיט שטריימ־לעך ווי ער. דערנאָך זענען מיר אַריין אין זיינע חדרים, צעזעצט אַרום די טישן. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן. דער שוחט האָט אונדז פאַרגע־שטעלט פאַר דער שוחטקע, אַ יונגע פרוי מיט אַ הויך געקעמטן קאָפּ האָר, מיט אַ סך פּערל אויפן ווייסן האַלדז, אַ גאַרנאַסטייסקן פוטערל האָט זי געטראָגן אויף זיך, זי האָט אויסגעזען ווי מאַריאַ פּיאָדאָראָוונאַ.

זי האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר די טעכטער, ווייל איך האָב זיך גע־פונען דער ערשטער נעבן זיי, צוויי הויכע דינע מיידלעך ווי אַ צווילינג, עלעגאַנט געקליידעט אין שוואַרצע זיידענע קליידער, סאַמעטענע פאַנ־

טאָפּל, זיי האָבן אױסגעזען ווי באַרישניעס פון די הויכע פענצטער. וויעראַס, דער עלטערערס פּנים איז אוואַליק לאַנג מיט קליינע חן־גריב־לעך פון די באַקן. אויף איין באַק טראָגט זי אַ פּלאַסטערל אַ שוואַרצס, וואָס פּאַסט איר זייער. גרויסע טונקעלע אויגן פאַרטראַכטע, פאַרברעמטע מיט לאַנגע האָר פון וויעס. זי רעדט רוסיש מיט אַ פיין קלינגענד קול, זי זעט אויס זייער גראַציעז און דערצויגן אין איר האַלטונג און פּונקט אַזוי איר שוועסטער נינאַ.

די מוטער און דער פאָטער בעיקר האָבן אַזוי גערעדט צו מיר ווי צו־צוציען מיך צו די טעכטער, ער האָט געזאָגט, אַז קיין טשעליאַבינסק קומען זעלטן אינטעליגענטע בחורים צו ווילן די יונגע טעכטער. און כדי און־מערצושטרייכן דאָס, האָט ער דערמאָנט אַ נאָמען פון עפּעס אַ דווינסקער בחור, אַ סאָלדאַטשיק ביין, וואָס האָט אוכאַזשיוועט די טעכטער, נאָר ער איז נעלם געוואָרן...

דערנאָך האָבן ביידע עלטערן געזאָגט:

— ווילט אייך יונגע און האָבן זיך אָפּגערוקט פון אונדז.

איך האָב אָבסערווירט די עלטערע וויעראַן, דאָס איז געווען איינע פון די געגוג ראַפינירטע יונגע מיידלעך, וואָס אין 1904-5 האָט מען זיי געקענט זען. זי האָט געקענט פּאַרציען אַ געשפּרעך, און ווי עס האָט אויס־געזען איז זי שוין געווען אויף דער וועלט. זי האָט אויסגעלייגט איר שיי־נע געטאָקטע האַנט אויף אַ שטול, ווו זי איז געזעסן און האָט דערציילט וועגן אירע רייזעס. אין פּעטערבורג איז זי געווען דריי מאָל, און איבער דער ניעווא איז זי געפאָרן פיר מאָל. איצט וואָלט זי לוסט געהאַט נאָך אַמאָל אַזאַ רייזע צו מאַכן, ווען נישט די אומרואיקע צייט, די מאַטראָסן־אויפשטאַנדן אין פינלאַנד און פּעטערבורג, און דער עיקר דער פּחד פאַר אַ קריג מיט די יאַפּאַנער. דערביי האָב איך באַמערקט, אַז זי הייבט עפּעס אָן טאַפּן דעם דופּק ווי עס האַלט מיט מיר. איך האָב מיך אויסגעדרייט עפּעס צו רעדן, דאַן האָט זי אָוועקגעלייגט די אַנדערע האַנט אויף דעם זייטל פון דער שטול און געזומען סתם רעדן, אויספרעגן אויפן קלימאַט, דעם זומער און ווינטער אין פּוילן, אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויף קרייזן, וועלכע איך פאַרקער, ווי זי ווענדט זיך צו מיר:

— וועלכע רוסישע ביכער, סאָלדאַטשיק, האָט איר ליב צו לייענען? נינא ענטפערט פאַר מיינעטוועגן.

— זיכער לייענט דער סאָלדאַטשיק טאָלסטאָיען.

— איך לייען אויך טאָלסטאָיען, ענטפער איך נאָכגיביק.

— נו, האָט איר נישט ליב טשעכאָוון? פרעגט וויערא מיט א ראַפינירטן טאָן.

— זיכער אויך טשעכאָוו.

— אָבער מיין געליבטער שרייבער איז שטענדיק גאָרקי, זאָגט ווידער וויערא.

איך פאַרגעס מיך א מאָמענט ווי איך דאַרף רעדן און זאָג דעם אמת:

— ער איז אויך מיין געליבטער שרייבער.

און אייער געליבטער שרייבער? פרעג איך נינאָן.

— גאָרקי. זאָגט זי מיט א שמייכל.

ביידע מיידלעך קוקן זיך איבער מיט בליקן פון צופרידנקייט.

די שוועסטערס האָבן גערעדט אַלץ ווייטער וועגן גאָרקין. איך האָב אָבער ביסלעכווייז געמומען אָפּדרייען זיך פון דער טעמע, אויסגעפרעגט אויפן טשעליאַבינסקער זומער, אויף חיות אין די וועלדער, און וועלכע פרוכט זומער איז דאָ צו באַקומען. אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען א מאָדנע זאַך, וואָס עס איז מיר זייער אויפפאַלנד געוואָרן. אייניקע יונגע מענטשן, מאַנסלייט מיט בערדלעך אויף איין זייט, מיט היטלען איבער די אויגן האָבן אריינגעברענגט עטלעכע פעקלעך און דערזעענדיק זיי, האָט וויערא א ווונק געטון צו נינאַן, אַז זי זאָל צוגיין צו יענע. באַלד איז זי אויפגעשטאַנען און אוועק.

— וווהין איז אייער שוועסטער אוועק? האָב איך אינסטינקטיוו אויסגערופן.

— עפּעס דערליידיקן.

נאָר אין דער מינוט, ווען זי האָט געזאָגט די ווערטער, האָב איך באַמערקט א געוויסע אומרואיקייט אין איר. זי איז אויפגעשטאַנען און אוועק צו איר. איך בין געבליבן איינער און דאָס האָט דערזען דער שוחט,

האָט ער גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט און געקומען נענטער צו מיר:

— ווי געפעלט דעם סאָלדאַטשיק מיינע טעכטער? פרעגט מאָיסעי מאָיסעיעוויטש. היפּשע מיידלעך, אַ שאָד נאָר וואָס דו בלייבסט נישט ביי אונדז, זיי וואָלטן געהאַט גוטע געזעלשאַפט און אויך דו. און פרעגנ־דיק מיך ווי עס געפעלן מיר די טעכטער, דערציילט ער טאַקע פון יענעם סאָלדאַטשיק, ביין, וואָס איז געווען דער אוכאַזשאַר פון וויעראַן און אפשר אויך אַ חתן, נאָר וואָס ער איז פאַרשוווּנדן פון דאַנען.

און אַזוי ווי ער רעדט אַזוי פון ביינען, דעם אוכאַזשאָר פון וויעראַן, זאָגט ער דערוויילע, אַז ווען איך וויל, קען ער זיך באַמיען ביי דער נאַ־טשאַלסטווא, אַז מען זאָל מיך דאָ לאָזן.

איך ענטפער געקינסטלט:

— זייער פיין פון אייך. איך קוק אַהין ווו זענען די שוועסטערן, וואָס טוען זיי דאָרט?

איך האָב געזען, אַז ביידע האָבן עפּעס צוגענומען, שנעל אויפגע־ראַמט, די יונגעלייט זענען אַוועק, און באַלד זענען זיי — די שוועסטערן ביידע צוגעקומען צו מיר, אָפּגעטרייסלט זיך פון ענין דאָרט, ווי מ'שאָקלט אָפּ קרישקעס פון זיך. און האָבן ווייטער פאַרגעזעצט אַ שמועס פון פאָרן, פון רייטן, פון לעזן ביכער, און דאָ אַגב בין איך געוואָר געוואָרן נאָך עפּעס. וויעראַ — וואָס האָט אַזוי גערעדט וועגן איר ליבשאַפט צו ריי־זעס, האָט פּלוצלינג דערציילט אַ סוד, אַז זיי, די ביידע שוועסטערן, וואָס זענען געווען שילערנס פון דער פערמער־גימנאַזיע, זענען דאָ פאַראיאָרן אויסגעשלאָסן געוואָרן.

— פאַרוואָס?

זיי האָבן נישט אָנגעגעבן די סיבה.

***

הכלל, דאָס אַלץ איז נאָך געווען פאַרדעקטע שמועסן, און איצט אויך צוזאַמענס האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן די אמתע זאַכן. עס איז געווען אַזוי. וויעראַ, וואָס איז וואַרשיינלעך געווען די ערשטע פידל דאָ

פון קענען אַריינגעמען אַ רעקרוט אין זאַק אַריין, האָט מסתמא אָנערקענט, אַז מיט מיר קען מען רעדן, און קיין געפאַר שטייט נישט פאַר דערפון. האָט זי גענומען פראָסט און פשוט רעדן וועגן דעם, אַז די מיניסטאָרן קענען נישט פירן די רעגירונג פון זייער לאַנד, און אַז דאָס גאַנצע לאַנד ווערט געפירט דורך ביוראָקראַטן און טויגעניכטסן, און דאָ האָט זי גענו־מען שטעלן אָפענע פראַגן.

— סאָלדאַטשיק, רעדט זי צו מיר מיט אַ געוויסער אָפנהאַרציקייט, פאַרוואָס דאַרף פאַרגאָסן ווערן בלוט אין אַ מלחמה? איך פרעג, ווער דאַרף מלחמה? די יאַפּאַנער ווילן נישט די מלחמה.

וויערא רעדט אינטימער. זי וויל הערן פון מיר ווערטער, נאָר איך ווער עטוואָס פאַרגליווערט, איך שטאַמל, אַבי עפּעס צו רעדן, נעמט אי־בער דאָס רעדן נינאַ:

— אַלע צרות, זאָגט זי, אַלע מלחמות קומען פון אים. דאָס גאַנצע לײדן, נויט און הונגער איז נאָר פון אים, נו זאָל אַ זעלנער שווייגן?

און וויערא ווערט אָנגעצונדן:

— פּאָלק, זאָגט זי, שטייט אויף קעגן מאָרד. פּאָלק וועט שטירצן דעם מאָרד. פּאָלק וויל נישט פאַרגיסן קיין בלוט.

איינע האָט גערעדט, די צווייטע האָט גערעדט, און דאָ קעגן קאָראַ־פּאַטקינען, דעם קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, קעגן סטעסלען — דעם קאָ־מאַנדיר פון פּאָרט אַרטור. פאַר מיר זענען די ווערטער קיין נייעס נישט געווען. איך האָב זיי גענוג געהערט ביי מיר אין שטוב. נאָר פון וואַנען קומען זיי, דעם שוחטס טעכטער פון דער גרויסער צלמים שטאָט טשעל־יאַבינסק?

איך האָב נאָר באַוויזן צו ענטפערן:

— איך זע, באַרישניעס, ביי אייך די גאַנצע קייזערלעכע גוואַרדיע אויף אייער וואַנט, פון וואַנען זשע קומט עס אַהער?

דערויף ענטפערט נינאַ:

— ווייסט איר וואָס עס הייסט ביי אַ מענטשן אַ פאַרהאַנג, מיט וועלכן מען דאַרף זיך פאַרשטעלן און באַשיצן?

***

מיר האָבן שוין נישט געקענט לענגער רעדן. מיר האָבן דערזען פון ווייטנס דעם זוואדני, וואָס איז צוגעקומען מיט אַ רוף „רעביאַטאַ"! מיר מוזן גיין פאָרן, גענומען די קאַסטנס און געגאַנגען".

די שוועסטער האָבן באוויזן נאָך צו רעדן מיט מיר איבער פּראַקטישע ענינים, זיי האָבן געפּאַקט פּעקלעך מיטצוגעבן עסן די סאָלדאַטשיקעס, נאָר ביים סוף האָט מיר וויערא געזאָגט אויפן אויער:

— ווייסט, אַז אין וויאַטקאַ האָרפּט איר זיך פאַררופן אויפן נאָמען פון מיליטערישן דאָקטאָר (סטאַרשי וראַטש") — „רושטשאַק", זאָגט אַז איר זענט רעקאָמענדירט פון דער „רויטער בין".

די ווערטער זענען מיר אַזוי אַריינגעזאָגט געוואָרן אין די אויערן, אַז איך האָב מיך גענומען אומקוקן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָ שטייט ערגעץ וואַצלאַוו אָדער סולימאַ, אָדער גאָר מיין ברודער אָדער פאָטער, אָדער גיטל. איך בין גליקלעך געווען, אַז אָט-אָט בין איך שוין נישטאָ. דאָן האָב איך געזען ווי דער שוחט מיט דער שוחטסטע געזעגענען זיך מיט די רעקרוטן. באַזונדערס האָט מאַיסעי מאַיסעיעוויטש געדריקט די הענט מיר, מיט אַ פראַגע, ווי זיינע טעכטער זענען מיר געפעלן, און האָפנטלעך וועל איך דאָך קומען אַהער, ווען איך וועל נאָר פריי ווערן. אי, דער בחור ביין איז נעלם געוואָרן, מילא, וועל איך דאָך קומען אויף זיין אָרט. ער האָט עס געמיינט גאַנץ ערלעך, אַ חתן פאַר איינע פון די טעכטער. נאָר איך האָב מסתמא געמאַכט דעם שפּרייז אַוועק פון דאַנען ווי עס האָט עס געמאַכט יענער בחור. איך בין אַנטלאָפן, וווהין די אויגן טראָגן מיך.

עס איז נאָר צו באַמערקן: אַז אויף דער באַן האָבן רעקרוטן גענומען אויסשיטן בלעטלעך מיט שרעקלעכע אויפרופן קעגן מלחמה און קעגן צאַר, זיי האָבן זיי געשליידערט דורך די פענצטער, קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען זיי זענען געקומען אין די טשעמאָדאַנען. בלויז איך האָב עפּעס געזען אין יענע מינוטן, וועןביידע שוועסטער זענען אַוועק פון מיר.

די געהיימנישפולע רעצעפטן פון סטארשי ווראטש טשערדעלי און זיינע שוועסטערן

אט האסטו וויאטקא, די שטאט וואס איז כמעט געלעגן אין איי־ביקן שניי, און וואס האט געהאט דאס זעלבע בינטל שכורים, טשיינע־זיצער שילטער, די וואס האבן געקעמפט קעגן צאר, און צלמען זיך מיט די קריאת שמע'ס און ברכות פארן געזונט פון צאר. ווי טשעליאבינסק, האט אויך וויאטקא געהאט א געזעלשאפט, וואס האט רעאגירט אויפן צארישן רעזשים מיט דער גאנצער שארפקייט און שטרענגקייט פון קאנספיראציע. זיי האבן געארבעט אונטער פסעודאנימען פון „ברודער" און „שוועסטער", זיי זענען געווען פאלקאווניקעס און אפיצירן, און זיי זענען געווען דאקטוירים. איבערהויפט אין די מיליטערישע קרייזן זענען דאקטוירים שטארק טעטיק געווען. און אט נאך דריי טעג זיצן אין דעם לאגער, דעם זייער גערדיכטן פון רעקרוטן, אין א קאזארמע, וווּ די „זוואד־נערס" האבן אזוי געהיט דאס פוצן די שטיוול, דעם פאסיק, די קנעפ פון שינעל, צוזאמען מיט די רוסישע קריאת שמע'ס אלע נאכט, האב איך פלוצלינג געהאט אן איבערראשונג. דער „זוואדנער" איז פלוצלינג געקו־מען מיט א פראגע:

— רעביאטא, ווער פון אייך איז א מאלער?

און אזוי ווי איך האב דערהערט די פראגע, האב איך זיך געטראכט:

— געזונט זאלט איר מיר זיין, פעטקעס, דען ווער, ווער אז נישט איר, האט מיר איצט געגעבן שאנסן פטור צו ווערן פון „זוואדנערס דרשות" און זיינע חכמות? און דאס איז טאקע געשען. מיט איין האל־

בער שעה שפּעטער, בין איך אינפאָרמירט געוואָרן, אַז איך געפין זיך אין הויז פון אַ דאָקטאָר, אַ מיליטערישן, אַ „סטאַרשי וראַטש", און דאָ דאַרף איך נעמען אַרבעטן מיין פאַך, וואָס איך האָב געקענט. און מיט פינף מי־נוט שפּעטער קומט ער אויך אַרויס אין קיך ווו איך שטיי. מעסט מיך אָפּ מיט די אויגן און פרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

איך זאָג מיין נאָמען.

— ביסט אַ מאַלער?

— איך בין עס.

— קענסט שמירן ווענט?

— איך קען מער דערפון.

— וואָס הייסט מער?

דער זוואָדנער, וואָס שטייט נעבן מיר, זאָגט מיר אויפן אויער, אַז איך דאַרף צו יעדע צוויי דריי ווערטער צולייגן „וואַשע בלאַגאָראָדיע".

איך טו עס, איך זאָג:

— וואַשע בלאַגאָראַדיע. איך קען מער ווי דאָס.

— וואָס?

— אַפילו אַ פּרווי אויסלייגן אויפן סופיט און מיט בלומען.

— לאַדנאַ, זייער שיין, זאָגט דער דאָקטאָר. דערווייל גייסטו אין שפּיטאָל אַרבעטן, שפּעטער וועסטו אויך באַקומען אַרבעט ביי מיר. קענסט אַ פּרווי אַרויפלייגן אויפן סופיט? קענסט אויך בלומען? דאָס דאַרף איך.

דערביי האָט ער עפּעס געזאָגט צום „זוואָדנעם", אַז איך זאָל נישט הערן. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט מיר אויך שפּעטער אין שפּיטאָל אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר צום שלאָפן און גוט עסן, דאָס זעלבע וואָס עס עסן קראַנקן־שוועסטער און דאָקטוירים. איך בין מיט איינמאָל פּטור געוואָרן פון דער קאַזאַרמע, וואָס האָט מיר אויסגעזען מאָנאָטאָן־גרוי און נישט אינטערעסאַנט. איך בין געוואָרן אַ פרייער פויגל, איך בין אַרויס אין גאַס, ווען איך האָב געוואָלט. אין שפּיטאָל האָב איך געאַרבעט די צייט, ווען מיר איז ליבער געווען, דאָס מערסטע בין איך געזעסן פאַר־

שטייט זיך און געשמועסט מיט קראַנקע. ווער זענען זיי? טאַקע די, וואָס ווען זיי קומען אין פּאָלק אַריין, נעמען זיי פּייפן מיט די אויערן, מיט די נעזער און קריכן אַרום מיט לאַמע פיס. געווען אויך אַזעלכע וואָס זענען געווען קראַנק, און געווען אַזעלכע וואָס ווייסנדיק אַז מען פירט זיי אויפן ווייטן מזרח, קיין וולאַדיוואָסטאָק און פּאָרט־אַרטור, האָבן זיי זיך געמאַכט קראַנק. הכלל, דאָ איז געווען דער צענטער פון אַזעלכע ענינים. איך האָב מיך דערמיט דערפרייט מער ווי מיט מיין מאַלעריי דאָ. האָב איך מיך גענומען דערנענטערן צו די קראַנקע מענטשן וואָס ליגן נישט געזונט צו ווערן, נאָר קראַנק צו ווערן. אָט איז איינער וואָס איז טויט אומגליקלעך, שוין דריי אָדער פיר מאָל האָט ער היינט גענומען דעם געלן פּראָשעק צו אַנטוויקלען אין זיך געלבזוכט, נאָר די געלבזוכט קומט נישט אפילו אויף אַ האָר. האָט ער עגמת נפש דערפון. ער ליגט שוין באַלד צוויי וואָכן אין שפּיטאָל און אין נאָך אַ וואָך אַרום דאַרף ער גיין אויף אַ קאָמיסיע קיין פּערם. וועט מען אים שעכטן ווי מ'האָט אים געשאָכטן אין דער „פּריסוטסטוועַ" זאָגט ער, און דער יאַפּאַנטשיק וועט נישט וואַרטן, ער וועט שניידן די אויערן און די נעז. ליגט ער און זאָרגט זיך זייער, איך גיב אים אַ פרעג:

— זאָג זשע מיר, פון וואַנען האָסטו באַקומען געלן פּראָשעק דאָ?

— אַזעלכעס דערציילט מען נישט, ענטפערט יענער און פרעג מיך נישט מער.

— גזלן איינער, זאָג איך צו אים, פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט וויסן? אפשר וועל איך עס אויך אויסנוצן?

— איך קען עס דיר נישט זאָגן.

הכלל, נאָך אַ לאַנגן בעטן, האָט יענער גענומען ביי מיר די האַנט אויף חלק לעולם הבא און האָט מיר אויסגעזאָגט, אַז דאָ איז דער גאַנצער שפּיטאָל „בלאַט", אַלץ איז נישט דאָס וואָס איך זע, קיינער איז דאָ נישט קראַנק, נאָר געזונט אייזן, און נישט דווקא קיין יידן נאָר טאַטאַרן, קאַזאַקן, ליטווינער און וועליקאָרוסן. אַלע זענען געזונט און ווילן נישט זיין געזונט; הענגט עס אַלץ אָפּ אין דער עלטסטער קראַנקן־שוועסטער,

און נישט אַזוי אין איר ווי אין אַ דאָקטאָר אַ „בלאַטן”, אַן אונדזעריקן, דעם „סטאַרשי וראַטש”.

אָבער איך האָב שוין נישט געוואָלט רעדן מיטן רעקרוט איבער די ענינים פון שפּיטאָל, איך האָב מיר געטראַכט, אַז איך וועל שוין דורכ־קומען מיטן „סטאַרשי וראַטש” אַליין. אַרבעט איך מיר, קריך איך אַרום אויפן לייטער, שמיר ווענט און זינג מיר צו ווי דער שטייגער פון אַן אַרבעטער, וואָס וויל, אַז די אַרבעט זאָל נישט לאַנגווייליק ווערן. דאָ קומט אַלעמאָל צו אַן אַנדערע „שוועסטער”, גיט מיר עפּעס אַנדערש אין מויל אַריין, און פרעגט דערביי, אַרבעט איך נישט צופיל?

איך זאָג ניין. די אַרבעט איז מיר זייער אַנגענעם. איבערהויפּט טוט עס די עלטסטע שוועסטער, אַ שיינע יונגע ברונעטין מיט אַ פּאָר גוטע אויגן אין אַ ווייס פאַרטוך, מיט אַ גרויסן רויטן צלם. „אַננאַ” איז איר נאָמען, זייער באַליבט אין שפּיטאָל. די קראַנקע רופן זי „סוויאַטאַיאַ”, דער עיקר די אַלטע לייט פון וויאַטקאַ, וואָס האָבן שוין אַ חזקה דאָ צו שכורן און ליגן אין שפּיטאָל אַן אַ סוף צייט, ווען נאָר אַננאַ קומט צו און גיט זיי עפּעס אין מויל אַריין, וואַרפן זיי איבער דעם צלם איבער דער ברוסט, פון דאָ און דאָרט קומט דאַך אַן אַ פּאָפּ, ער האַלט אין האַנט אַ בשׂמים בעכער, שליידערט אים אויף אַ קייטל אַהין און צוריק, לאָזט קנוילן פון ווייערויך אין דער לופט, בענטשט די קראַנקע און גייט אַוועק. אַננאַ צלמט זיך איבער, ווען זי דערזעט דעם פּאָפּ, נאָר ווי ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס, איז זי אַריין אין דעם חדר פון די קראַנקן־שוועס־טער און זיך צעלאַכט פון אים.

עס איז געוווינט יעדן טאָג צו קומען דער פּאָדפּולקאָווניק, אַן על־טערער מאַן מיט אַ באָרד, אַ בויך און אַ שווערד אויף דער זייט, ער קומט אַריין מיט:

— זדראַוואָ רעביאַטאַ!

און אַלע ענטפערן:

— זדראַוויע זשעלאַיעם, וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע.

און די קראַנקן־שוועסטער אויך. דער פּאָדפּולקאָווניק איז געוווינט צו פּאָר/זכן פון עכן, פרעגן אויפן געזונט פון די קראַנקע און פרעגן אויך

דער שוועסטער אננאַ, צי קומען נישט אריין אהער קיין פרעמדע מענטשן מיט פּאַפּירלעך, און דאָס זאָגט ער אָן שטרענג אַלעמען. אָבער ווען ער איז נאָר וואָס אַרויס, איז אננאַ אריין מיט אַ געלעכטער צו די קראַנקן־שוועסטער. אויסגעלאַכט אויך דעם פּאַדפּאַלקאָווניק.

דער „סטאַרשי וורטש" קומט אָפטער. איך קען אים שוין, טשער־דעלי הייסט ער, אַ מאַן פון אַ פערציקער, אַ ברונעט מיט אַן אדלער נאָז, שוואַרצע אויגן גרויסע און ברייטע וואָנצעס, טראָגט אַ שיינעם מיליטער־רישן מונדיר, מיט אַ צייכן אויף דער לאַץ פון „סטאַרשי וורטש", און אַ שווערד. איך ווייס אויך, אַז ער איז אַ קאַווקאַזער, אַ גרוזינער און מען זאָגט אויף אים, אַז ער האָט אַ יידיש ווייב, דאָס אַלץ האָט מיך זייער געפרייט, אמאָל וועט דאָך דער דאָקטאָר מיך רופן אַרבעטן ביי זיך.

דער „סטאַרשי וורטש" וועקט באַלד די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן שפּיטאָל. קראַנקע ווערן באַוועגלעך, ריידעוודיק און ער אַליין גייט צו צו די קראַנקע מיט אַן אָננעמען זיי ביים פּולס מיט פראַגן:

— ווי אַלט ביסטו?

יענער ענטפערט אויף דער פראַגע.

— ווער איז דיין פאָטער?

יענער ענטפערט.

— דיין באַשעפטיקונג אין דער היים?

ער ענטפערט.

דערנאָך קומען פראַגן, וואָס האָבן דוכט מיר גאָרנישט צו טון מיט קיין פראַגן פון קיין דאָקטאָר. נעמלעך, וואָס פאַרדינט דיין פאָטער? וויפל זענט איר אין דער משפּחה? האָט איר וואָס פאַרמעגן? ווער האַלט אויף די משפּחה? זענען זיי אַלע געזונטע מענטשן?

פראַגן נישט צום ענין.

און דער רעקרוט, אַז מען שטעלט אים אַזעלכע פראַגן, הייבט ער אָן ממש צו לייכטן, ער רעדט, ער דערציילט אַלץ פון האַרץ אַרויס. דער „סטאַרשי וורטש" הערט אויס, זאָגט דערנאָך „לאַדנאָ" (גוט) און נעמט עפּעס שמועסן מיט דער הויפּט קראַנקן־שוועסטער, שמועסן, וועלכע מען הערט קיינמאָל נישט ווענן וואָס.

נישט איינמאָל גייט דער „סטאַרשי וואַטש״ דורך מיר, איך ווייס שוין, אַז איך דאַרף זאָגן: „וואַשע וויסאָקא בלאַגאָראָדיא״, צוליי‏גן די האַנט צום דאַשעק פון היטל, סאַלוטירן. נעמט עפּעס דער דאָקטאָר מיר אַראָפּ די האַנט אין מיטן סאַלוטירן און זאָגט: ניע נוזשנאַ.

פרעגט ער נאָר אויס ווי די אַרבעט גייט מיר, און זאָגט מיר אָן, אַז בקרוב וועט ער מיר געבן אַרבעט ביי זיך אין שטוב, איך בין גאָר צופרידן.

דערנאָך ווען דער וואַטש איז אַוועק און איך האָב צייט, בין איך אַרויס אַביסל אויף דער גאַס.

וויאַטקא איז פאַרהעלטנישמעסיק שענער געבויט ווי טשעליאַבינסק. די הייזער זענען מער קאָנצענטרירט און מאָדערנער. די צערקווע איז אויסערלעך באַפּוצט מיט גאָלד־בלעך, מיט איקאָנעס און קלינגט מיט מער טעם ווי די צעווילדעוועטע גלעקער פון טשעליאַבינסקער צערקווע. עס איז אַ געמיטלעכע שטאָט, אַ ריינע, און ווי איך האָב זיך דערוווּסט, זענען דאָרט געזעסן וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די עקס־קורסיעס צום נאָרד־פּאָל. וויאַטקא האָט אַ גימנאַזיע, די גרעסטע אין דער סביבה און אַ טעכנישן אינסטיטוט און מסתמא דעריבער האָב איך דאָרט געזען אַזויפיל פּנימער, וואָס האָבן מיר דערמאָנט אין די אינסטרוקטאָרן פון ס. ר., וואָס פלעגן שטאַמען צו אונדז פון רוסלאַנדס גרויסע שטעט, אַזוי טעכניקער און מעכאַניקער. די מאַסן זיצן דאָ אויך אין די טשיינעס אָדער שלעפּן זיך אין גאַנצע שורות מיט דער האַנט אויף די אַקסלען, שיכורע, זינגענדיקע, אָדער ליגן אויף די גאַסן אין שניי און בעטן זיך מען זאָל זיי אויפהייבן. נאָר אין ערגעץ האָב איך נישט געפונען אַזוי פיל פלוגבלעטלעך צום פאָלק און צו די זעלנער.

גענוג נאָר אַ בליק צו טון אויפן וויאַטקער גליטש, ווו עס גליטשן זיך די שיינע לוסטיקע באַרישניעס מיט די אָפיצירן און טשינאָווניקעס, צו דערזען אונטער זייערע פּיס בלעטער וואָס רופן אויפצושטיין קעגן צאַר, קעגן פּלעווען, קעגן גלחים און קעגן פורישקעוויטשעס אָרגאַן פון צוויי־קעפּיקן אָדלער, קענסט אויך דאָ געוווּיר ווערן, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט, ווו עס האַלט מיט די אויפשטענדער פון פּעטערבורגער פּלאַץ, וואָס איז מיטן אויפשטאַנד פון די דאָנער קאָזאַקן, און וואָס בעיקר עס

גייט פאָר אין קוראָפּאַטקינס אַרמייען אויפן ווייטן מזרח, שוין אָפּגערעדט פון די בונטן אויפן אוראַל.

מיט איין וואָרט, ווען איך דערמאָן זיך אין וויאַטקעס גליטש, שטייט מיר פאָר די אויגן עפּעס אַ רוסישע ביוראָ פון ביולעטינען, יעדע פאָר שעה אַן אַנדערער און יעדע פאָר שעה קומט ווער מיט אַ בעזים און קערט אויס דעם גליטש פאַר אַנדערע פלוג־בלעטלעך וואָס דאַרפן קומען. אַז וויאַטקאַ איז אַ נעסט פון רעוואָלוציאָנערן האָב איך גלייך דערשפּירט אין די ערשטע דריי טעג אין קאַזאַרמע, אַלע פאָר שעה נייע אביסקעס אין די קעסטלעך פון די נאַוואַבראַנצעס, דערצו אויך זענען מיר אויפּפּאַלנד געווען די אָפיצירן, גוטע יונגען, גוט צו די זעלנער, גאָר־נישט פון פאָניעס כאַראַקטער. נאָר דאָ האָט מיט מיר פּשוט אַ גליק געטראָפן. דער סטאַרשי וראַטש האָט מיך גערופן צו אַרבעטן אין שפּיטאָל. און אָט איז דאָס גליק נאָך גרעסער. אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט דער זעלבער זוואַדנער אין שפּיטאָל און הייסט מיר פאַרנעמען האָק און פּאַק און גיין אַרבעטן צום „סטאַרשי וראַטש".

„אַלטע באַקאַנטע

פאַראַן מאָמענטן, ווען דו ווערסט איבערגעטראָגן פון דיין סביבה ערגעץ ווייט צו אַן אַנדערער סביבה, און דיר דוכט זיך דאָ פרעמד אַלץ, נאָר ווען דו הייבסט אָן זיך גוט צוקוקן צו יעדן ווינקעלע און צו יעדן מענטש, זעסטו, אַז דו ביסט נישט ווייט אַוועק. דאָס געפיל האָב איך געהאַט, ווען איך בין אַריבערגעטרעטן די שוועל פון „סטאַרשי וראַטש". אמת, אַז דאָ זענען דאָ פינף גרויסע צימערן, אַנדערש געאָרדנט ווי די דירהלעך פון מיין זיידנס הויז, העכער זענען די שנייען אַרום, דער הימל איז אַנדערש, די מענטשן זענען אַנדערע, נאָר ווי ענלעך זענען די מאַנירן און די האַלטונג צו אַ מענטש, וואָס טראָגט אַרבעטער קליידער.

הכלל, ווען איך בין אַריין אין שטוב, האָב איך געמיינט, אַז דאָ ביים „סטאַרשי וראַטש" וועל איך זיין פאַר אים אַ מענטש פער דים־מאַנס, מען וועט מיך הייסן אַריינשטעלן דעם לייטער אין דעם און יענעם צימער, מיטגעמען אַהין מיינע קעסלען מיט פאַרב, שמירן דאָ רויט, דאָ גרין, און בכלל מיט מיר קיין געשעפטן נישט האָבן. עס איז געווען אַנדערש.

באַלד נאָר ווי איך בין אַריין, האָט מיך ווי זיין שטייגער דער וראַטש גענומען אויספרעגן אויף מיינע משפחה מענטשן. די שטאָט ווו איך בין געבוירן, ברידער, שוועסטער און דער עיקר פאָרדינסטן, פון וואָס מיר לעבן. עס איז מיר אין פלוג נישט אַנגענעם געווען צו ענטפערן דע־רויף, נאָר וואָס מער איך האָב געענטפערט, האָב איך געזען, אַז ער ווערט ליבער צו מיר, גיסט מיר אָן צוויי גלעזלעך: איינס בראָנפן, איינס זיסן

קארשן סאק, פרעגט מיך וואס מיר ליבער איז, און אז איך זאג „זיסן קארשן סאק" טרינקט ער און באלעקט זיך און איך טרינק און באלעק מיך. דערנאך גייט מען איבער צום ענין. דער „סטארשי ווראטש" רופט אריין זיין ווייב, נאסטאסיא, אזוי האט ער זי גערופן, זיך בארעטן מיט מיר וועלכע פארבן צו געבן אויף די אלט-געמאלטע ווענט, האב איך זיי געגעבן מיין מאלערישן ראט, ווי איך קען אים פון טעאריע און פראקטיק. א קאבינעט פארבט מען ווי געוועגלעך מיט גרינער פארב, אן עס-צימער ברוין, א סאלאן העל-געל און א שלאף-צימער בלוי. די פארשלאגן זענען אנגענומען געווארן פוןביידע. דערנאך האט מען גערעדט פון די מוסטערן וואס דארפן קומען אויף די ווענט, זענען מיר געקומען צו חילוקי דעות. דער „סטארשי ווראטש" האט געוואלט אין קאבינעט קינדער, האב איך אים געזאגט, אז קינדער מאלט מען אין א שלאף-צימער, און אז דא ביי א דאקטאר פאסט גיכער צו געבן מוסטערן פון א דאקטערישער האנטשריפט אויף א רעצעפט, אדער אן עטיקעטע פון א רעצעפט. האט מען איינגעשטימט אויף א רעצעפט. אין עס-צימער האב איך פארגעשלאגן גענדז און ער האט פארגעשלאגן שוואנען, געבליבן פארן עס-צימער זענען גענדז. דער הויפטפונקט איז געווען דער סאלאן אויפצונעמען געסט. דא האט דער „סטארשי ווראטש" פון וויאטקא געהאט פון מיר א ספעציעלן פארלאנג, איך זאל דא מאלן איקאנעס „די הייליקע מוטער און איר זון", זאג איך, אז די הייליקע מוטער און איר זון פאסט זיך גיכער אין די צימערן פון א פאפ. ענטפערט ער: אז דאס איז די געשיכטע, אז די מערסטע געסט ביי אים זענען „צערקאוונע מענטשן", און אז עס וואלט גלייך געוועזן, אז דאס גאנצע צימער זאל זיין געמאלט אין צערקאוונעם סטיל. עס האט זיך מיר נאר געפרעגט א פראגע, ווי פאסט עס אז א סטארשי ווראטש, וואס שטעלט קלאץ קשיות יידישע רעקרוטן פון וואס עס לעבן די עלטערן נעבעך זייערע, און פון וואס האבן זיי די רעקרוטן געלעבט אין דער היים, זאל זיך הייסן מאכן פון זיין שטוב א רוסישע צערקווע? האב איך מיר אליין געענטפערט: מיר לעבן דאך אין א צייט פון „פארשטעלטע מענטשן", האב איך די מחשבות אראפגעשלונגען אין זיך.

הכלל, די סימפאטיע פון פארל, דעם סטארשי ווראטש און זיין ווייב,

איז געווען גוט צו מיר. מען האָט מיך פאַרבעטן צום טיש מיטעסן. אומ־זיסט האָב איך מיך פּרובירט האַלטן „פער דיסטאַנס" צווישן אַ זעלנער און אַ הויכן אָפיציר פון אַזאַ סלוזשבע. זיי האָבן עס מיר געשטערט, איבערהויפּט ער, ווען איך האָב אַלע מאָל צו יעדע צוויי ווערטער צוגע־לייגט די האַנט צום דאַשעק, מיט אַ סאַלוטירן אים מיט „אַ וואַשע ווי־סאָקאַ בלאַגאָראָדיע". ער האָט מיר די האַנט אַראָפּגענומען פון דאַשעק אַפּוויר מיט אַ זייער העפלעכן: — ניע נאַדאָ! מען דאַרף נישט. (ווי שוין איינציקע מאָל פון פריער).

צוויי וואָכן איז געגאַנגען די אַרבעט מיינע ביים סטאַרשי וראַטש. דאָס פאַרפאָלק האָט ממש געקוואָלן פון מיר. אַלעמאָל איז מען צוגעקומען קוקן אויף יעדן קווייטעלע און בלימעלע. ספּעציעל האָבן אויסגענומען די קינדער וואָס איך האָב געמאָלט אין שלאָף־צימער. איז נאַסטאַסיאַ געשטאַנען מיט דעם סיגאַרעט אין האַנט און אָפּגעשאַרט מיט די געשניצ־טע פינגערלעך דאָס אַש, געקוקט מיט אירע ליבע פּאָר שוואַרצע אויגן אויף די מאַלערייען און גערימט באַזונדערס די קינדער; „לעבעדיקע", האָט זי געזאָגט און האָט גליקלעך געשמייכלט.

זענען אויך פון ווי ווייט געקראָכן צו זען „די וואונדער" וויאַטקאַס ווייבער — עלטערע און ייִנגערע, מיט שובעס, מיט וואַלינקעס אויף די פיס און מיט גרויסע ברילן אויף די אויגן. זיי זענען געשטאַנען פאַטשנדיק מיט די צינגער, דרייענדיק מיט די קעפּ פאַרוווּנדערטע ווי אויף אַ גוט מאכל, זיי האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ מכשף.

געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען צוגעגאַנגען צו די אָפיצירן און אַפילו צום סטאַרשי וראַטש בעטן, אַז מען זאָל מיך באַקומען צו זיי. דער ענטפער פון סטאַרשי וראַטש איז געווען: מיר דאַרפן אונדזער מאַלער פאַר זיך אַליין.

האָב איך דעם סטאַרשי וראַטש שטענדיק געהאַט נעבן זיך. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן ביסעלע פאַרב, מיט יעדע קווייט און מיט יעדן שטריך וואָס איך האָב געמאַכט און פונקט אַזוי האָב איך אַלץ געזען וואָס עס טוט זיך ביי אים.

פון אינדערפרי ביז ביינאַכט גייען אַריין און אַרויס מענטשן און

עס זיצן מענטשן דוקא נישט קיין מיליטערישע, מען שמועסט שטיל, אָדער מען סודעט זיך. די פּאָסט קומט דריי מאָל אין טאָג און ס'רוב, ווען דער סטאַרשי וואַטש לייענט איבער בריוו צערייסט ער זיי.

איינמאָל האָב איך געפונען אונטערן שאַנק, ווו איך האָב געשטריכן די ווענט, אַ בריוועלע מיט פאָרוואָרפן צום סטאַרשי וואַטש, פאַרוואָס האָט ער נישט אויסגעפירט די און די אַרבעטן, אונטערגעשריבן איז גע־ווען דער ערשטער נאָמען פון שוחטס טאָכטער שוועסטער וו.

נאָכאַמאָל האָט זיך געוואָלגערט ערגעץ־ווו מסתמא פאַרגעסענע אויפ־רופן פון די ס. ר. וואָס האָבן גערופן נישט צו גיין צו דער יאַפּאַנישער קריג. אונטער אַ סאָפע האָב איך געפונען אַ ביכעלע קאַריקאַטורן פון די ראָמאַנאָוום. דאָ און דאָרט האָב איך דערזען פרישע בלעטלעך, אויפרופן צום פאָלק, די פאַרב איז נאָך פריש געווען. דער עיקר האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין מוח דער נאָמען פון שוחטס טאָכטער וו. פונקען זענען געפלויגן פאַר מיינע אויגן, ווען איך האָב זיך דערפילט דאָ ווידער ווי אין אַ קליאַט־קע, און וואָס איך האָב געטראַכט? אַז עס וואָלט זייער גוט געווען פּטור צו ווערן פון סטאַרשי וואַטשס אַרבעטן וואָס שנעלער. האָב איך מיך דערויף דערוואַרט אַ סך גיכער ווי איך האָב געמיינט.

מיטאַמאָל זענען אַריין צוויי זוואַדנערס מיר אָנזאָגן, אַז דער אָפּי־ציר פון מיין ראָטע האָט באַפוילן מיר שוין קומען אין קלוב פון אָפיצירן. עס איז פאַר ווייַנאַכט און מען דאַרף מאַכן דעם קלוב. איך האָב מיך דער־פרייט. מיט צוויי טעג שפּעטער בין איך שוין געשטאַנען אין קלוב און געשמירט די ווענט. די סענסאַציע איז דאָ געווען גרויס, וואָס דער אָפּי־ציר פון מיין ראָטע, קאַפּיטאַן ראַטקאַ, אַ פּיאַניצע, האָט אַביסל געקענט מאָלן, נאָר וואָס, דאָ בין איך געווען דער אָפּיציר און ער דער פּראָסטער סאָלדאַט, האָבן מיר געמאָלט, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אויף די ווענט זקנים מיט ווייסע בערד, מיט שייפעלעך, מיט שניי, און וויאַטקער מענ־טשן אין וואַרעמע שובעס מיט הויכע וואַלינקעס קומען אַהער מיט די צעפלאַמטע פון ברענענדיקן פּראָסט פּנימער קוקן דאָס וווּנדער. זיי קומען מיט פלעשער בראָנפן פּערציקער, טרינקען אַליין ביז זיי פאַלן אויף די

פּיס, און בעטן מיך טרינקען, נאָר איך גיס אַריבער דעם בראָנפֿן איבערן אַקסל.

הכלל, מיט דריי טעג שפּעטער האָט מען געפּראַוועט אין קאַזאַרמע די ווייגאַכט. דאָ וועל איך מיך נישט אָפּשטעלן, דען עס איז געווען אַ זייער נודנער אָוונט. די וואַכמײַסטערס האָבן געגעבן יעדן צו צוויי גרויסע קאַטשקענע אייער, געפאַרבטע אויף רויט מיט אַ קליין פלעשעלע בראָנפן און צוגעגעבן דערצו אַ רעדע אַ זעלנערישע וועגן שניידן די קעפּ פון יאַ־פּאַנטשיקעס אויפן נייעם יאָר. אָבער כמעט אין דער זעלבער צייט האָט מען מיך גערופן אויפן באַל פון אָפיצירן. עס איז געווען אַן איבערראַשונג פאַר אַלע. וואַרשיינלעך האָט מען זיך געוואָלט דאָ באַווייזן מיטן מאַלער, האָסטו געקענט דאָ זען דאָס גאַנצע ביסל סמעטענע וויאַטקעס. דעם וויאַטקער פּאָפּס צוויי טעכטער, אַ צווילינג האָט מען געזאָגט. צוויי בילד שיינע מיידלעך מיט ראָזע פּנימער — בלוט און מילך. דעם פּאָל־קאָווניקס פרוי, הויך אויף צוויי שטאָק, אַ דאַמע אַ זיסינקע מיט מאַגיערן און נאָך אַביסל ווילע יונגען, אָפיצירן שיינע מיט באַרישניעס. דערווייל איז אויך אָנגעקומען דער סטאַרשי וראַטש מיט זיין נאַסטאַסיען, זי איז באַזונדערס אימפּאָזאַנט געווען אין דעם אָוונט. זי האָט געטראָגן אַ זייד־דענעם באַראַשקענעם זשאַקעט, געפּאַסט מיט אַזאַ מופּטעלע און אַזאַ היטעלע פון זיידענעם באַראַשעק אויף אַ זייט ווי אַ שיפל האָט דאָס הי־טעלע אויסגעזען. פון אונטער די לאָקן, וואָס זענען אַרויס פון אונטערן היטעלע, האָבן געבליצט פון לוסטיקייט אירע שיינע פאָר גרויסע אויגן און געבליט די באַקן פון פראָסט. איבערהויפּט האָט זיך איר גראַציעזקייט דערזען, ווען זי האָט אַראָפּגענומען אירע ווינטער מלבושים, זי האָט גע־טראָגן אַ לאַנג שוואַרץ באַל־קלייד, סאַמעטענע שיכלעך מיט פּערלענע קנעפּ אין דערמיט, אויף דער שיינער שמאָלער האַנט הענטשקעס. פון איר האָט געשמעקט מיט יונגן לייב און פּערפום. זי האָט אימפּאָנירט אַלעמען מיט איר דעליקאַטער האַלטונג, מיט איר שיינעם רוסישן דיאַלעקט פון אַ קלינגענדיק מיידלש קול, זי איז געווען די סענסאַציע פון דער געזעל־שאַפט.

אין דרויסן איז געווען דאָס מאָל נישט זייער פראָסטיק. דורך די

פון פראָסט עטוואָס פאַרבלומטע ראָזע שויבן פון באַגאָסענעם ליכט האָט מען געקענט זען די ווייסע קופּעס שניי וויאַטקעס, ווי ווייסע בערן האָבן זיי אויסגעזען, וואָס שלייכן זיך העט, העט צו די קליינע ברייטע הייזער וויאַטקעס, אָנגעצונדענע מיט לוסטיקע געזאַנגען און טענץ פון שפּילנ־דיקע האַרמאָניעס, באַרמאַשקעס. איך האָב אָנגעשטעלט מיינע בליקן אַהין צו די אַלטע און יונגע מיט די פלאַקסענע האָר און מיט די וואַלינ־קעס קליינע און גרויסע. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די שיין און די לוסטיקייט פון די הייזער מאַכט לעבעדיק די טויטע ווייסע שנייען פון דער סביבה.

דאָ און דאָרט ליגן מענטשן אין די שנייען, ליגן, ברילן און שניאַקען פון די פלעשער, בעטן זיך אַז מען זאָל זיי אויפהייבן, מען ענטפערט זיי:

— ליג, עס איז דיר וואַרעם.

און דאָ און דאָרט שלעפּן זיך קייטן פון געשלאָסענע מענטשן מיט די הענט אויף די אַקסלען און זינגען קאַזאַרמע לידער:

קטאַ פאַבעדיט יאַפּאַניו?

— פאַביעדו דאַסט נאַם קטאָ?

סערגעי איוואַן אי קיריל.

אי פּיאָטר, אי מיכאַיל,

אַ וואַי, אַ וואַי, אַ וואַי,

אי צאַר באַטיושקאַ מאַי.

אַזוי רייסן זיך די געזאַנגען איבער די שנייען און פון ערגעץ ווייט שיט מען נאָך די זינגערס שניי קוילן מיט קללות צו זיי. די זינגער פּרו־בירן אויפשטעלן די קעלנער פון די פוטערס, עס העלפט זיי אָבער נישט.

און אויך דאָ ביי אונדז האָט זיך עס אָנגעהויבן. די אָפיצירן, געפּוצ־טע ווילע יונגען אין זייערע נייע אוניפאָרמען, האַלטן די האַנט־האַר־מאָניעס צוערשט ביי די אויערן פון די באַרישניעס און זיי מיט סענטי־מענטאַלער זיסקייט אַריינגעשפּילט, וואָס זיי געפעלט, צו מאַכן זיי חשק צו טאַנצן. מיט די באַרישניעס דאַרף מען לאַנג נישט אַרבעטן, זיי זינגען באַלד צו צו דעם וואָס יענער שפּילט, הייסן זיי איבערגעבן די האַנט־האַרמאָניע עמעצן און לייגן אַרויף די שיינע הענט אויף די אַקסלען מיט

די גאָלדענע שליפעס פון די פּאַרטנערן, און באַלד ווערן זיי געטראָגן אין דער הויך, פליענדיקע מיטן געריוש פון די זיידענע קליידער, צוויבערן די מענער, וואָס טראָגן זיי מיט רוסישן ברען.

שטיי איך פון וויטן און קוק זיך איין אין דער סביבה פון יוגנטלע־כע גליקלעכע פּנימער און אויך אין מיר וועקט זיך אַ שפּרינגענדיקע לוס־טיקייט. עס שיינט מיר, אַז איך דריי זיך מיט מיט די הייזער און מענ־טשן וויאַטקאַס, ווי זיי וואָלטן אַלע מיינע זיין אויף אַזוי ווייט, אַז אָפּט־מאָל טראַכט איך מיר, אַז יאַפּאַניע מיט אירע מלחמות איז ערגעץ אויף אַ צווייטער זייט וועלט. איך האָב פאַרגעסן אין דעם. הכלל, דער טאַנץ האָט מיך באַרוישט אַזוי, אַז איך האָב אפילו פאַרגעסן אין דער מחשבה וואָס האָט מיר לעצטנס אַזוי פיל האָפענונגען געגעבן דורכן סטאַרשי וורעטש צו קומען אין שפּיטאָל, און פון דאָרט באַקומען מיין גאולה, אהיים. איך האָב אָבער דאָס מאָל קאָנצענטרירט מיין בליק אויפן סטאַר־שי וורעטשס פרוי, וואָס האָט סוף כל סוף אַזוי פיל דערפאָלג געהאַט. פון אירע גליקלעכע, וואָס האָבן זי אַזוי פיין און איידל אַרומגענומען ביי דער שמאָלער טאַליע, האָט זי זיך דאָך אַלע מאָל מער אומגעקוקט צו מיר מיט אירע עלעקטריזירנדיקע בליקן. איך האָב נאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט איר בליק. נייגעריקייט? סימפּאַטיע? אָדער אפשר נעבעך דערפאַר וואָס זי האָט געזען אַ יידישן בחור, די איינציקע נשמה דאָ, מיט וועלכער זי האָט זיך געקאָנט צוזאַמענרעדן היימישער? אַלנפאַלס זי האָט מיך פאַרפאָלגט מיט אירע אויגן, ווו איך בין געזעסן און געשטאַ־נען. זי האָט זיך נאָר זשענירט צו זיצן און שמועסן מיט אַ פּראָסטן סאָל־דאַטשיק, אַ נאַוואָבראַניעץ. אָבער איך בין געווען שטאָלץ מיט איר פאַר־אינטערעסירן זיך מיט מיר, כאָטש איך האָב געוווסט, אַז אַלע יונגע פרויען וואָס אינטערעסירן זיך מיט מיר, קומען סוף־כל־סוף צו איין אויס־פיר, אָנשטופּן די קעשענעס מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור דעם סאָלדאַ־טשיק.

דער אָוונט האָט נאָך אַזוי געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַלע האָבן געטאַנצט. דערפאַר האָט געזאָרגט נאַסטאַסיא. איך האָב באַמערקט, ווי זי האָט זיך אין דער שטיל דורכגערעדט מיטן פּאָפּס טעכטער און

באַלד זענען די טעכטער צוגעקומען מיך אַנגאַזשירן צום טאַנץ. בין איך רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן, ווי קום איך צו זיי? אָבער איך האָב זיך געהאַלטן קאַוואַלעריש, איך האָב מיט זיי געטאַנצט, מיט דער ערשטער ווי מיט דער צווייטער. ז'ערנאָך ווען איך האָב אָפּגעטאַנצט, האָב איך באַמערקט ווי נאַסטאַסיאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו מיר און צו זיי, אַ צייכן פון צופרידנקייט, פאַרוואָס מיר האָבן געטאַנצט. זי האָט געלויכטן. דאַן האָט זיך דער עולם גענומען צוזעצן אַרום די טישן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן טאָסטן. עס איז געזעסן דער פּאָלקאָווניק, אַ מאַן מיט אַ רויטער באָרד. ער האָט אויסגעזען ווי אַלעקסאַנדער דער דריטער, און עס איז געזעסן דער פּאָדפּאָלקאָווניק, אַ פּאַרשוין מיט אַ בויך, מיט אַ שווערד, ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּעסל. יונגע אָפיצירן און באַרישניעס האָבן פאַרנומען דעם טיש, צווישן זיי האָט מען געזען די קראַנקן־שוועסטערס מיט אַנגאַ בראש. און עס פאַרשטייט זיך, דאָ איז אויך געזעסן נאַסטאַסיאַ מיטן מאַן.

עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען טאָסטן. מען האָט געטרונקען לכבוד דעם געזונט פון צאַר און לכבוד די גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס פון דער אַרמיי, און מען האָט געטרונקען לכבוד מיר און מיין מאַלעריי, און מען האָט גענומען שרייען הורא לכבוד דעם זיג אויפן ווייטן מזרח און לכבוד קוראָפּאַטקינען און סטעסלען, ווי פּלוצלינג מיטאַמאָל איז אויפגעשטאַנען איינער אַ פאַרשיכורטער אָפיציר, האָט אויפגעהויבן דעם בעכער און אָנגעהויבן:

— אַצינד פרעג איך אייך, פּאָלקאָווניק, וואָס דאַרפן מיר די בלוטיקע קריג מיט יאַפּאַן? איך פרעג נאָך וואָס און פאַרוואָס לייגן מיר די קעפּ?

ער האָט אָנגעהויבן שרייען:

— בראַטצי! ברידער, וואָס גייען אונדז אָן די אַלע מלחמות? וואָס גיבן זיי אונדז? איר ווילט שינדן די הויט פון יאַפּאַנטשיקעס? טוט עס, אָבער אָן אונדז, וואָס האָבן מיר דערמיט צו טון?

איך האָב געזען ווי דער פּאָלקאָווניק מיטן פּאָדפּאָלקאָווניק שטייען

אויף פון די ערטער, ווערן רויט און אויפגעברויזט, ווי זיי וואָלטן טראַכטן ווי אַזוי צו רעאַגירן דערויף.

נאָר יענער רעדט העכער:

— נידער מיט די העצער פאַר אַ מלחמה. נידער מיט די גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס וואָס גייען קעגן אָרימען פאָלק.

עס איז געוואָרן מיטאַמאָל אַ טומל. איך האָב געזען ווי מאַנכע אָפיצירן ציען אַוועק דעם שכור צו זיך, אים אָפּצוהאַלטן פון רעדן. איבערהויפּט האָט געאַרבעט דער סטאַרשי וואַכמ. ער האָט פּרובירט איינגעמען דעם שכור. ער האָט פּרובירט זאָגן דעם פּאָלקאָווניק, אַז ער זאָל נישט אין אַכט נעמען, וואָס דער שכור רעדט, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער פּאָלקאָווניק האָט גענומען אָפּרייסן פון אָפיציר די שליפעס, אויסגעפּאַטשט אים און אויסגערופן הויך:

— איך ווייס, אַז איך האָב אין מיין פאָלק בונטאָווטשיקעס. איך ווייס, אַז מען דאַרף זיי אויסראָטן, און איך וועל זיי אויסראָטן.

עס איז געווען שרעקלעך צו זען, וואָס עס איז געוואָרן פון דעם גאַנצן לוסטיקן פּובליקום. בלויז אין אַ פּאָר מינוט האָבן זיך גענומען איבערדרייען גלעזער מיט די קעפּ אַראָפּ און פלעשער זענען זיך צעפלויגן צוזאַמען מיט די טעלערס אויף אַלע פיר זייטן פון די שטובן. עס זענען אויפגעשטאַנען אָפיצירן קעגן אָפיצירן און אָפיצירן קעגן פּאָלקאָווניק און פּאָדפּאָלקאָווניק. איך האָב זיך געפילט ווי אין אַ גאַנצן פאָלק פון צעבונטעוועטן מיליטער. דער סטאַרשי וואַכמ און זיין נאַסטאַסיא האָבן געאַרבעט דערויף צו באַרואיקן די אָפיצירן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. דער פּיאַניצע, וואָס איז באַפאַלן דעם פּאָלקאָווניק, האָט נישט אויפגעהערט פאַרצווזעצן די דרשה זיינע:

— יאָ, יאָ, יאַפּאַנער האָט זיך אייך פאַרגלוסט. אָפּשניידן די נעז, אויסרייסן די האָר, אויסשטעכן די אויגן, און וואָס מיינט איר וועלן זיי פון אונדז מאַכן? זיי וועלן אונדז אָפּקאָכן אין די קעסלען אויף אַ הייסער זופּ, זיי וועלן פון אונדז מאַכן אַש און ערד, און איר גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס וועט זיך זיצן אין די האָטעלן און רעסטאָראַנען און לעבן אייער גוטן טאָג!

אזוי האָט גערעדט דער פּיאָניצע און אַנדערע האָבן אים אונטער-געהאָלפן.

נאָר דער סטאַרשי וואַטש איז געווען בלאַס און אויפגערעגט. דער עיקר אנאסטאסיא נעבעך. דאָס אַמאָליקע יידישע מיידל האָט זיכער דערפילט וואָס עס דערוואַרט זי.

וואָס האָב איך פאַרלאַנגט?

איך האָב געהאַט איין וווּנטש. באמת פּטור צו ווערן פון פאָלק. די סיבות פאַרשטייט זיך זענען געווען די געשעענישן אין פאָלק. מען האָט אָנגעהויבן שטרענגער צו האַלטן די זעלנער אין קאַזאַרמע. די זעלנער, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט אויף פרייע אַרבעטן, האָט מען צוריק־געצויגן אין פאָלק און מען האָט פון פרי ביז נאַכט געגישטערט אין די קעסטלעך, אין די בעטן, אין די שטיוול, אין די העמדער אפילו פון די זעלנער.

אַלע פּאָר טעג איז געקומען אַן אַנדער אָפיציר האַלטן אַ רעדע צו די זעלנער ווי מען דאַרף דינען דעם צאַר, און ווי מען דאַרף פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, און אַז יאַפּאַנטשיקעס דאַרף מען שניידן ווי קרויט.

די זוואַדנערס ווידער האָבן זיך באַנוצט אין דרויסן מיט די פינף יאַפּאַנטשיקעס, וואָס איך האָב אויסגעמאָלט אויף לייוונט, אויף זיי האָבן זיך „נאַוואָבראַנצעס" געלערנט שיסן, און מען האָט זיי אַזוי שוין צע־שאָסן, אַז עס איז זיי שוין נישט געווען צו דערקענען. איז די סיטואַציע אַרום אונדז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. צוגן מיט זעלנער שלעפּן זיך טאָג מיט נאַכט אויפן וועג קיין וולאַדיוואָסטאָק ווי בהמות, זיי קוויי־טשען און שרייען מיט אַ ווילדן הורא פאַרן קיסר, פאַר קוראָפּאַטקינען און פאַרן קאָמאַנדאַנט פון פאָרט־אַרטור סטעסלען, און צוגן מיט פאַר־וווּנדעטע גייען אויף צוריק, פּנימער בלאַסע, פאַרבונדענע און קראַנקן־שוועסטער פון רויטן קרייץ, און פון דאָ און דאָרט הערט מען געוואַלדן און געשרייען. אמת, פון איין זייט לויב אויסרופן דעם צאַר, אָבער צווישן די הורא געשרייען הערט מען „דאַלוי סאַמאָדערזשאַוויע", און נידער מיט סטעסלען און קוראָפּאַטקינען. עס איז אַ פאַקט, אַז די לאַגע אין וויאַטקאַ

איז געוואָרן שווער נישט אויסצוהאַלטן. איינמאָל האָט מען קיין וויאַטקאַ געבראַכט אַ צוג מיט זעלנער אונטער אַ שטרענגן קאָנוואָי. מען האָט גע־שמועסט, אַז די האָבן געוואָלט איבערגעבן פּאָרט־אַרטור, האָט מען זיי געפירט אין דער סאַמאַרער גרויסער אַרמיי.

אַ צווייט מאָל האָט מען געבראַכט געשלאָסענע מיט קייטן אָפיצירן אַזעלכע, און עס איז קיין צווייפל נישט, אַז די געשעענישן אין וויאַטקער אָפיצירן קלוב האָט פאַרערגערט דאָס לעבן פון די זעלנער. זעלנער וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויסגיין פון איין קאַזאַרמע צו דער צווייטער, זענען רעווידירט געוואָרן און צו „דיעוווקעס" בײַנאַכט האָט מען צו צען פּופּצן מאַן געפירט אונטערן אויפזיכט פון זוואַדנעם.

אָפטמאָל האָט מען געזען מענטשן אַראָפּשפּרינגען פון די צוגן, צו צעבראָכן הענט און פיס, אַבי נישט פאַרצוזעצן דעם וועג צום ווײַטן מזרח.

און איך בין געווען אַ צושויער פון אַ סצענע, ווי איינער אַ ייִדישער זעלנער, ווען מען האָט אים געכאַפּט אַראָפּגייענדיק פון צוג, האָט אויפ־געהויבן די הענט מיט געבעט אים צו שיסן, ווײַל גיין פון דאַנען וועט ער נישט.

וואָסזשע האָב איך צו טון? פאַרשטייט זיך איין וועג. זיך צו לייגן אין שפּיטאָל אַרײַן. אין דער ריכטונג האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אָבער גראָד מײַן בעסטער פרײַנט, דער סטאַרשי וואַראַטש, איז געווען קעגן דעם. ער האָט געזאָגט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי איך בין דאַרף מען גראָד אין דער צײַט, און אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען:

איינמאָל האָב איך מיך אַרויסגעריסן פון קאַזאַרמע מיט אַ תּירוץ, אַז איך האָב בײַם סטאַרשי וואַראַטש איבערגעלאָזט עפּעס, איך האָב אים באַגעגנט אין זײַן קאַבינעט טרויעריקלעך, איך האָב סאַלוטירט מיט דער האַנט צום דאַשעק מיט אַ געוויסער אויפרעגונג ווי קיינמאָל נישט:

— וואַשאַ וויסאָקאַ בלאַגאָראָדיע, — זאָג איך, — דערלויבט מיר צו אײַך עפּעס צו רעדן. איך בין געקומען אײַך עפּעס בעטן, פון אײַך עפּעס פאַרלאַנגען.

— וואָס סאָלדאַטשיק? פרעגט ער נײַגעריק.

— מיך צו לייגן אין א שפיטאל.

—אין שפיטאל? ווי קומט עס צו דיר? זאגט ער מיט א געוויסער שטוינונג.

— איך בין קראנק.

— אך, דו ביסט דאך נישט קראנק. ענטפערט ער אפ מיט א טאן פון בארואיקן מיך.

— איך בין יא קראנק. איך פיל מיך קראנק.

דער סטארשי ווראטש האט א מאך געטון מיט דער האנט אין מאמענט, ווען ער האט נאר צוגעלייגט דאס אויער צו מיין ברוסט און די האנט צו מיין פולס.

יערונדא, נארישקייט, זאגט ער, אזעלכע בחורים ווי דו לאזן מיר נישט אהיים. איך האב אים געגומען קוקן אין די אויגן אריין. עס איז געווען א געבעט מיט די אויגן. דערנאך האב איך טאקע גענומען בעטן מיט ווערטער:

— וואשא וויסאקא בלאגאראדיע, בעט איך אים. לייגט מיך אין שפיטאל, צי איך בין יא קראנק צי נישט. ווייל איך בין איינער ביי מיין פאטער. איינער זאג איך. קיינער קען מיך נישט פארטרעטן, איינער בין איך, נאר איינער.

— נו, און אז מיר וועלן דיך נישט שיקן אויפן פראנט? און אז מיר וועלן דיך דא באשעפטיקן מיט דיין פאך נאר?

— כ'וויים זאג איך, וואשע וויסאקא בלאגאראדיע, אז איר וועט מיך באשעפטיקן מיט מיין פאך, נאר איך וויל אהיים, אהיים צו מיינע עלטערן.

צום גליק איז אויך אונטערגעקומען נאסטאסיענקא. טראץ דעם וואס אין אירע אויגן איז געלעגן איצט מער טרויער ווי ווען ס'איז (פון אייגענע צרות זיכער), האב איך זיך דערלויבט צו רעדן אויך צו איר:

— איך בין געקומען בעטן, — זאג איך, — ביים וויסאקא בלאגאראדיע, אז ער זאל מיך לייגן אין שפיטאל. איך בעט אייך עס טון, העלפט מיך דאס פארווירקלעכן, איך בין קראנק.

נאסטאסיא איז געווען איבעררעשט פון די ווערטער, אז איך בין

קראַנק. זי האָט נאָר געפרעגט דעם מאַן, אויב עס איז אמת, אַז איך בין קראַנק, און אַז דער דאָקטאָר האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— אַ קראַנקייט אַרויסצוגיין פון פאָלק — האָט אַנאַסטאַסיאַ באַמערקט:

— גייט געזונט, סאָלדאַטשיק. מיר וועלן טראַכטן דעריבער.

און אויף צומאָרגנס האָב איך זיך געפונען אין שפּיטאָל. אָבער עס איז שוין נישט געווען די שטימונג וואָס עס האָט געהערשט פריער. וווּ איז די הויפּט-שוועסטער אַננאַ? וווּ זענען די גוטע דאָקטוירים? אַלע זענען איבערגעטוישט געוואָרן, און מען האָט געשמועסט אין שפּיטאָל, אַז איבערן סקאַנדאַל, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן פאָלקאָווניק און די אָפיצירן פון יענער נאַכט, וועט אויך דער סטאַרשי וראַטש גיין אין דימיסיע. עס האָט זיך אָבער נישט באַשטעטיקט. אַנדערע זאַכן זענען דאַן געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. קודם כל די מאַסן מענטשן וואָס זענען צוגעקומען אין שפּיטאָל. באַדינט האָבן זיי קראַנקן-שוועסטער רשע׳טעס. און די דאָקטוירים אַנטיסעמיטן. עס איז געווען גענוג, אַז עמעצער זאָל נעמען פייפן מיט אַן אויער אָדער זאָגן, אַז עס טוט אים עפּעס וויי, אַז זיי זאָלן נעמען שרייען:

— דו ווילסט נישט דינען דעם קיסר, וועט מען דיך איינזעצן, אָדער אַראָפּנעמען דעם קאָפּ.

הכלל מציל געווען פון דער לאַגע האָט מיך נישט דער סטאַרשי וראַטש מיט זיין שיינער אַנאַסטאַסיען. ווען זיי האָב איך געהערט, אַז זיי זענען פּלוצלינג ביינאַכט אָפּגעפירט געוואָרן מיט אַ גרופּע הויכע אָפיצירן פון פאָלק קיין פעטערבורג. עס איז מיר געוואָרן זייער באַנג נאָך די צוויי טייערע מענטשן, נאָר וואָס איז געווען צו טון? איך האָב געמוזט טראַכטן ווייטער ווי אַזוי פטור צו ווערן פון פאָלק. קיין האָפענונגען דערויף האָב איך נישט געהאַט; עס האָבן באַדאַרפט געשען נסים. און אָט איז געקומען דער נס.

עס איז געשטאַנען אַ שטילע פּראַקטיקע נאַכט, איינע פון יענע, ווען די לופט איז אַזוי פּראַסטיק, אַז עס איז שווער צו אָטעמען. איך בין געלעגן און געקוקט אויף די דיקע פאַרפרוירענע שויבן, דורך וועלכע עס איז

גאָרנישט געווען צו זען, מער ווי דאָס ווייסע אייז פון די שויבן און איך האָב געטראַכט מיט שווערע געדאַנקען ווי אין אַ טורמע, פון וועלכער עס איז שווער זיך אַרויסצורייסן: ווען וועל איך אַמאָל אַרויס פון דאַנען? פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס, אַז די ערד האָט אַ שפּרונג געטאָן און שויבן האָבן גענומען פליען; אַ בהלה האָט אַרומגעכאַפּט די שוין שלאָפנדיקע אין דער איינגעהילטער פון ווארעמקייט שטאָט. מענטשן זענען אַרויס אין די העמדער מיט די ווייבע וואָליקעס אויף די פיס, מיט פּעלצן אויף זיך אָדער אָן דעם — גאָל און נאַקעט. עס האָט אויסגעזען ווי אין אַ ווייסן מדבר, פון וועלכן עס אַנטפּלעקן זיך מיטאַמאָל חיות.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף אַ צוג, וואָס איז אָנגעקומען מיט נאַפט־וואַגאָנען, האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע. דער נאַפט האָט זיך אָנגעצונדן און רויטע פלאַמען האָבן באַגאָסן די ווייסע אומגעגנט אויף שטחים ווייטע. עטלעכע טעג און עטלעכע נעכט איז אָנגעגאַנגען די בהלה. די פייערן האָבן געפלאַקערט און די קאַצאַפּישע מענער מיט די ווייבער און קינדער האָבן זיך מיט אַ „האָספּאָדי פּאָמילוי" (גאָט, האָב רחמנות אויף אונדז) געדרייט אין רויט־ווייסן ווירוואַר; מען האָט געזוכט גלעזער — די זענען געווען אין פּענזאַ, גלאָז האָט מען געזוכט — דאָס האָט זיך געפונען אין סאַראַטאָוו; זענען אַלע געוווירן געוואָרן, אַז איך האָב אַ דימענט און דער צווייטער פּאַך מיינער איז טאַקע גלעזעריי.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אַרום מיר, איז שווער צו באַשרייבן. מען האָט געוואָלט געבן וואָס נאָר איך פאַרלאַנג: ווילט איך פּערציקער־בראָנפן טרינקען? וויל איך גענדז געבראָטענע? און קיין געלט האָט נישט געפעלט. דאָס איז אָבער נישט אַלץ. איך בין געשטאַנען פאַר אַ גרעסער גליק: מען האָט מיך בלויז מיט אַ צוויי טעג שפּעטער געוואָלט אָפּשיקן קיין וולאַדיוואָסטאָק — איז דאָס מיטאַמאָל אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג. וויאַטקע מוז האָבן גלעזערס, דאַרפן זיי מיך ווי אַן אויג אין קאָפּ. טראַכט איך דערביי וועגן אונדזער ניי־אָנגעקומענעם דאָקטאָר סובאָראָוו, אַז, מסתמא, זענען ביי אים אויך די שויבן אַרויסגעפלויגן, וועל איך היינט־מאָרגן זיין דער גלעזער פון זיין הויז; וועט מיר ממילא געגעבן ווערן די

מעגלעכקייט אַ טאַפּ צו טון דעם דופק זיינעם, וואָס קען איך מאַכן מיט אים מיך צו באַפרייען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט דער דאָקטאָר מיט אַן ערנסטן טאָן, ווי ער וואָלט זיין שטאַרק פאַראינטערע־סירט מיט מיר, געפרעגט אויף מיין געזונט.

איך האָב פון איבערגעגונג אַנגעוויזן אויף אַן אָרט ווייט פון האַרץ, האָט דער דאָקטאָר בכלל מיך גענומען רעווידירן פון אַלע זייטן. אָפּגעלאָזט דאָס האַרץ, זיך ווידער גענומען דערצו, געטאַפּט, געקלאַפּט, געהערט און נישט דערהערט, ביז ער האָט אַרויסגעזאָגט ווערטער, וועלכע מען האָט זיי אָפּט געהערט אין קאַזאַרמע:

— דער גוטער יאָר אויף אייך, יעוורייטשיקעס. איר אַלע זענט שטענדיק קראַנק אויפן האַרץ; נו, גוט. איך נעם עס אָן. וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר — פרעגט ער מיט זיין גוטן שמייכלענדיקן פּנים — זאָל איך דיך לייגן אין שפּיטאָל?

— דאָס, וואָס איך וויל פון אייך, וואָשע בלאַגאָראָדיע — ענטפער איך, ווי איך וואָלט נישט געהערט וואָס ער רעדט וועגן די קראַנקע הער־צער פון די יעווריטשיקעס — איז נאָר איינס: זיך מיר לאָזן אָפּרוען.

— דאָס וואָס איך זאָג — ענטפערט דער דאָקטאָר — דיך לייגן אין שפּיטאָל אריין.

— נישט דאָס, — קוק איך מיך אום אויב קיינער הערט נישט.

— דאָס וואָס איך וויל — זאָג איך — איז אַהיים, נאָר אַהיים.

דער דאָקטאָר האָט קיין סך נישט געקלערט און האָט באַלד מסכים געווען.

— לאַדנאַ — האָט ער געזאָגט — זייער שיין. איך טו עס דיר מיטן באַדינג נאָר, אַז דו זאָלסט מיר אויספּאַרטיקן די אַרבעטן. איך וועל דיר נאָך געבן אויף ביר.

און מיר האָבן אויף אַ פּשוטן אופן אָפּגעמאַכט דאָס געשעפט. פאַר אַ צאָל, בערך, פון דרייצן פאַר פענצטער און אַזוי פיל טירן, שטעלט ער מיך אויף אַ קאָמיסיע אין פערם.

קען זיך קיינער נישט פאָרשטעלן דאָס גליק, וואָס עס האָט מיך

ארומגעכאַפּט און דער טרויער און אייפערזוכט, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די רעקרוטן, וואָס זענען געקומען מיט מיר דינען.

דאַן האָט די גאַנצע זאַך אָנגעהויבן גיין זייער שנעל. מיט אַכט טעג שפּעטער, האָט מיך דער דאָקטאָר באַפוילן שטעלן אויף אַ קאָמיסיע אין פּערם. מיין אַרבעט איז שוין דאַן אינגאַנצן פאַרטיק געווען, האָט ער מיך, פאַרשטייט זיך, געקאָנט לאָזן פריי. ווען איך בין אריין אין קאַזאַר־מע איינפּאַקן מיינע זאַכן, האָב איך קיין וואָרט נישט געזאָגט דערפון. די רעקרוטן זענען מיך באַפאַלן ווי היישעריקן, זיי האָבן אָבער גאָרנישט ארויסגעקריגן פון מיר. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס פּאַק איך די זאַכן, האָב איך געענטפערט, אַז מען האָט מיך איבערגעשיקט אויף אַן אַנדער אָרט.

אַזוי האָב איך זיך מיט עטלעכע שעה שפּעטער, אריינגעזעצט אין צוג, וואָס גייט אָפּ פון וויאַטקע קיין מאָסקווע, און אַוועק פון דער סכנה, וואָס האָט מיר געדראָט — געשיקט צו ווערן קיין װלאַדיוואָסטאָק. געפלויגן בין איך איצט אַוועק, נאָכקוקנדיק אויב מען יאָגט מיר נישט נאָך.

צוריק אין דער אַלטער היים

בין איך ווידער אין הויף פון שמחה גלעזער. קיין גרויסע געשעע־נישן זענען דאָ נישט פאָרגעקומען. דאָך האָט זיך דאָ עפּעס געענדערט צום ערגערן. די סיבה איז דער מאַנגל אין גלאָז, וואָס עס האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט ביי שמחהן ביז היינט, ווען דער הוטע־אויוון ברענט נישט מער פאַר שמחהן. דאָרט, אין דער אַלטער הוטע, האָבן זיך די זאַפּאַסן גלאָז גענומען אויסשעפּן. אַרבעט איז דאָ אַ סך און שויבן הערן נישט אויף צו פליען פון די פענצטער. פאַר דער צייט, וואָס איך בין נישט גע־ווען, זענען פאָרגעקומען אַ היבש ביסל איבערפאַלן אויף צאַרישע מענ־טשן און הייזער זייערע. אויף דער פּאָליציי און דעם פּאָליציי־שעף. מען האָט ממש געריסן גלעזערס, נאָר אַלע זענען אוועק צו קאָזשעניצקין, דעם מלכותדיקן ייד מיטן בורשטינענעם סיגאַרן־שפּיץ. און ישראלטשע ראָט־באָרד, דער איידעם זיינער, זינגט און גאָרנישט קענסטו געוווירער ווערן פון אים:

— ישראלטשע, וויפל גלאָז האָט גענומען שלמה־גוי פאַרן דזשעקאַן קאַפּוסטאַ?...

— באַם...

— וויפל געביידעס צו גלעזן האָט אונטערגענומען מענדעלע פאַרן שטאָטישן מאַגיסטראַט?...

— באַם, בים...

— און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער גובערניע?...

דאָ נעמט ישראלטשע באַמקעווען, אַז קוים מען קען אים דערהערן,

ווייל אין דער אמתן איז שוין די גובערניע געלעגן אין דער האַנט ביי קאַזשעניצקין, ווי עס איז געלעגן ביי אים אין האַנט דאָס גאַנצע פּעקל גלעזערס, וואָס זענען אָפּגעטרעטן פון שמחהן. ער איז געוואָרן אויס מלך פון גלאָז. איך האָב אים געטראָפן אין אַ זייער געפּרעסטער שטימונג. ווו זענען אהינגעקומען שמחהס רויטע באַקן? די קופּערנע נאָז? דער ברייטער שטערן, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַזויפיל אויסדרוק פון שטאַרקן ווילן און ריזיקער ענערגיע?

ער איז געזעסן אויף דער אַלטער לעדערנער שטול מיט די צעפּאָרענע ספּרוזשינעס און געמאַכט מיט קרייד אויפן טיש זיינע לעצטע באַלאַנסן. זיי זענען געווען זייער טרויעריקע. ער האָט פאַרלאָרן מער ווי דריי פערטל פון זיינע קונדשאַפטן און אינגאַנצן האָט ער פאַרלוירן די גלעזערס, וועלכע ער פלעגט האַלטן אויף יאָר־אַרבעט.

איך בין צוגעקומען צו שמחהן זיך דערפרייען מיט אים. ער איז געווען, ווי קיינמאָל נישט, קאַלט, און געקוקט אויף מיר מיט געוויסער צוריקגעצויגנקייט:

— שמחה, זיידעשי מיינער, — זאָג איך צו אים — אָט בין איך שוין געקומען פון די זעלנער!

ער ענטפערט פּשוט מיט איראָניע:

— גוט וואָס עס איז צוגעקומען נאָך אַ פרעסער צו דער משפחה...

— ווי גייט עס דיר אין סקלאַד פון גלאָז, זיידע? — פרעג איך.

— פרעג בעסער ווי עס גייט אויף אַ בית־עולם — ענטפערט שמחה אנטוישט.

— די גובערניע?

— אויף יענער וועלט.

— דזשעקאַן קאַפּוסטאַ?

— געשטאָרבן!

— דער מאַגיסטראַט, די פּאָליציי? איך פרעג שמחהן אויף אַלע די הייזער און געביידעס און געסלעך, ווו נאָר ער האָט געהאַט די שליטה — ענטפערט ער מיט ברוטאַלע ענטפערן אָדער מיט קללות אויף יודלען, אויף מיין פאָטער, אויף קאַזשעניצקין. ביז, ביז איך האָב אים דערציילט,

ווי עס האָט מיך מציל געווען זיין דימענט. ער איז נישט געווען אויפ־געלייגט צו פרייען זיך מיט מיין זיג. איך האָב זיך מיט אים אָפּגע־פרייט, געקושט אים אין דער געדיכטער באָרד, דאַן האָט ער זיך עטוואָס צעוואָרעמט, דערלאַנגט, ווי זיין שטייגער, אַ ריס ביים אויערל און אַ קניפּ. אַ קנייפּער איז ער געווען בטבע. און צוגעגעבן די ווערטער:

— אַצינד האָט מיך שוין איצעלע, דיין טאַטע, געמאַכט אויס הוט־ניק און אויס גלעזער; אויס קאַפּעליוש־מאַכער. איינגאַנצן מאַטער איך זיך אויף דער וועלט, שלעפּ איך דעם קאַסטן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער אויספיר זיינער איז געווען, אַז די קינדער פירן אים צום קבר. איך בין פאַרזאָרגט געוואָרן פון די ווערטער.

איך האָב זיך אָפּגעפרייט מיט אַלע ברידער און שוועסטער און דער מוטער באַזונדערס, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן פון איר „נחת" פאַר דער לעצטער צייט, פון מאַן און זון אירן, וואָס ארבעטן נישט, ווייל עס הייבט אָן פעלן גלאָז. און פון פאָטער אירן, וואָס ווען ער איז אָן גלאָז, איז ער ווי אַ פיש אָן וואַסער. גערעדט, אויסגעוויינט זיך, אַזוי איז איר טבע געווען. רעדן, אויסוויינען זיך, און עס איז ווייטער גוט. דערנאָך בין איך צוגעקומען צום פאָטער, וואָס איז געזעסן אָן אויסגעקאַלעכטער ביים אויוון און פון זיינעביידע נאָזלעכער, ווי פון אַ קוימען, האָט גע־שטראָמט רויך. אויך מיין פאָטער איז געווען בייז אויף די קינדער. עס איז אים נישט געפעלן די טאַקטיק זייערע, ווייל לעצטנס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אָפּצוהאַלטן דעם טעראָר, איז ער נישט צופרידן גע־ווען, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַריינלאָזן מיט הענט און פיס אין די אַנאַר־כיסטישע בראָשורן, וואָס ער האָט באַקומען פון עטלעכע יינגלעך, וואָס האָבן זיך אָנגערופן ביי אונדז אַנאַרכיסטן־אינדיווידואַליסטן. איז ער איצט געווען אַזוי אַוועקגעטראָגן אין לייענען די בראָשורן, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט, אַז איך בין צוגעקומען מיט די ווערטער:

— טאַטע, ברוך הבא! דער זעלנער איז דאָ.

מיין פאָטער איז געווען איבערראַשט, ווען ער האָט מיך פלוצלינג דערזען נעבן זיך. ער האָט מיך באַגריסט מיט עטלעכע פאָטערלעכע ווער־טער אירלאָנישלעך: און אַ פרעג געטון:

— וואָס האָסטו געטון, מיין זון, ביי די זעלנער?
איך האָב געענטפערט פּראָסט און פּשוט:
— איך בין געשלאָפן, טאַטע.
— געשלאָפן — ענטפערט מיין פאָטער — ביסטו נישט ביי פּאַניען. דו האָסט נאָך גאָרנישט געטון.
— איך האָב עפּעס יאָ געטון — ענטפער איך מיט א טאָן א צו־להכעיסדיקן.
— וואָס?
— איך האָב זיך געלייגט אין שפּיטאָל.
— כאַ־כאַ־כאַ — ענטפערט מיין פאָטער מיט א ברויזנדיקן געלעכטער, — דערצו ביסטו זייער פעאיק, איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, וואָס האָסטו געטון אין קאַזאַרמע מיט אזויפיל זוואַדנערס?
איך ענטפער:
— דאָס איינציקע וואָס איך האָב געטון, טאַטע, איז געווען זיך אויסצודרייען פון פּאַניען און מציל געווען האָט מיך איין זאַך: דער דימענט פון שמחה־גלעזער.
איך האָב איבערדערציילט מיין פאָטער די אַלע סצענעס, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט מיין מאַלעריי און גלעזעריי ביי פּאַניען, האָט ער מיך ביי מאַנכע סצענעס איראָניזירט, ביי מאַנכע האָט ער געלאַכט, ביי מאַנכע זיך געבייזערט. אָפּגערעדט, האָט ער צוריק אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די אנאַרכיסטישע בראָשורן, לאָזנדיק ווייטער די וואָלקנס רויך פוןביידע נאָזלעכער. איך בין אוועק פון אים א קוק צו טון וואָס הערט זיך מיט פעטער אשרס מעטאַראָלע אונטערנעמונגען.

עס גייט ווייטער אויס צו שויבן

איך שרייב איצט מיט א שמייכל אויף די ליפן וועגן יענע פורלעך, וועלכע מען האט גערופן אין אונדזער שטאט מיטן נאמען: „די פורלעך פון אברהמל גאלדפאדן". איך ווייס נאר נישט, ווער עס האט צוזאמענגעשטעלט אזא מין פורל, מיט אזעלכע בלאנדזשענדע נשמות, וואס האבן געוואלט שפילן יידיש טעאטער, נאר זיי האבן עקזיסטירט.

א לאנגער וואגן געשלעפט פון דריי פיר פערד אויסגעמאטערטע, ס'רוב בלינדע שקאפעס מיט זעקס אדער אכט האלבע רייפן ווי גרויסע פייל-בויגן, וואס שטייען אויף דעם וואגן, זענען באדעקט מיט א לאנגער ברייטער פלאנדעקע פאר רעגן.

אין וואגן געפינען זיך כל מיני זאכן אויפצושטעלן א פראוויזארישע בודע, ברעטער, קלעצער און בלעך פאר א דאך, און עס זענען דא דארט כלים צום עסן און טרינקען און בענק צום זיצן און טישן. דאס אלץ ליגט צעווארפן צוזאמען מיט מאדזשגארן, מיט הילצערנע און בלעכענע שווערדן, מיט לייבלעך און פוטערלעך צו טראגן זיי, סיי ביי מענער, סיי ביי פרויען ראלן. פאראן אויך דא היטלען, הויכע קאשקעטן מיליטערישע, שטיוול, לאטשן פון טאוול אדער פאפיר. דאס איז דער רעקוויזיט פאר „אחשורושן", פאר „אסתר המלכהן", פאר „שולמית", פאר „דער מכשפה".

אז מען קוקט אריין אין אזא פור, זעט מען ביז א מנין און מער מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, א דירעקטאר, א פרימאדאנע, ערשטע, צווייטע און דריטע ראל שפילער, און דאס דארף עסן. איז פארשטענדלעך אז אזא פור, ווען זי האט שוין ארומגעוואנדערט א סך צייט,

פון אומעטום אַנטלאָפן נישט האָבנדיק מיט וואָס צו באַצאָלן, פּאַלט זי אַריין צו אונדז.

בכלל איז אונדזער שטאָט געווען פון די שטעט, וואָס האָט זיך אינ־טערעסירט מיט יידיש טעאַטער, ווען עס איז נאָך געווען אין די קינ־דער־וויקעלעך. וואַרשיינלעך איז עס געלעגן אין כאַראַקטער פון די מענטשן גופא ליב צו האָבן שוישפּילער, קונסט ווי אויך ליב צו האָבן דאָס אַרכיטעקטאָנישע. שעדלעץ איז פון די שטעט אין פּוילן, וואָס זענען סימעטריש געבויט, פאַראַנען אַ הויכער שיין געבויטער קלויסטער מיט גערטלעך פאַר די הייזער פון דזשעקאָן, פאַראַנען להבדיל אַ שול, מיט אַ בית המדרש פאַר די צען אייביקע לומדי תורה. און צווישן די ביידע שטייט דאָרט אין דער הויך דער שטאָטישער יאַצעק מיטן כדור אַרץ אויף די פּלייצעס צו באַווייזן, אַז שעדלעץ איז די וועלט.

פאַראַנען אייניקע פּונקטן וואָס באַווייזן, וואָס די שטאָט איז אַד־מיניסטראַטיוו פּאָליטיש. פאַראַנען אַ גרויסער קרימינאַל מיט אַ סך לע־כער פאַר טויבן־נעסטן, און דאָרט זיצן אַ סך קאַטאַרזשניקעס פון יאָרן לאַנג. פאַראַנען די פּאָליציי מיט איר פּאָליציימייסטער און פאַראַנען דאָרטן דער קאָנסקי רינעק, ווו די רוסישע סטראַזשניקעס נעמען זייערע כאַבאַרן פאַר גענגנבעטע פערד. דאָס פּרעכטיקע אין דער שטאָט איז דער גרויסער סאָד ביי דער גובערניע. דאָרט פלעגן תמיד שפּאַצירן די פּילאָ־סאָפן פון דער שטאָט און די פאַרחלומטע מענטשן. פאַראַנען אָבער איין פלעך אין שטאָט וואָס פאַרנעמט דעם צענטער, דאָס איז דאָס קליינע סעדל, אָדער ווי מען האָט עס גערופן דאָס סעדל פון די פּראָצענטניקעס, ווייל דאָרט־אַהין קומען זיך צונויפן די גוטע איידעמס וואָס עסן קעסט און האַנדלען צו אַביסל מיט פּראָצענט. ניין אַזייגער בערך, ווען דער שווער איז שוין לאַנג אַוועק ערגעץ צו זיין אַרבעט, זעט מען דעם איידעם אָנבייסן, אָפּפּוצן די שיך, נעמען דאָס שטעקעלע און אַרויס אויפן שפּאַ־ציר.

באַגעגענען זיך דאָ איידעמס אויף קעסט. איידעמס אויף קעסט דרייען מיט די שטעקעלעך מעשה פּאַצעט און ווילער יונגערמאַן, דער־ציילן זיך איבער די געשעפטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין פאַרלויף פון

מעת לעת, מיט אַזעלכע און אַזעלכע קליענטן, אַלץ בעלי יחוס, פּריצים און פּריצטעס און הראַביעס און גראַפן. עס איז נאָר אַ פּראַגע מיט וויפל איינער איז אַריין מיט זיין קליענט. אַמאָל האָט אַזאַ „פּראַצעגטניק" אָפּ־געגנומען דאָס קרן און אַמאָל איז ער אַריין מיטן קאָפּ, מיט די הענט און מיט די פיס, און ווי מיר שיינט, האָבן אַלע אָט די יונגעלייטלעך געמוזט נעמען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל גדן צו דעקן די פאַרלוסטן. אַזעלכע בילדער שטייען מיר פאַר די אויגן פון אייגענעם פעטער, וואָס האָט געהאַט אַ טוץ הראַביעס, פּריצים און פּריצטעס, נאָר סוף־כל־סוף איז ער אַרויס פון זיי קוים מיטן לעבן.

דאָ איז אַ פּריץ געשטאָרבן, און דאָרט איז דער משכון נישט געווען קיין משכון, נאָר עפּעס אַן אָפּנאַרעריי מיט אַ פוטער וואָס איז קיין פוטער נישט, דער בריליאַנט קיין בריליאַנט נישט, און אַמאָל, געדענק איך, האָט מיין פעטער געבאָרגט געלט אַ טשינאָווניק, אויף וועלכן מיין פעטער האָט געזאָגט, אַז דער איז גאָלד און זילבער קוראַנט, נאָר ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער טשינאָווניק אַנטלאָפן אין זעלבן טאָג. נאָר וואָס, מיין פעטער אשר האָט גרויס מזל געהאַט ביי זיין שווער, ער האָט אים אַלץ צוריקגעצאָלט. איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די וואַנדערנדע טרופּעס, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די שטעטלעך, זענען זיך געקומען אַנווארעמען אַהער, זיי האָבן געהאַט אַ מוטערס אַ ברוסט דאָ.

און האָט זיך אַזאַ פור דורכגעקאַליערט די שטיינערנע גאַסן פון דער שטאָט, דורכגעפאָרן דעם קרימינאַל מיט איר פּאָליציי, מיטן קאָנסקי רינעק, מיט דער לאַנגער וואַרשעווער גאַס, וואָס פירט ביז צום קלויסטער, ביז צום סעדל, און מען האָט אַ פרעג געטאָן, ווו וווינט דאָ שמחה גלעזערס איידעם? האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָ אין דער פור זיצן אַקטיאָרן. וואָרום עס איז נישט געווען קיין איין לעבעדיקער מענטש וואָס זאָל וועלן אַ פינגער צולייגן צו העלפן אַקטיאָרן, אויסער אים, מיין ליבן פעטער, וואָס איז ממש קראַנק געווען אויף געבן הלוואות אַקטיאָרן, און זיי נישט אָנצוקוקן מער, ווי מען קוקט נישט אָן די אויערן. און בין איך געקומען פון מיין זעלנערישער שטאָט וויאַטקא מיט אירע „רויטע פייגל", וואָס איז געווען פאַר מיר נישט קיין קליינע דראַמע, איז מיר נאָכגעקומען

אַ לייכטע קאָמעדיע. די קאָמעדיע איז מיר געקומען גלייך אין די אויגן אריין. איך געדענק:

עס איז געווען אַ רעגן-טאָג. די פערד פון אונדזער הויף, וואָס זענען געשטאַנען דריי טאָג אונטערן רעגן, זענען אין שטאַל געוואָרן אויסגע־ווייקט, הינער זענען געלעגן באַהאַלטן אין קורניק און די טויבן זענען גע־ווען באַהאַלטן אין טויבן־שלאַק, האָט זיך געעפנט דער ברייטער האַלצער־נער טויער, און עס איז אַריין דער וואָגן, אַז וואַסער האָט זיך געגאָסן פון אים אַזש. איך האָב געמיינט אַוודאי זענען דאָס טאַטערן מיט מאַל־פּעס, וואָס פאָרן איבער די שטעטלעך, אָבער דאָס זענען געווען אַ מנין מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון בויד, באַלד נעמענדיק זיך צו דער אַרבעט, אַפילו נישט פרעגנדיק, אויב מען מעג אָדער ניין.

איינער וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דירעקטאָר קאַטש־קאַ, האָט באַלד גענומען שלעפּן ברעטער און קלעצער, אויפצושטעלן די בודע פאַרן טעאַטער, אַ צווייטע, אַ מיידעלע ווי אַ פּעסעלע, אויף וועל־כער מען האָט געזאָגט, אַז זי שפּילט די ראָל פון דינהן, האָט זיך גענומען צוזאַמענניייען די שטיקער זעק פאַר אַ פאָרהאַנג, און אַ דין ווי אַ שטע־קעלע אַ מיידעלע מיטן נאָמען מירעלע (קענטיק מיטן נאָמען פון איר ראָל) האָט צוזאַמענגענייט איר קעניגלעך פוטער און האָט זיך געקראַצט.

איך האָב אויך געזען ווי אַ משוגענעם אַרומלויפן אַרום דער פור אַ טויט־בלאַסן בחור, וועלכן מען האָט גערופן ציגנ טאַנג, שלעפּן בלעך צום דעק און נתן הכהן איז געווען דער בלעכער. דאָס גאַנצע בילד האָט דער־מאַנט אין אַ צירק נעבעך, מיט אַ פּערסאָנאַל וואָס האָבן נישט איבערצו־לעבן אַ טאָג.

ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג. דירעקטאָר קאַטשקאַ, אַ בחור מיט לאַפּעס שטעלט זיך פאָר פאַר אשרן, אַז ער הייסט דירעקטאָר קאַטשקאַ, און אַז נאָר אים, אשרן, הייסט עס, האָט ער צוליב געטון, וואָס ער האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט, ער דאַרף נאָר אים געבן די הלוואה.

אשר איז באַלד מסכים צו געבן די הלוואה, ער וויל נאָר ווי זיין שטייגער זען די כוחות פון דער טרופּע, דאָס מיינט די פּרימאַדאָנע. און

קאַטשקאַ ברענגט צו צוויי אַזעלכע, איינע הייסט דינהלע, די צווייטע מירעלע.

עס פאַנגט אָן דינהלע, דאָס איז אַ מיידל ווי אַ פעסל, מיט איין דיק צעפּל, זי זעט אויס ווי אַ בינטשיק.

דינהלעס קול איז אַ קול פון אַ יינגל, זי איז הייזעריק, קרעקט זיך אינדערמיט און אַלעמאָל, ווען זי מאַכט אַ פּויזע פון זינגען, זעט מען ווי זי גייט צו צום קראַווייטש און קראַצט זיך.

אשרן איז זי נישט געפעלן. ער האָט זי געהייסן אוועקשטעלן, און אַז איך האָב אַ קוק געטון אין קיך, האָב איך געזען דעם קונדס, מיין מומע מינדעלע, ווי זי בייגט זיך אין דרייען פון לאַכן.

עס איז געקומען צו מירעלען, אַ מיידעלע אַ בלאַס און אַ דינס, קיין בלוט־טראָפּן נישט אין איר פּנים, נאָר די צוויי דאַרע בלאָנדע צעפּעלעך האָבן איר צוגעגעבן חן. קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן די סצענע. מירעלע איז צוגעקומען, זיך פאַרנייגט פאַר אשרן און געזאָגט:

— מיין נאָמען איז מירעלע.

אשר האָט געענטפערט:

ווילקאָמען.

קאַטשקע איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם אָרימען קינד מיט די אויגן זי צו היטן.

— וואָס וועסטו זינגען, מירעלע? — פרעגט אשר.

— זינג פון שולמית, — קאָמאַנדירט מיט איר קאַטשקע.

זאָל זי בעסער זינגען, טענהט אשר:

— דריי זיך מיין מילכל.

— דאָס זינגט דינה. — ענטפערט קאַטשקאַ.

— איז וואָס וועט זי זינגען?

דאַן האָט מירעלע זיך געמאָלדן:

— איך הייס מירעלע, איך וועל זינגען מירעלעס ווערטער.

דער עולם פאַרבעטענע געסט האָט גענומען אָנשטעלן אויגן און אויערן.

מירעלע האָט זיך פאַרבערייט, אָפּגעווישט, צוגעלייגט די האַנט צום הערצל און גענומען שטאַמלען:

— אַ רוח אין דיר אַריין, — צעבייזערט זיך קאַטשקאַ, — פאַרוואָס מאַכסטו פּאַקוסן און דו זינגסט נישט?

— איך זינג דאָך, — טענהט מירעלע.

מירעלע האָט זיך גענומען צוריקן צו אשרן. עס האָט אויסגעזען, אַז זי האָט מורא פאַר אַ קלאַפּ, זי האָט קוים מיט אַ קול פון אַ פייגעלע גע־זאָגט די ווערטער:

— י־יי־ד־דן בנ־נ־י רחמנים!

— זי זינגט נאָר פון מירעלען, — נעמט איר אשר גלעטן די צעפּלעך.

— פעטער אשר, זייט מוחל, נעמט נאָר אַוועק די האַנט פון אַ מיידל, — לערנט אים קאַטשקאַ מוסר.

אשר האָט אַ ברום געטון אונטער דער נאָז. ער האָט די האַנט אַוועק־גענומען און געהייסן מירעלען גיין.

איז ווי געפעלט אייך, ר׳ אשר, מירעלע? — פרעגט קאַטשקאַ אי־בערבעטנדיק אשרן, פאַרוואָס ער האָט אים געהייסן אַוועקנעמען די האַנט.

— איר פאַרשטייט? — רעדט אשר פילאָסאָפיש צו קאַטשקאַן, — ביי זינגערינס טרעפט אָפט, אַז זיי האָבן אַ טרעמע. יאָ, אַ טרעמע, מי־רעלע האָט געהאַט אַ טרעמע.

אשר האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס ווייסט וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט טרעמע, ווי עס זענען אַרויסגעשפּרונגען נאָך עטלעכע וואָס האָבן אָנגעהויבן אַזוי טרעמעווען, אַז אשר אַליין האָט זיך גענומען פאַרשטעלן די אויערן נישט צו הערן.

דערנאָך האָט זיך דירעקטאָר קאַטשקאַ גענומען צו אשרן מכוח דער הלוואה, עס איז געווען צווישן ביידע אַ רייסעריי, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה, און אַ קאָנטראַקט איז געשריבן געוואָרן אויף גאַנצע אַכט פאָרשטעלונגען.

***

קאַטשקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַפּישן פון צוויי פּלעשער בלויען טינט און זיך אויסגעפּאַטשקעט די הענט און דאָס פּנים. דעם אינהאַלט געדענק איך נישט, נאָר דאָרט איז געווען אָנגעזאָגט, אַז עס זענען אָנגעקומען די גרעסטע און בעסטע פון דער וועלט, און עס ווערן געבעטן די מענטשן צו קומען אין גרויסע מאַסן. זענען די מאַסן נישט געקומען, בלויז נאָר די מענטשן פון הויף און נישט דווקא קיין יידן, נאָר אויך די שכנים גויים. זיי האָבן זיך געזעצט אויף די גאַניקעס און פענצ־טער קנאַקן קערלעך און נים. איינעם אַזעלכן געדענק איך, דעם לאַמען שוסטער פּאָדגורסקי, אַ גוי מיט אַ באָרד ביז די קניען און מיט אַ הויכן אָבצאַס פון אַ קורצן פוס, מיט דער קאַץ קאַמטשאַ, מיט זיינע צוויי פוקסן ווילי און בילי, מיט זיינע צוויי וויעוויאָרקעס און מיט זיין שוואַרצן קאָטער דיאַבל, זיי זענען אַלע געזעסן מיט די פּנימער צו די מענטשן צו זען און הערן די ווילדע געוואַלדן, וואָס עס קומט פאָר אויף אַ הויף, און דאָ הייבט עס זיך אָן. געשפּילט האָט מען בר־כוכבא און קאַטשקאַ האָט געהאַט די ראָל.

האָב איך געהערט זיצנדיק זייער נאָענט צו דער בינע, ווי עמעצער זאָגט פון אונטער דער בינע „קאַטשקאַ פאַרזיכטיק מיט די קייטן, זיי קע־נען צעפליען", נאָר קאַטשקאַ איז געווען אין עקסטאַז, און די בלעכענע קייטלעך האָבן זיך צענומען, צעשאָטן.

דאָס צווייטע מאָל האָט מען געשפּילט שולמית. האָט נתן הכהן באַ־מערקט דער שולמית מיט אַ טויטער קללה אין טאַטנס טאַטן אריין, פאַרוואָס זי האָט נישט מער אָפּגעשמירט די באַקן מיט רויטער פאַרב, זי זעט דאָך אויס ווי אַ מאַלפּע. אין דער זעלבער שולמית, אין אַ סצענע וו מען דאַרף זיך טון אַ קוש, האָב איך געזען ווי עמעצער איז צוגעגאַנ־גען און געגעבן דער שולמית אַ ביס, דאָס איז געווען אַ נקמה אַקט, פאַרוואָס שולמית פאַרשטייט נישט די ראָל.

איך האָב געזען ווי די ראָליסטן טוישן איבער די קליידער אין מיטן שפּילן זייערן, ווייל עס דאַרף אַרויסקומען נאָך עמעצער אויף דער בינע, און דער וואָס האָט די ערשטע ראָל, דאַרף אויך אויספירן די צווייטע. מענטשן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער בינע, איידער זיי האָבן באַ־

דאַרפט פאַרשווינדן. מענטשן האָבן זיך אַנידערגעזעצט און באַלד זענען זיי אויפגעשטאַנען, און די וואָס האָבן באַדאַרפט אויפשטיין, זענען בכלל נישט אויפגעשטאַנען.

און אָט איז געקומען דער פינאַל, אַ טרויעריקער איז ער געווען.

נאָך צוויי טעג שרייבן אַפּישן מיט בלויען טינט וועגן דער גרויסער סענסאַציע פון געבן דעם לעצטן גאַסטראָל „די מכשפה", „וואָס וועט איינגענעמען די וועלט", איז די פאָרשטעלונג פאָרגעקומען. די ראָל פון דער מכשפה האָט געשפּילט דירעקטאָר קאַטשקאַ, וואָס האָט געהאַט אַ קול ווי פון אַ פאַס אַרויס. ער האָט געשריגן, געלאַכט, געקריצט מיט די ציין, געגראַבטשעט מיט די הענט, ער האָט אויסגעזען ווי אַ טיגער. דערווייל האָט זיך קאַטשקאַ געכאַפּט, אַז פון אַלע די ווילדע באַוועגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער בינע, נעמט זיך די בודע טרייסלען, איז ער באַלד אַראָפּ און גענומען אַליין פאַרראַווען די בודע. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די בודע האָט ווייטער זיך געוואַקלט אַהין און צוריק ווי אַ צאָן וואָס שאָקלט זיך, און מענטשן וואָס זענען געזעסן פאַר דער בינע, האָבן זיך גענומען אויפשטעלן אַפּצוהאַלטן דאָס אומפאַלן. האָבן זיך אָפּגעשפּילט אייניקע דראַמאַטישע מאָמענטן. די ראַליסטן, וואָס האָבן באַדאַרפט אַרויסקומען, האָבן דערפילט די סכנה, זיי האָבן גענומען געבן סיגנאַלן פון דער ווייטנס קאַטשקען, אַז ער זאָל אויפהערן, נאָר קאַטשקע אַנשטאָט רואיקער זיך צו פאַרהאַלטן, איז אַמביטנער געוואָרן, האָט נאָך האַסטיקער און צאָרנדיקער אויסגעפירט זיין ראָל, ווי ער וואָלט איבערהויפּט נישט וויסן וואָס מיט אים טוט זיך.

ווידער האָט ער געברומט, געלאָפן איבער דער בינע, מיינענדיק אַז ער באַגייסטערט מיט זיינע געוואַלדן און משונהדיקע לאַכרייען. דערווייל איז געוואָרן אַ געוואַלד, אַז „ער פאַלט", און אַזוי ווי די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן איז עס געשען. עס האָבן זיך גענומען איבערדרייען ברעטער מיט ברעטער און מענטשן אויף די ברעטער און אונטער די ברעטער. די קרעכצערייען און זיפצערייען זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמיינט, אַז דאָ זענען אַלע אומגעקומען. באַלד האָט זיך אויך געזען אַ פלאַם פייער, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס אַלץ. פון וואַנען איז

געקומען דאָס פֿײער? אונטער דער בינע איז געשטאַנען אַ בונקע מיט נאַפֿט, פֿאַרשײנלעך צום צויבער־פֿײער פֿון דער מכשפֿה; האָט זיך דאָס אָנגעכאַפּט און עס איז געװאָרן אַ שׂרפֿה מיט צונגען צום הימל, װי עס װאָלטן זיך שײערס מיט שטרוי אָנכאַפּן און מען האָט באַדאַרפֿט האָבן די פֿײערלעשער.

װאָס האָט אָבער מירעלע געטון? זי האָט אױף אירס נישט פֿאַרציכטעט. האָט זיך איר נישט אײנגעגעבן צו זינגען דאָ, איז זי אַרױפֿגעקראָכן אין מיטן דערינען אױף דער פֿור און אָנגעהױבן מיט אַ קינה־געװײן: ייִדן בני רחמנים, אַז עס האָט דאָס האַרץ גערירט.

דאָס פּייער פאַרשפּרייט זיך...

הכלל, דאָס מאָל זענען זיי אַרויסגעפלויגן פון אייגענע פענצטער. איז דער טראַסק געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן פון די נאָענטע גאַסן זע־נען געקומען אויפן ווונדער זען, ווי ביי שמחהן אין הויז האָבן גענומען פליען די שויבן. און דערווייל האָט מען אָנגעהויבן זוכן עפּעס צו געפי־נען אויפן הויף. פּריוואַטע מענטשן האָבן געזוכט צו געפינען שמחה־גלע־זערס קניפּלעך. דער „בלויער", וואָס האָט געוווינט ביי אונדז, האָט גע־ברענגט נאָך „בלויע", האָט מען טאַקע אָנגעהויבן זוכן [אין אַלע ווינקע־לעך, האָבן זיי געפונען אויף אונדזער בוידעם דאָס, וואָס זיי האָבן גע־זוכט שוין לאַנג, שריפט פון אַ דרוקעריי, ביכער און פּראָקלאַמאַציעס.

איז באַלד דאָס הויז געוואָרן אַרומגענומען מיט אַ קייט פון דראַגו־נער און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, אַז איך האָב דערזען פּלוצלינג פאַר זיך אַ גאַנץ בינטל מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען אַהער גע־ברענגט געוואָרן „אונדזערע באַזוכער": מאַרעק און וואַצלאַוו און סולימאַ מיט זיינע מענטשן. אפילו דער דזשעקאַן קאַפּוסטאַ האָט נישט אויסגע־פעלט צווישן די אַלע, און צוזאַמען מיט מיין פאָטער, ברודער און שוועס־טער, האָט מען זיי צוזאַמענגענומען ווי הייפּטלעך קרויט, און זיי אָפּגע־פירט אין טורמע. געלאָזן האָבן זיי נאָר די פאַרחלשטע מוטער און מיך, וועלכן עס איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון זייערע הענט. צו דער מוטער האָב איך געמוזט ברענגען דעם מינסקער פעלדשער, שעפּליאַן, ער זאָל זי מינטערן נעבעך פון איר צער, זעענדיק ווי מען האָט אַוועקגענומען די אַלע מענטשן אירע. געבליבן איז אשר און מינדעלע און דער זיידע

מיט דער באַבען. שמחה איז געווען צעבראָכן פון דער לאַנגע. ער האָט בכלל נישט געוווּסט וואָס איז דאָ געשען אַרום אים. איז ער אַרומגעקראָכן אויפן הויף ווי אַ שאָטן, אויפזוכנדיק שטיקער בלעך און שטיקער שויבן, וועלכע וועלן אים נוצן.

מיטאַמאָל האָט ער געעפנט די טירן פון שפּייכלער און געמאַכט אַ געוועלד אויפן חורבן פון גלאָז דאַרטן. עס איז געווען וואָס צו זען; טאַוולען גלאָז זענען האַלבירט געוואָרן אָדער צעפּיצלט געוואָרן. איך האָב געזען ווי שמחה רייסט די האָר פון קאָפּ.

***

נאָך עטלעכע טעג האָט מען, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, באַפרייט דעם פאָטער; די שוועסטער און ברודער זענען געבליבן אין טורמע. איבער דער שטאָט האָבן אָנגעהויבן גיין קלאַנגען פון הענגען און שיסן, אָדער זיי אַוועקשיקן קיין סיביר. די צווייטע ווערסיע איז געווען אַ ריכטיקע. דאָס האָט מען זיך דערוווּסט פון דער מוטער, וועלכער מ׳האָט דער־לויבט, איין מאָל אין צוויי וואָכן, צו זען די קינדער. לויט זייערע ווער־טער, איבערגעגעבענע דער מוטער דורך צייכנס, האָט די זשאַנדאַרמעריע באַשטימט זיי אָפּצושיקן קיין סיביר. דאַרף די מאַמע נעמען זאָרגן פאַר וואַרעמע וועש. און דאָס האָט זי, נעבעך, אָנגעהויבן צו טון, גיין צו דער משפחה צוזאַמענעמען וואַרעמע וועש.

פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער הויז. די זשאַנדאַרמען האָבן נישט אויפגעהערט צו קומען מיט „דאָפּראָסן" און „וואָפּראָסן" יעדעס מאָל אויף אַן אַנדערן פון אונדז. זיי האָבן גענומען פרעגן אויף אַ גלעזער יואל — האָט מען זיי געזאָגט, אַז דאָ האָט אַמאָל געוווינט אַ מאַליער שואל; האָבן זיי איין מאָל, צוויי מאָל אַזוי דערקוי־טשעט, ביז איך בין געצוווּנגען געווען זיך צו באַזעצן אין נאָענטן שטעטל ווענגראָוו. דאָרט האָב איך גענומען אַ חדר און אַרויסגעשריבן אַ שילדל: „דאָ וווינט דער מאַליער שואל".

די אָרטיקע סטראַזשניקעס האָבן געגלויבט דערין, נאָר אַ שעדלע־

צער „בלויער" האט געהאט א חשד אויף מיר און אנגעהויבן מיך פאר־פאלגן. איינמאל איז ער אריין צו מיר אין חדר און האט מיך גענומען אין דער ארבעט אריין:

— ווי איז דיין נאמען?

— שואל.

— האסטו א פאספארט?

— איך האב אים פארגעסן אין סאקאלאוו.

— וואס איז דיין באשעפטיקונג?

— א מאליער.

— האסטו עפעס אן אנונג אין גלעזעריי?...

— איך בין א מאליער.

— אבער איך פרעג: האסטו נישט, ווי אנדערע מאליער, אויך א צווייטע ארבעט ווינטער?

— איך בין א מאליער.

— מיט וואס באשעפטיקט זיך דיין פאטער?

איך האב געגעבן נישט קיין קלארן ענטפער.

— הער נאר, איז דיין זיידע נישט קיין גלעזער?

איך האב געגעבן נישט קיין קלארן ענטפער.

דער „בלויער" האט ציניש גענומען שמייכלען:

— יעווריטשיק — זאגט ער צו מיר — פארוואס האסטו באקומען א בלויען בילעט אין פערם?

— ווער איז געווען אין פערם?..

— ביסטו נישט געווען אין פערם?

— איך בין געווען אין פערם?..

— ווארט, — זאגט ער, — איך וועל דיר ברענגען דא אן עדות, אז דו ביסט געווען אין פערם. ער האט מיר, באמת, געהייסן ווארטן מסתמא אויף א „שפיצעל"... איך האב אבער שוין געוווסט וואס איך דארף טון; פארנעמען האק און פאק און גיין פון דאנען. ווען איך בין געקומען אהיים, האט מיר די מוטער שוין איבערגעגעבן, אז דא זענען געווען צוויי אי־

בערגעטוענע מענטשן און אַז זיי האָבן געפרעגט נישט אויף שואלן נאָר אויף יואלן...

דאָ איז באַלד באַשטימט געוואָרן צווישן מיר און מיין מוטער (דער פאָטער האָט געהייסן נישט מורא האָבן און בלייבן), אַז איך זאָל אוועק־פאָרן ווייט פון דאַנען, נעמלעך, צו געצל־שענקער קיין מעזריטש. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן צווישן אונדז ביידע, אַז דאָרט וועט קיינער נישט וויסן, צי איך הייס יואל אָדער שואל. בין איך געקומען צום באַשלוס וואָס גיכער עוקר צו זיין פון דאַנען.

באַגינען, איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבן צו טאָגן, בין איך אויפ־געשטאַנען, מיטגענומען מיט מיר אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפט אין וועג אריין, און איך בין געקומען צום צווייטן זיידן, צו זיין דאָרט אַ לענגערע צייט.

די ליקווידאַציע פון געצלס שענק

איך רעד וועגן מעזריטש מיט העכער א האַלבן יאָרהונדערט, ווען די איינוווינער פון שטאָט האָבן נישט געטראָגן אין מח קיין נעמען פון די גאַסן, נאָר מען האָט געלעבט מיטן טייך און מיטן מאַרק.

די סביבה פון טייך האָט געהאַט א נאָמען: „די בריקן". איבער „די בריקן" האָט געלעבט דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט פון דער שטאָט. און עפּידעמיע־קראַנקייטן האָבן אין יענע יאָרן אָנגעמאַכט א חורבן אין דער באַפעלקערונג. פלעגן די מעזריטשער אוועקטראָגן די שמות פון בית־המדרש אויפן בית־עולם און עס זענען אָפּגעריכט געוואָרן ספּעציעלע תפילות אין די ביידע בתי־מדרשים, אין גרויסן ווי אין קליינעם, פּטור צו ווערן פון דער כאָלערע איבער „די בריקן".

דער מאַרק איז געווען דער צענטער פון די פּאַרמעגלעכע. דאָ, אין דער סביבה פון דער אַזוי אַלטער, קאָשטשעלנער גאַס, זענען געווען צוויי באַדייטנדע מערק. איינער א גויישער מאַרק, זענען דאָרט געשטאַנען די פּויערישע פורן און עס איז אָנגעגאַנגען א מסחר מיט פערד. דער צווייטער מאַרק איז געווען דער צענטער פון יידישקייט. דאָ זענען געשטאַנען געדיכט אָנגעשטעלט, איינס נעבן דאָס אַנדערע, די יידישע קראָמען פון מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריע און א ביר־שענק נעבן א וויין־שענק. האָט דער ביר־שענקער אַנטליען א גמילות־חסד ביים וויין־שענקער און דער וויין־שענקער ביים ביר־שענקער. און אַזוי איז עס געגאַנגען צווישן די שכנים פון מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריע. דער מאַנופאַקטור סוחר פלעגט שיקן די מאַמעס מיט די טעכטער, וואָס קומען קויפן א וויפּראַווע אויף

חתונה צום גאַלאַנטעריע־סוחר, זאָל ער אויך האָבן פּדיון, און דער גאַלאַנ־טעריע־סוחר האָט אָפּגעשיקט צום מאַנופאַקטור־סוחר.

אין צענטער פון מאַרק שטייט געצלס שענק. איך גערענק זי ממש ווי אַ פעסטונג, אַ זייער אַלטע מויער מיט רונדיקע געוועלבן אין קעלער, פון וועלכע מען זעט אַרויס די רויטע ציגל, לאַנגע און שטאַרקע, ווי מען וואָלט זיי נאָר אויסגעלייגט.

אויף געצלס שענק פלעגט מען זאָגן, אַז זי שטאַמט פון פּאַמאַצ־קיס צייטן. עס איז, מסתמא, אמת געווען אין די ווערטער, ווייל אַן איי־ביקער שימל־ריח פון ביר האָט זיך געטראָגן פון די ווענט און פון די פעסער געצלס. און אַזוי אויך איז אָנגעגאַנגען דאָס טראָגן פעסער אַרויף און אַראָפּ, דאָס פּאָמפּען ביר, און דאָס דערלאַנגען די הויכע געשליפענע קופלען מיט ביר, פון שמחהם הוטע געברענגטע אהער.

און געצל האָט אַ ברייטע האַנט; ער דערלאַנגט יעדן זיין פלאַש ביר. ערגעץ־ווו איז אַן אָרעמע חתונה און מחותנים האָבן נישט מיט וואָס צו באַנעצן זייער גומען, שיקט ער זיי אַריין זיינע פלאַשן. אין געצלס שענק פאַרזאַמלען זיך יידן אויף אַ מלוה־מלכה; — קיין פלאַש ביר פעלט דאָ נישט. דער עיקר, וואָס מיר איז געבליבן פון יענער שענק, זענען די נעכט פאַר אַן אָפּפאָר פון נוסקעס בויד צו די באַנען, וואָס גייען אָפּ מיט יידן קיין אַדעס אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. דעמאָלט ווערן אין שענק אָנ־געצונדן די ליכטיקע לאָמפּן געצלס. געצל טוט אָן די ריפּסענע קאַפּאָ־טע מיטן היטל מיט דער ברייטער דענקע, פּוצט אויס די שטיוול און זעצט זיך האַנט ביי האַנט מיט לייבלען דעם בלינדן, וואָס דערציילט הרים וגבעות וועגן הר־כנען און וועגן די פעלדער, גערטנער און ברונעמער אַרום. און ביר גיסט זיך ווי וואַסער.

איצט, ווען איך בין געקומען אהער, האָב איך שוין נישט באַגעגנט געצלען. ער איז, פאַר דער צייט פון מיין זיין ביי די זעלנער, אַוועק אויפן עולם האמת. געבליבן זענען נאָר די קינדער, וואָס האָבן אים געהאָלפן צו דער שענק: זון און טאָכטער.

אַזעלכע איז געווען חנה, די עלטסטע טאָכטער געצלס, אַ פרוי מיט אַ גוט האַרץ צו יעדן אָרעמען, וואָס קומט אין שענק און האָט נישט וואָס

צו עסן און ווו צו שלאָפן. זי איז די עקרת־הבית פון שטוב, האַלט אַלץ און אַלעמען אויפן אויג; דער עיקר היט זי אָפּ געצלען נישט צו לאָזן איבּ אַ הויב טון אַ פּעסל ביר אָדער אַ רוק־טון דעם בופעט. זי איז אין שענק די טאָכטער און מוטער צוזאַמען.

לאה, די יינגערע, איז דער קאַזאַק צווישן געצלס טעכטער אין שענק. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע מויד מיט אייביק רויטע, צעפּלאַמטע באַקן פון דעם שטענדיקן הו־הא אין שענק. זי רעדט רוסיש און פּויליש, האַנדלטביים טיש מיט פּויערים און מיט זעלנער און גיט יענע און די אַ פּאַרציע, ווען זיי האַלטן זיך נישט אנשטענדיק.

אויך זי פּלעגט אָפּהיטן געצלען נישט צו לאָזן אים טון קיין שווערע אַרבעט. שטייט זי שטענדיק אויף די פּיס. קלאַפּט אַריין אַ פּאַמפּע אין אַ פּאַס און נעמט אַרויס אַ פּאַמפּע און טיילט אויס די קופּעלס ביר דעם עולם. דער דריטער שענקער איז שייקע — געצלס יינגסטער זון. ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָר ליכטיקע, ברוינע אויגן, וואָס זשמורען זיך פון קורצזיכטיקייט, און מיט בראָדאַווקעלעך ביי דער געמבע, פון וואַנען עס שפּרינגען אַרויס האָרלעך פון אַ בערדל. אויף שייקען פלעגט מען זאָגן, אַז ער איז אַ האַלבער שענקער, ווייל איין העלפט טאָג, פון באַגינען ביז מיטאָג, איז ער געזעסן אין קליינעם בית־המדרש און געלערנט. דעם צווייטן האַלבן טאָג האָט ער זיך אָפּגעגעבן צו דער שענק מיט חשבונות, וואָס געצל האָט מיט דעם ברויהויז. אין אָט די טעג פון ליקווידאַציע בין איך אָנגעקומען; שייקע איז געשטאַנען אונטערן בופעט און האָט מיר אָנגעגעבן די סיבה, פאַרוואָס ער מוז ליקווידירן די שענק און אוועקשטעלן דאָ אַ סאָדע־וואַסער פאַבריק. ווייל דורכן פאַר־באָט פון דער צאַרישער רעגירונג ווערן בכלל שענקען פאַרשלאָסן. האָט מען מיך אויך איינגעשפּאַנט צו שלעפּן די פעסער און די פּאַמפּעס אַרויף, דאָס אַלץ צו פאַרקויפן. זענען עס געווען פאַר מיר זייער טרויעריקע מאָ־מענטן, ווען איך האָב געזען ווי די זון קוקט אַריין אין דער אַלטער מויער מיט די רונדיקע געוועלבן פון וואַנען ביר פעסער ווערן אויסגעליידיקט, און עפּעס אַ מרה־שחורה הילט מיך איין... מיך, דאָס אייניקל, וואָס בין מיין גאַנצע קינדהייט אַרומגעקראָכן צווישן אָט די ביר־פעסער און זייערע מענטשן.

אויך דאָ איז מײַן באָדן צווייפלהאַפט

בין איך זיך מודה, אַז אויך דאָ, האָב איך זיך געפילט אומזיכער, ווייל אויך אַהער האָבן אָנגעהויבן קומען די „בלויע", אָפּטמאָל איבערגעטון, דרייענדיק זיך אין די געסלעך ווי טייוואָלים. דערשפּירט מען זיי, ווערט אַ געוואַלד און אַ געשריי, שיסט ווער אויס פון אַ רעוואָלווער, הייבט מען אָן פאַרמאַכן די קראָמען, באַפאַלט אַן אימה אין די געסלעך און פּאָליציי נעמט זוכן אין די הייזער. איז נאָך וואָס דאָ בלייבן?... ליבער וועל איך קומען אַהיים.

איך האָב מיך נאָך באַראַטן מיט דער מוטער אַליין און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז איך גיי נישט מער אַוועק פון שמחהס הויף, און אַז איך וועל זיך טאַקע אָנרופן מיטן נאָמען שואל און אַ מאַליער וועל איך זיין בפּועל ממש, אָנטון מיינע מאַליער־הויזן, שמירן סופיטן און שמירן ווענט. מוז איך זאָגן, אַז די אַרבעט איז מיר זייער גוט געלונגען.

שמחה האָט שוין אַזוי לאַנג נישט איבערגעקלעפּט די טאַפּעטן פון זיינע שטובן, און די וואַנצן, וואָס געפינען זיך ביים סופיט, זענען שוין אַזוי פיל, אַז עס לוינט צו מאַכן, טאַקע איצט, די רעוואָלוציע און זיי אויסבריען מיט הייס וואַסער. און אַזוי איז עס טאַקע געשען.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָב איך אַ שטעל־אַריין־געטון די לייטער און די קעסלעך, געהייסן דער באָבען אויפקאָכן זידיקע וואַסער און אָנגעהויבן בריען די וואַנצן. די באָבע האָט עס נישט פאַרשטאַנען. זי האָט געפרעגט, פאַרוואָס לייג איך נישט אָפּ די אַרבעט אויף אַ פאַר־פּסח, ווען ייִדן ווייסן אויס ווענט און מאַכן זיך שיין אין די הייזער, נאָר איך

נעם מיך דערצו אין מיטן־יאָר, ווען אין דרויסן איז קאַלט און אין שטוב פרירט מען, האָב איך איר גענטפערט, אַז זי זאָל נישט פרעגן קיין קשיות דערויף, ווייל אַ מאַליער פון אַ היימישער שטוב קען מיט זיינע וואַנצן מאַכן וואָס ער וויל. איך האָב זי אפילו אָנגעהויבן צו טעראָריזירן, דראָען, אַז אויב זי וועט מיר שטערן, וועל איך לאָזן שטיין די אַרבעט אין דער מיט. זי האָט געשוויגן. און שמחה־גלעזער? ער האָט זיך אויפגעהערט צו מישן אין שטוב־ענינים בכלל. עס איז אים דאָס אַלץ אָנגעגאַנגען ווי דער נעכטיקער שניי. די סיבה איז געווען די ירידה אין גלאָז. ער האָט שוין באַלד נישט געהאַט מיט וואָס צו שיקן מענטשן צו דער אַרבעט. האָט ער באַצויגן שוין נישט דאָס גלאָז פון זיין הוטע, נאָר פון ערגעץ אין דער פרעמד. נאָך מער, וואָס מער ער האָט פאַרלוירן דעם באָדן, אַלץ מער עקשנותדיק איז ער געוואָרן און אַלץ מער האָט ער גענומען אויף זיך דעם יאָך פון אַרבעט.

— גלעזער וועט מען נישט פאַרשטויסן פון דער וועלט — האָט גע־רעדט מיט צאָרן דער רויטער לייב — איז אויב איך וועל נישט האָבן קיין אייגן גלאָז, וועל איך קויפן גלאָז!...

און אַזוי האָט ער געטון. אויפגעשטאַנען פריער ווי שטענדיק, האָט ער אָנגעלאָדן דעם קאַסטן און אַוועקמאַרשירט מיט די פּראָסטע שטיוול, אָנגעקלאַפּטע מיט פּאָדקאָוועס, אַז די ערד האָט געציטערט, קיינער האָט אים נישט געקענט אָפּשטעלן, נישט קיין רעגן, נישט קיין פראָסט און נישט די מענטשן פון דער משפּחה, וואָס האָבן אים געבעטן, אַז עלטערן מענטשן, זיך שוינען אַביסל. שמחה גלעזער האָט זיך נישט געשוינט קיין־מאָל און, פון זינט די געשעפטן זענען געוואָרן ערגער, אַוודאי נישט. האָט זיך אָפּטמאָל אויסגעדוכט אַז נישט דער עיקר איז ביי אים די פּרנסה, נאָר דאָס גלעזעריי. ער האָט ליב געהאַט דאָס קעסטל, דעם האַמער זיי־נעם, און זיין דימענט האָט ער קיינמאָל נישט פאַרטוישט.

איז ער גראַד אין דער לעצטער צייט פאַרעקשנטער געוואָרן, נאָך מיט מער אימפּעט און מער כחות און מער שעהען האָט ער געפירט די אַרבעט. האָבן זיך די שכנים גענומען צו אים:

— שמחה גלעזער — פלעגן זיי טענהן — פאַר וועמען רייסטו איין

די וועלט? פאר זין? פאר קדישים? די האסטו נישט. דו האסט איידעמס. נו, זאלן זיי טראגן דעם יאך...

ענטפערט שמחה:

— באדאי מניע דיאבלי ווזשעלי, אפילו דער טייוול זאל מיך שוין היינט נעמען, וועל איך שלעפן דעם קאסטן ביז צו דער לעצטער מינוט. און קדיש נאך מיר קענען זאגן די הינער...

אזוי ענטפערט שמחה, ווען מען שטייט צו צו אים פארוואס ער ארבעט אזוי פיל אין דער צייט, וואס ער האט איידעמס און נישט קיין זין. ער זאגט, אז די איידעמס און די טעכטער זענען אים אזוי וויכטיק ווי די זין, און אפילו אן קדיש...

שמחה שרייבט זיין צוואה אויפן לאָקשן ברעט און ענדיקט

שמחה האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון זיינע רעלסן, מען פלעגט אים זען אויפשטיין פרי באַגינען, און אַנשטאָט צו נעמען דעם שווערן קאַסטן און גיין צו אַן אַרבעט, איז ער אָפּגעשטאַנען לענגער מיטן טלית און תפילין ביי זיין דאַווענען מיט אַ וויינענדיקן נגון אַזעלכן, וועלכן מען האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אים.

אין שטוב האָט ער זיך אַרומגעדרייט לענגער ווי ווען ס׳איז, ווי אַ מענטש וואָס האָט אַ סך צייט, דערנאָך זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין ברייטן דעמבענעם בעט מיט אַ ספר אין האַנט, קיין ברילן האָט ער נישט באַדאַרפט, זיינע בלויע אויגן האָבן געזען פון ווי ווייט. אָבער דער ספר האָט אים איצט נישט געוויילט. ער האָט געוואָלט עפּעס רעדן צו רבקהן.

רבקה האָט נישט פאַרגעפילט קיין בייז. זי איז ווי שטענדיק גע־שטאַנען ביים קוימען און געקאָכט אירע טעפּ אייל און טעפּ קאַרטאָפל פאַר די מענטשן פון שטוב. האָט ער, שמחה, זי גענומען וועקן:

— וואָס שטייסטו ווי אַ בהמה? וואָס האָסטו נאָך דאָרט צו טון? וויים, רבקה, טענהט ער, אַז אַ מענטש איז נישט קיין פערד, וואָס עס מוז אייביק שלעפּן אַ וואָגן. און איז דער מלאך דומה געקומען מיט זיין שאַרפער שווערד צו שמחה גלעזער, זאָל ער ס׳זייניקע טון.

שמחה האָט ווי שטענדיק גערעדט מיט ביטערלעכער איראָניע, ווען עס איז אים שלעכט געוואָרן, האָט ער איצט פּשוט גערופן דעם מלאך דומה צו זיך.

נאָר רבקה, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרטראָגן שמחהס ווערטער וועגן מלאך דומה, האָט זיך אויפגערעגט:

— וואָס איז דיר פּלוצלינג איינגעפאַלן, שמחה? וואָס עפּעס אין מיטן דערינען ער? האָט זי אויסגערופן מיט אַ ערלעך כשר קול, — גלייכער טויזנט רשעים, איידער דיר זאָל עפּעס געשען, טויזנט שונאי ציון! און אפשר גאָר, שמחה, מיינסטו מיך פּטור צו ווערן, נעמען זיך אַן אַנדער ווייב?

רבקה איז געשטאַנען ווי עפּעס אַ מומיע, אַז זי האָט גערעדט, האָט זי קיינער נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

נאָר שמחה האָט אָנגעהויבן באַפעלן:

— וואָס האָסטו זיך אָוועקגעשטעלט, בהמה? ווער זאָל דיך דאָרט אויסמעלקן? הערסטו נישט וואָס איך רעד צו דיר?

— וואָס?

— הער וואָס איך רעד צו דיר.

— איך הער, וואָס דו רעדסט צו מיר.

— דאָרט אין קיך שטייט דאָס קליינע לאָקשן ברעט, איך דאַרף עפּעס שרייבן.

מאָמענטאַל האָט זיך די יידענע מיט דער קופּקע ווי אַ דעכל פון אַ פּוילישער כאַטע אָפּגעריסן פון קוימען, אָוועק צום ווינקל פון קיך, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס קליינע לאָקשן־ברעט, קעגנאיבער דעם גרויסן און צוגעבערענגט צו שמחהן, ווייל דאָס איז געוועזן דאָס פּאַפּיר פון שמחה גלעזער, אויף דעם לאָקשן ברעט, וווּ מען פלעגט אויסקנעטן דעם קיט פאַר די שויבן, אויף דעם זעלבן לאָקשן ברעט, אויף דער צווייטער זייט, האָט שמחה געפירט זיינע חשבונות, מיט קרייד און בליישטיפט, לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

און איך געדענק, אַז אין די טעג גראַד, האָט שמחה געפירט דאָ זיינע חשבונות, געשריבן און געמעקט, קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער טוט עס.

ענדלעך האָט זיך דער קופּערנער ייד אָוועקגעלייגט אין בעט אויף פּעסט.

עס איז געווען אַזוי איינמאָל שפּעט אין אָוונט, האָט רבקה געפֿאָלדן אירע קינדער, אַז שמחה איז קראַנק. עס איז געווען פֿאַר אונדז אַן איבעראַשונג. שמחה האָט זיך קיינמאָל נישט געלייגט אין בעט אַריין פּלוצלינג, ווייל קיינמאָל האָט ער נישט געקרענקט, האָבן זיך אָנגעהויבן אָנקומען די טעכטער מיט די איידעמס און אייניקלעך, אַלע אַרום זיין בעט.

שמחה האָט געלייקנט שטיין און ביין, אַז ער איז קראַנק. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט „זיך צונעלייגט אַביסל", סתם אַזוי, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען שוין אין אַ גרויסער היץ, דאָס האָבן פֿעסטגעשטעלט די שכנים, מבינים אויף היץ, און וואָס אָנבאַטרעפֿט שמחהן, איז געזאָגט געוואָרן, אַז ער האָט געלאָזט פֿאַלן אַ פּאָר ווערטער צו אונדזער שכן, לייביש בערן, מיט וועלכן ער, שמחה, האָט אַ טבע געהאַט צו רעדן וועגן עולם הבא, אַז סוף כל סוף, איז ער געקומען צו אַ געדאַנק, אַז מען מוז נעמען דאָס פּעקל און גרייטן זיך אין וועג אַריין, און אַז ער האָט שוין אַפֿילו געשריבן די צוואה. זענען דאָס טאַקע געווען די חשבונות, וואָס ער האָט געמאַכט אויפֿן לאָקשן ברעט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, ווי אַזוי צו צעטיילן זיין פֿאַרמעגן צווישן די קינדער. דערפֿון האָט ער נאָר געמאָלדן איין מענטשן, זיין שכן לייביש בערן, דעם איינציקן מיט וועלכן ער פֿלעגט רעדן פֿון עולם הבא.

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די קריטישע טעג. איך געדענק, אַז דאָס זענען געווען האַרבסט טעג, שלאַקס רעגנס האָבן פֿאַרגאָסן דעם פּוסטן הויף, וואָס איז געשטאַנען אָן ווענגער און אָן מענטשן.

שמחה איז געלעגן אין אַ שווידערלעכער היץ פֿון אַן אומבאַקאַנטער קראַנקייט. עס האָבן זיך אַרום זיין בעט געדרייט דאָקטוירים און פֿעלדשערס, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין צוטריט נישט געהאַט צו אים, דעם קופּערנעם ייד. איצט האָט ער מער נישט רעאַגירט, זיי האָבן אים אַרומגערינגלט ווי די בינען, געשלעפּט געלט פֿאַר די וויזיטן, באַטאַפּט, באַזוכט און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן וועגן אים.

אין גאַס האָט שוין אָנגעהויבן קלינגען ווי מיט גלעקער, אַז אַ גביר ליגט אויפֿן טויטן בעט, האָבן זיך די ערשטע אַראָפּגעלאָזט אַהער די

חברא קדישא, זיי, מיט זייערע מיטשלעפער, און מען האָט זיך באַ־צייטנס, איידער וואָס ווען, נענומען דינגען צווישן זיך מיט פרייזן איבער אַ קרקע, וואָס שמחה גלעזער דאַרף באַצאָלן. איז זיך באַלד אָנגעקומען אַ גאַנצער שטאָב מענטשן פון חברא משניות און תהילים זאָגער און ווייַנער און ווייַנערינס האָבן זיך מאָביליזירט פון דער גאַנצער שטאָט.

אַלע קינדער שמחהס, זייַנע נאָענטע און ווייטע, זענען געשטאַנען אויף די פיס. יעדער האָט געוואָלט מיט וואָס צוריקברענגען דאָס ביסל געזונט שמחהן, און דוקא מייַן פאָטער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די רעטער. ער האָט זיך באַמיט דעם שווער איבערצולייגן און איבערטראָגן פון איין זייט אויף דער צווייטער, אים דערלאַנגען רפואות און ברענגען טרייסט.

און עס זענען געווען מענטשן פון דער משפחה וואָס האָבן זיך קנאַפּ וואָס צעריסן דעם ספּאָדיק. איז געווען צו זען יוסלען, שמחהס ברודער, נישט אַזוי שטאַרק גערירט פון גאַנצן ענין. אמת, אַז ער איז אַלע מאָל שטיין געבליבן ביי זיין בעט טרויעריק, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אָבער דאָס פּנים זייַנס האָט נישט אויסגעזאָגט פון קיין גרויסן טרויער. און פון צייט צו צייט האָט עמעצער אים אַרייַנגעזאָגט אַ סוד אויפן אויער:

— וואָס האָסטו צו זאָרגן, יוסל, באַלד וועסטו דאָך ווערן אַ גביר אין שטאָט. יאָסל האָט נישט רעאַגירט דערויף.

קען איך נישט זאָגן, אַז די קינדער און אייניקלעך וואָס האָבן גע־וואָלט, אַז שמחה זאָל לעבן זענען געווען אַזוי פּאַסיוו צום ענין פון דער ירושה זייערער. אומגעקערט, דאָ האָב איך געפונען אַ סך וואַכקייט. איין טאָכטער דער צווייטער האָט געהיט, אַז זי זאָל נישט בלייבן מיט שמחהן אַליין. איין איידעם האָט געהיט דעם צווייטן, איין אייניקל האָט געהיט דאָס צווייטע. טאָמער כאַפּט ווער פון שמחהן אַ שריפט, אָדער אַ וואָרט אויף אַ גרעסערן חלק פון ירושה. און אָט איז געקומען דער מאָמענט.

**
*

איך געדענק, אַז עס איז געווען אַ פאַרנאַכט, די האַרבסט זון האָט זיך אַוועקגערוקט פון פענצטער, איבערלאָזנדיק נאָר אַ געוויסע טרויעריקע

רויטלעכקייט אין רוים פון שטוב. ליכט האָבן געברענט, דאָס האָבן די פעלדשערס און דאָקטוירים נויטיק געהאַט איבערצוקאָכן עפּעס אַ מע־דיצין, דער גוטער יאָר ווייסט זיי ביז היינט וואָס. האָבן די ליכט גע־ברענט, ברענגענדיק עפּעס אַ טרויער ווי אין אַ יום־כּפּור פאַרנאַכט. און דעמאָלט איז יעדער אָוועק פון בעט מיט איין וואָרט: „עס איז שלעכט", קיינער האָט אָבער ווייטער נישט געוווסט צו זאָגן מיט וואָס עס איז „שלעכט".

פּלוצלינג מיטאַמאָל האָט שמחה אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַז אַלע קינדער זאָלן זיך דערנענטערן צום בעט. דער ווונק איז געקומען נאָך אַ סודען זיך מיטן שכן לייביש בערן, וואָרשיינלעך, אַז ער זאָל זיין אַן עדות אויף דער צעטיילטער ירושה.

און באַלד האָט ער גענומען רעדן צו די קינדער. די ערשטע איז גע־ווען מינדעלע, מיט איר האָט שמחה נאָך באַוויזן צו רעדן אַ פּאָר ווער־טער. עס איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז זי זאָל זיין די יורשטע פון ביסל געבליבענעם גלאָז, פון די דימענטן, און אויב מעגלעך זאָל זיך נאָך פירן דאָס גלעזעריי ווייטער. ער האָט צוגערופן מיין מוטער, צו איר האָט ער קנאַפּ וואָס גערעדט, נאָר ווען ער האָט געהייסן צוגייןביידע איידעמס צו זיך, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צום דרויסן. לייביש בער האָט עס אויסגעטייטשט, אַז שמחה מיינט, ביידע איידעמס צו צעטיילן די מויער.

שמחה האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו די מענטשן דורך די טרערן און מיט אַ געבראָכענער שטים. איך געדענק נישט וואָס ער האָט גערעדט צו אַנדערע, נאָר צו מיין פאָטער האָט ער געזאָגט:

— איצל, מיין איידעם, מיט דיר האָב איך זיך דאָך אָממיינסטן גע־קריגט, ווייס זשע אָבער, אַז אַ טאַטע צו אַ קינד איז קיינמאָל נישט שלעכט, זיי מיר מוחל אויף דאָס בייזע, זאָל דאָס גוטע נאָר קומען צו דיר.

און ער האָט מיין פאָטערס האַנט לאַנג געהאַלטן.

צוגערופן צו זיך יאָסלען, זיין ברודער, און די אַלע גלעזערס נעבן אים, מיט וועלכע ער האָט זיך צעזעגנט, האָט ער געבעטן פון רבקהן, אַז

זי זאָל אים דערלאַנגען דעם שפּיגל פון דער וואַנט, פּאַקטיש איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אַז שמחה זאָל זיך אָפּשפּיגלען.

דערנאָך, אַז ער האָט שוין מיט גרויסע בלויע אויגן אַריינגעקוקט אין שפּיגל מיט רואיקער שטילקייט אַ מינוט אָדער צוויי, האָט ער געהייסן דעם שפּיגל אוועקנעמען, האָבן זיך די בלויע אויגן ביסלעכווייז גענומען שליסן, און דאָס פּנים קאַפּריזנע אָפּציטערן. עס האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז ער וויל זאָגן, זיינע שטענדיקע ווערטער, אַז ער איז געווען די בין וואָס שטעכט, גיט אָבער איר האָניק אָפּ צו דער וועלט.

און דערמיט איז פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק שמחה גלעזערס מויל.

* * *

אויף צומאָרגנס האָט מען געזען איבער די גאַסן די לויה. עס איז באַכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט. צווישן די ערשטע זענען געווען די גלעזערס מיט שלמה גוי אין דער שפּיץ, און גראָד ער האָט מוראדיק געריטשעט, געוויינט, געריסן זיך ביטער די האָר פון קאָפּ.

— צוויי גוטע ברידער געווען, האָט ער דערציילט מיט אַ קלאָג־טאָן די ווערטער, ביידע געאַרבעט, געקראָכן אויף לייטערס, אויף רישטאָ־וואַניעס, און ווו ביסטו מיר היינט, שמחה? און אויך קאַזשעניצקין מיט זיינע איידעמס און טעכטער האָט מען געזען, אין דער ערשטער ריי ישׂראל־טשע ראַטבאַרדן, וואָס ער האָט געטון? ער האָט זייער און זייער טרויע־ריק געבאַמקעוועט.

עס איז נאָר צו באַמערקן, אַז ווען מיר האָבן אויף צומאָרגנס גענו־מען דעם לאָקשן ברעט, דעם פאַרשריבענעם, האָט מען געקענט זען, אַז דאָס איז די צוואה פון שמחה גלעזער, ווייל דאָ איז אָנגעוויזן געוואָרן ווו עס זענען זיינע קניפּלעך און ווער עס זאָל זיי נעמען.

אין שטאָט האָט מען גערעדט וועגן „ליבן פּאָרל" שמחה גלעזער און זיין ווייב רבקה וואָס זענען די לעצטע פון די דורות גלעזער און אַז מיט זיי האָט זיך עס געענדיקט.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט זענען דערשינען

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אֶלחנן ציישלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געבערענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס-לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב
45) ד"ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואנדער
48) ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד איינס
49) ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד צוויי
50) ד"ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה-קאַהאַן: אין פייער און פלאמען (טאָג-בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן (זכרונות)
54) יצחק פּעולאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אש: פּעטערבורג
57) שלום אש: וואַרשע
58) שלום אש: מאָסקווע
59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", ערשטער באַנד
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פון פארלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאס פוילישע יידנטום

חיים לייב פוקס שרייבט וועגן „יארן אין וואנדער" פון אברהם זאק („ציוניסטישע שטימע", פאריז, 25טער נאוועמבער 1949):

אין דעם לעצטן בוך לידער פון אברהם זאק זעט זיך בולט דער בלוטיקער חותם פון אונדזער טראגישער צייט און די פיין־יארן פון אונדזער פאלק.

אין יעדן ליד ציטערט דער דיכטערישער אומרו, וואס גייט מיט מיטן דיכטער און בעט זיך: באשאף מיך, גיב מיר א פנים לדורות, ווען עס וועלן שוין נישט זיין קיין לעבעדיקע עדות.

דאס נייע בוך איז דעריבער דער דיכטערישער דאקומענט, וואס וועט דערציילן וועגן די אלערליי פיינען, וואס אונדזערע ברידער זענען אויסגעשטאנען און איבערגעלעבט אין די יארן פון 1939 ביז 1945 אין אלע ערטער, ווו זיי האבן זיך נאר געפונען.

עס איז דאס בוך מיט געפילן און שטימונגען פון יחידים, אבער צוזאמענגענומען זענען עס די געפילן פון כלל, פון אונדזער פאלק, די געפילן, וואס אברהם זאק האט אויפגענומען און אויסגעווארעמט אין זיין נשמה און ארויסגעברענגט אין ליד.

אין דער פלוגתא צי מעג דער דיכטער איבערגעבן אלע בילדער פון זיין צייט אפילו די נישט גענוג כאראקטעריסטישע, האט אברהם זאק גע־פסקנט, אז נישט נאר דער יידישער דיכטער *מעג* זיי אריינגעמען אין זיין אוצר, נאר ער *מוז* זיי פארחתמענען מיטן זיגל פון דיכטונג, כדי עס זאל נישט פארלוירן גיין קיין איין שטריך, כדי מיר זאלן נישט עובר זיין אויפן לאו פון „געדענקען", וואס עמלק און אנדערע אונדזערע שונאים האבן מיט אונדז געטון.

און גוט האט געטון אברהם זאק, וואס ער האט *אלע* געפילן, אלע פיינען אנגעהויכט מיט זיין דיכטערישן געמיט. סיי די, וואס זענען ביי אים ארוים אין דער פארם פון לירישע רעפארטאזשן, ווי דער ציקל „ווארשע אין פייער", ווו ער גיט בילדעריש איבער די ערשטע טעג און מיט דעם די *ערשטע* גרוילן פון דער דייטשער הערשאפט איבערן יידישן ווארשע, אבער ווי דער דיכטער פילט שוין די גרויסע געפאר בכלל — און סיי אין די אנדערע וויזיאנערישע לידער, ווי „יזכור", „עס ברומט די ערד", „א מיידל פון אשוויענטשים" און אנדערע.

אברהם זאק ווייסט זיין וועג — זיין אופן פון צוקומען צום יידישן

מענטש, ער קען די יידישע נשמה און פילט זי אַדורך און אַדורך.

און ווייל א. זאַק ווייסט, אַז אויף יעדן פון אונדז הויערט דאָס גרויסע געבאָט פון ג ע ד ע נ ק ע ן, דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די „יאָרן פון וואַנדער", גיט ער אונדז זיין ליד מיט דער פשטות. מיט דער זעלבער שטימונג פון אונדזערס אַ מענטשן, וועלכע האָבן דאָס אַליין איבערגעלעבט און אַליין אויסגע־טראָגן אין אונדזערע חלומות און אונדזערע פיינען.

ווען מיר לייענען דעם גרויסן ציקל לידער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „נע־ונד", פילט מען פון יעדער שורה, ווי דער דיכטער רעדט אַרויס דעם שטילן ווייטיק פון יענע, וואָס זענען מיט אים געגאַנגען פון די ערשטע טעג, ווען דער דיכטער גייט אויף די גאַסן פון זיין אַלטן היים־שטעטל און עס דוכט זיך אים אויס, אַז ער איז שוין פריי פון די אַלע שרעק־געפילן פאַרן דייטשן שונא. אָבער שוין די יידן, וואָס שטייען אין רעדלעך אַרום אין מאַרק, פילן בחוש, אַז ס'איז נאָך נישט דער סוף פון פיין, אַז ווער ווייס וואָס ס'שטייט נאָך פאָר... און באַלד זעען מיר דאָס טרויעריקע בילד דורכן פענצטערל, וואָס דורך זייגע קראַטעס זעט דער דיכטער זיין וועלט, וואָס האָט געזאָלט אויפגיין מיט פרייד — נאָכן אָנקומען פון „באַפרייער". דער דיכטער ווערט דאָן פלוצים גרוי...

עס איז דער פיין פון טיפן האַרץ, וואָס רייסט זיך און וואָס קומט צום דיכטערישן אויסדרוק אינעם ציקל לידער „ווייטער צפון". מיר לעבן שטאַרק איבער די וויזיע פון „כל־נדרי ביי טשיבו". דאָס זענען די אי־בערלעבענישן פון די אַלע, וועלכע מען האָט מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון זייערע היימען און פאַרוואָרפן אויפן ווייטן צפון:

„דער מערב איז רויט און די זון ביים פאַרגיין"...

— אָדער

„טייגע אָז אַז אנהויב,
טייגע אַז אַ ברעג —
— זוד דאַ נישט קיין אויסוועג,
זוד דאַ נישט קיין וועג".

נישט קיין פויגל־טרעלן,
ס'גרילצן האַק און זעג.
וועלקט אַזוי דיין לעבן,
דיינע תפיסה־טעג.

זון גייט אויף, גייט אונטער
איבער וואַלד און פליין.
נאָר איך האָס איר שיינקייט,
נאָר איך האָס איר חן.

זענ זשע, האָט די יאַלקעס
שלעפּ דעם וויסטן יאַר.
דיינע שטילע טרערן
שלינגט נאָר איין דער מאָר.

עס איז דאָס ליד פון געפּייניקטן מענטש, וואָס איז איבערגעענטפערט געוואָרן צום וויסטן גורל. עס איז די שטילע מצבה־טרער נאָך די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען אין אַלע ערטער, ווו דער חורבן האָט זיי פאַרשלעפּט אין די בלוטיקע יאָרן פון אונדזער אומקום און דערפאַר קומט דעם דיכטער אברהם זאַק די גרויסע אָנערקענונג — ער האָט די אַלע שטילע פּיינען פאַרחתמעט אין פאַראייביקט לדורות, זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין, נאָר מ'זאָל זיי געדענקען — לזכרון עולם.

א באַזונדערן דאַנק קומט דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום” אין אַרגענטינע, וואָס טוט די הייליקע אַרבעט און גיט די מעגלעכקייט דעם לייענער נאָכאַמאָל איבערצולעבן דאָס אַלץ דורך די ביכער, וואָס דער פאַרלאַג גיט אַרויס מיט אַזויפיל פּיעטעט און ליבשאַפט און דערמיט שטעלט ער דעם אייביקן דענקמאָל דעם פּוילישן יידנטום, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן.

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de Julio Año del Libertador General San Martín, 1950 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN - Av. Corrientes 1976 - Buenos Aires.